STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03031

DANIYEL TSHARNI-BUKH

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דניאל טשארני־בוך

•

ארויסגעגעבן פונעם „דניאל טשארני־פאָנד“
ניו-יאָרק / פאריז / ווילנע

דניאל טשאַרני־בוך

רעדאַקטירט פון משה שאַליט

פאַרלאג פון אַ. ב. צעראַטא / פאריז

1939

שער־בלאַט און פּערער-צייכענונגען פון בען / לינאָטיפּיסט: ז. העלפּגאָט
טיפּאָגראַפיע: אַ. בּ. צעראַטאַ / געדרוקט אין דער דרוקעריי פון דער
סאָסיעטע פּאַריזיען ד'אימפּרעסיאָן, 4 און 5, רי סאָלניע אין פּאַריז (9)

---

daniel tcharny-buch / copyright 1939 *by «daniel tcharny-fond», new-york, paris, wilno / imprimerie: société parisienne d'impressions,* 4 *et* 5, *rue saulnier, paris* (9e)

---

p r i n t e d   i n   f r a n c e

אינהאַלט

זייט 10 | פון דער רעדאַקציע
12 | ב. וולאַדעק: דאַניע
16 | משה שאַליט: דניאל טשאַרנים לעבנס-וועג

לידער-מתנות:

22 | מ. בראָדערזאָן: כשוף
24 | ב. לאַפּין: דער גאַסט
26 | ה. לייוויק: אַלע דיינע טירן
29 | רחביה מאַגיליוקער: טאַנץ-לידער
30 | איציק מאַנגער: לאַמיר-זשע זינגען
32 | לייב ניידוס: סאָנעטן
34 | דוד פּליסקין: די בין און דער שמעטערלינג
35 | י. ד. קאַמזאָן: דניאל טשאַרני-לידער
36 | אברהם רייזען: נייער לידער-רינג
40 | פ. שמידט: זאַפּטיק-פּריש

אַרטיקלען און רעצענזיעס:

42 | ה. אַבראַמאָוויטש: ערשטקלאַסיקער מעמוארן-ראָמאַן
44 | זישע באַגיש: אַ לירישע אויטאָביאָגראַפיע
47 | יעקב באָטאַשאַנסקי: דניאל טשאַרני גייט באַרג אַרויף
51 | נ. בוקסבוים: תחית המתים-איבערלעבונגען
55 | שלמה ביקל: אַ צווייטע יעקב דינעזאָן-געשטאַלט
56 | משה בלעכער: די געשיכטע פון אַ וואונדער-לעבן
57 | יעקב גאָטליב: מיטן פּנים צו דער וועלט
60 | נ. י. גאָטליב: מיטן אימפּעט פון זיין בלוט
32 | ב. צ. גאָלדבערג: אַן אוקראַאיניזירטער ליטוואַק
64 | יוסף גאַר: אונדזער טאַפּעלער יובילאַר
66 | יעקב גלאַנץ: באַרג אַרויף פון אונדזער אינטעליגענץ
71 | א. י. גראָדזענסקי: צוריק אַ היים
73 | נ. גרינבלאַט: דער דיכטער און פּראָזאיקער
76 | סאָפיע דובנאָוו-ערליך: אַ קאַמעראַלער דיכטער

זייט	78	נ. וויניג: אַ באַנד ליריק אין פּראָזאַ
	82	ז. וויינפּער: דניאל טשאַרני
	87	ש. ז.: אַ סינטעז פון דיכטער און מענטש
	88	ש. ד. זינגער: פון אַ בריוו צו אַ פריינד
	90	א. טאַבאַטשניק: חשבון הנפש־דיכטונג
	92	משהל יאַוואָרקאָווסקי: אַ שול־אַרבעט
	94	ב. לאַפּין: דער גוטמוטיקער און מענטשלעכער
	97	וו. לאַצקי־בערטאָלדי: אַ יונגער בעל־זכרונות
	101	לייבוש לעהרער: אַ ביאָגראַפיע פון אַ דור
	105	יעקב לעשצינסקי: דער פיל־געשטאַלטיקער
	106	ש. מאַראַוויטש: אַ בוך פון אַ גרויסן קינסטלער
	107	אהרן מאַרק: סינטעז פון געשיכטע און דיכטונג
	111	יודל מאַרק: ער ווייסט דעם סוד
	113	ד״ר א. מוקדוני: קלאַסישע זכרונות פון אַ מוזיניק
	117	נחמן מייזיל: בלעטלעך פון אונדזער לעבן
	120	ל. נ. מנחם: מיט מזל זאָלט איר לעבן
	121	וו. מער: אַ באַרעכטיקטער וואונטש
	125	ש. ניגער: אפשר איז אויך דאָס איבעריק?
	126	ד״ר מ. סודאַרסקי: דער דיכטער און כלל־טוער
	129	י. סיגעל: נאָך מער ווי אַן אויטאָביאָגראַפיע
	131	צעציליע סלאַפּאַק: דער שמייכלענדיקער וואַנדערער
	133	גרשון פּאָמעראַנץ: אַ ספר צום לייענען און לערנען
	136	א. מ. פוקס: אַ מעשה בגימל אחים
	139	לאַטע פידלער־מלאך: דניאל טשאַרני ביים שרייב־טיש
	142	לעאָ פינקלשטיין: פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט
	145	נ. פראַנק: דער „משולח"
	147	יהודה פריד: זאב וואָלף טשאַרני
	148	פּרץ צונזער: אַ בוך פון טיפסטן נחת רוח
	150	אַ. ב. צעראַטאַ: דער דוקאָרער אין פּאַריז
	152	ד״ר י. ב. צפּור: דאָס בוך פון היימישקייט
	155	ר. צרפת: אונדזער אַלעמענס דוקאָר
	157	לאַזאַר קאַהאַן: מיטן וואַנדערשטעקן אין האַנט
	160	ש. קאַלדאָווסקי: הומאָר און נשמהדיקייט
	161	ב. קאַצענעלזאָן: „לייכטע פערזן"
	162	מ. קיטאַי: דער וועלט־בירגער פון יידישלאַנד
	165	י. קלינאָוו: אַ בריוו צו דניאל טשאַרנין

זייט 171 מלך ראוויטש: אַ לעבעדיק און גרויזאַם בילד
173 י. ראָזענבוים: אַ געווינס פאַר דער יידישער ליטעראַטור
175 י. ראַפּאָפּאָרט: פונקען פון אַ פלאַם
178 ד"ר ישראל רובין: דניאל איש חמודות
187 אברהם רייזען: אַ שעפער פון פיינסטן פאַרנעם
190 זלמן רייזען: דניאל טשאַרני אין ווילנע
192 מאַרק שאַגאַל: פאַרוואָס האָב איך ליב טשאַרנין?
195 משה שאַליט: אַ שטיק יידיש לעבן פון אַמאָל
198 ב. שלעווין: אויף די שפּורן פון דניאל טשאַרנין

דניאל טשאַרני — געקליבענע לידער

202 אינהאַלט פון דניאל טשאַרנים געקליבענע לידער

ביבליאָגראַפיע:

272 ליטעראַרישע אַרבעטן פון דניאל טשאַרנין
274 דניאל טשאַרני וועגן אַנדערע שרייבערס
278 וועגן דניאל טשאַרנין
285 באַריכט פון דניאל טשאַרנים יובליי־אָוונט אין פּאַריז
287 באַגריסונגען

פאָטאָגראַפיעס:

13 ב. וולאַדעק און דניאל טשאַרני
27 דניאל טשאַרני און ה. לייוויק
70 גרופּע־בילד
124 ש. ניגער און דניאל טשאַרני
193 מאַרק שאַגאַל און דניאל טשאַרני

פעדער־צייכענונגען פון בען:

200 דניאל טשאַרני (קוילשטיפט־צייכענונג)
205 פּופּציק יאָר מיינע
214 וואו נעמט מען אָדלער־פליגלען
235 ס'וויגט זיך ווי אַ מולטערל מיין שיף
243 דער צעשאָסענער ציפערבלאַט
250 צופוסנס דעם אייפל־טורעם
258 כ'קוש דיר אוים אַ מגן דוד

JEWISH PEOPLES LIBRARY

פון דער רעדאַקציע

לויט דער איניציאַטיוו פונעם „פאַריין פון יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן" אין ווילנע זענען לכבוד דניאל טשאַרנים טאָפּעלען יובילײ (50־יאָריקער געבוירנס־טאָג און 30 יאָריקע ליטעראַרישע און געזעלשאַפט־לעכע טעטיקייט) אָרגאַניזירט געוואָרן אין אייניקע לענדער „דניאל טשאַרני־קאָמיטעטן", וואָס האָבן געשאַפן אַ „דניאל טשאַרני־פאָנד".

ביז איצט האָבן זיך אין די „דניאל טשאַרני־קאָמיטעטן" אָנגעשלאָסן פאָלגנדיקע אָרגאַניזאַציעס, געזעלשאַפטן און יחידים:

פון אַמעריקע: אַרבעטער־רינג, אַמעריקאַנער „אָרט"־פעדעראַציע, י. ל. פרץ־שרייבער־פאַריין, פען־קלוב. י. אָפּאַטאָשו, דוד איגנאַטאָוו, י. ב. ביאַלאָסטאָצקי, ב. צ. גאָלדבערג, ד"ר א. גינצבורג, פרץ הירשביין, י. י. זינגער, ז. וויינפער, ב. וולאַדעק, ד"ר חיים זשיטלאָווסקי, יעפים ישורין, י. כאַנין, ב. לאַפּין, ה. לייוויק, א. ליעסין, מאַני לייב, ד"ר א. מוקדוני, ש. ניגער, דוד פינסקי, נ. פיינערמאַן, ב. צביון, אַלעקסאַנדער קאַהן, אברהם רייזען, ד"ר י. שאַצקי.

פון פראַנקרייך: שלום אַש, דוד איינהאָרן, בן־אדיר, ד"ר דזשיימס בערנשטיין, ד"ר ל. בראַמסאָן, ד"ר י. ברוצקוס, א. דיזשור, א. טשעריקאָווער, ד"ר א. סינגאַלאָווסקי, ישראל עפּרויקין, וו. ראַסין, מאַרק שאַגאַל, ז. שניאור.

פון פוילן: „פאַריין פון יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן" אין ווילנע, צענטראַלער בילדונגס־קאָמיטעט (צ' ב' ק'), געזעלשאַפט פאַר ספּע־ציעלער דערציאונג פון אָפּגעשטאַנענע קינדער, מ. בראָדערזאָן, א. י. גראָד־זענסקי, חיים גראַדע, י. גיטערמאַן, ד"ר מ. ווייכערט, ד"ר מ. וויינרייך, יוסף טונקעל (דער טונקעלער), יוסף טשערניכאָוו, יעקב לעשצינסקי, איציק מאַנגער, ז. קאַלמאַנאָוויטש, ד. קאַפּלאַן־קאַפּלאַנסקי, זלמן רייזען, משה שאַליט, ירמיהו שאַפּירא, ב. שעפנער.

פון ליטע: ד"ר ב. גאָלאָך, ד"ר מ. סודאַרסקי, י. ראָזאָווסקי, רעד' ר. רובינשטיין, ט. שערעשעווסקי.

פון לעטלאַנד: פּראָפ' ש. דובנאָוו, א. ראַבינאָוויטש, י. ראָזענבוים.

פון ענגלאַנד: ד"ר יאָכעלמאַן, י. אַ. ליסקי, רעד' מאָרים מייער, משה עובד, ד"ר י. נ. שטיינבערג.

פון אויסטראַליע: ש. בריליאַנט, ש. ווין, א. פּאַטקין, ש. ראָז, י. שער.

פון אנדערע לענדער: ד"ר ש. ביקל (רומעניע), י. האַלברייך (עסטלאַנד), וו. לאַצקי־בערטאָלדי און ד"ר י. רובין (ארץ־ישראל).

אַ דאַנק דער ענערגישער טעטיקייט פון די „דניאל טשאַרני־קאָמיטעטן", איז געלונגען אין אַ גאַנץ קורצער צייט צו שאַפן די ערשטע מיטלען, כדי צו קאָנען אַרויסגעבן דאָס פאַרליגנדיקע יובילײ־בוך.

ניט אַלע אַרטיקלען און רעצענזיעס, וואָס זענען ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן געשריבן געוואָרן וועגן דניאל טשאַרנין און זיינע ווערק, זענען דערגאַנגען צו דער רעדאַקציע.

די אַרטיקלען און רעצענזיעס אין אָט דעם בוך זענען מיטן אויסנאַם פון נ. וויינִיג, גרשון פּאָמעראַנץ, א. מ. פוקס, אַ. ב. צעראַטאַ, אברהם רייזען און ב. שלעווין געווען געדרוקט אין פאַרשידענע צייטונגען און זשורנאַלן. איינִיקע באַטייליקטע אינעם דאָזיקען בוך האָבן געהאַט געשריבן וועגן דניאל טשאַרנין מערערע אַרטיקלען. אָבער וועגן עקאָנאָמיע אין פּלאַץ האָט די רעדאַקציע זיך געמוזט אָפּשטעלן נאָר אויף איין אָדער העכסטנס אויף צוויי אַרטיקלען, וואָס זענען פאַרייניקט געוואָרן אין איינעם. אַנדערע אַרטיקלען און רעצענזיעס, אין וועלכע ס'זענען צו גענוי איבערגעגעבן געוואָרן דער אינהאַלט פון דניאל טשאַרנים ווערק אָדער ציטירט געוואָרן גאַנצע לידער, זענען געקירצט געוואָרן.

מיט אַ באַזונדערער פרייד, האָט די רעדאַקציע אַריינגענומען אין דעם „דניאל טשאַרני־בוך" די מתנה פונעם יובילאַר — אַ זאַמלונג אויסגעקליבענע לידער פאַר די יאָרן 1907 — 1938.

די לידער זענען איינגעטיילט געוואָרן אין זעקס פאַרשידענע ציקלען, וואָס כאַראַקטעריזירן צום בולטסטן דעם דיכטערס אַלזייטיק־שעפערישן גאַנג אין דער יידישער ליטעראַטור.

מיר האָבן אויך צוזאַמענגעשטעלט אַ דניאל טשאַרני־ביבליאָגראַפיע, וועלכע קומט צום סוף פון בוך.

די דאָזיקע ביבליאָגראַפיע איז, פאַרשטייט זיך, ווייט ניט קיין פולע און קיין פּינקטלעכע און מיר וואָלטן זייער געדאַנקט יענע פריינד און קאָלעגן, וואָס וואָלטן אונדז צוגעשיקט מילואים און אויסבעסערונגען צו דער דניאל טשאַרני־ביבליאָגראַפיע.

די רעדאַקציע דאַנקט די אַלע „דניאל טשאַרני־קאָמיטעטן" — באַזונדערס די הויפּט־טוער זייערע — די פריינד און קאָלעגן יעפים ישורין (ניו־יאָרק), א. דיזשור (פּאַריז) און א. י. גראָדזענסקי (ווילנע), וואָס האָבן דערמעגלעכט די אויסגאַבע פונעם דאָזיקן בוך און וועלכע באַמיען זיך ווייטער צו שאַפן נייע מיטלען צו קאָנען אַרויסגעבן אין דער נאָענטסטער צייט די געזאַמלטע ווערק פונעם יובילאַר.

ב. וולאַדעק / דאַניע

שוין פופציק יאָר ווי אַ דאַר מענטשל, מיט איינגעבויגענע אַקסלען און גרויסע אויגן שפּילט זיך מיטן לעבן.

דורכגעלעכערט פון אַלערליי חולאתן, דורכגעפרעסן פון לופּוסלעך, מיט אַ רעכטער האַנט, וואָס מען דאַרף שטענדיק באַהאַלטען, האָט ער זיך אַרויס־געוויזן קליגער און שטאַרקער פון אַלע בייזוויליקייטן און ברוטאַלע שפּיצ־לעך פון דער נאַטור.

דאָס לעבן, ווי אַ ריזיקע כוואַליע, הויבט זיך, וואַקסט, ווערט גרעסער און גרעסער און טוט זיך אַ לאָז מיט אור־אַלטן אימפּעט אויף דער שטערונג, וואָס רופט זיך „דאַניע". אַט־אַט און ער ווערט אויסגעמישט מיט דעם זאַמד און שטיינער פון ברעג און נאָר צעוואָרפענע ביינדלעך וועלן אַרויס־סטאַרטשען פון צווישן דעם שוים. אָבער דאַניע פאַרמאַכט די אויגן, טויכט אַריין אין סאַמע האַרץ פון כוואַליע, און קומט אַרויס מיט אַ מוטיקן שמייכל און — אַ ליד.

•

אומצייליקע דאָקטוירים האָבן פאַר פופציק יאָר אין הונדערטער קליניקס אים אָפּגעזאָגט דאָס לעבן; אַפּטייקערס זענען רייך געוואָרן פון זיינע זאַלבן און רפואות; באַרעמהאַרציקע שוועסטער האָבן הונדערטער מיילן גאַז פאַרברויכט צו באַנדאַזשירן זיינע וואונדן; קברנים האָבן שוין פאַר אים געהאַט קברים און אַרונס צוגעגרייט — און דאַניע טרינקט זיך זיי־נע צען־פופצען גלעזעלעך שוואַרצע קאַווע יעדן טאָג, זאָגט דעם מלאך־המות אַזוי גוט זיין צוצוואַרטן אין וואַרט־צימער, פאַררויכערט זיך אַ פּאַפּיראָסל און — שרייבט „באַרג אַרויף!"

•

קיינער וויל אים ניט! זיין היים, רוסלאַנד, האָט אים אומהיימלעך גע־מאַכט; פּוילן האָט אים דעפּאָרטירט; לעטלאַנד האָט אים דעפּאָרטירט; אַמעריקע האָט אים ניט אַריינגעלאָזן. אָבער ווי דאָס פאָלק וועמענס זון ער איז, ווי די זון, וועמענס שטראַל ער איז, שפּרייזט ער איבער דער וועלט מיט אַלע זיינע רעצעפּטן און מיחושן, ווי קיינמאָל גאָרניט געוועזן. און דעם זעכצעטן סעפּטעמבער 1937, ווען ער האָט אָפּגעריסן פון לוח

ב. וולאדעק און דניאל טשארני אין ווארשע 1936

דאָס לעצטע בלעטל פון זיין 50סטן יאָר, האָט ער אויסגערויבערט נאָך א פּאַפּיראָסל, אויסגעטרונקען נאָך א שוואַרצע קאַווע, אַרויסגעקוקט פון פענצטער מיט זיינע גרויסע קאַרע-בלוילעכע אויגן, אַביסל א הוסט געטון און — זיך ברייט צעשמייכלט.

ווייל דער איינציקער וועג דעם לעבן צו באַזיגן איז עס אויסצולאַכן און די געטער אַליין ווערן דערשראָקן, ווען זיי דערפילן דעם שאַרפן שפּיז פון מענטשלעכן הומאָר. איינגעוויקלט אין א שמייכל, באַגלייט פון אן עקשנות, וואָס ציט זיך צוריק הונדערטער, אפשר טויזנטער יאָרן, האָט דאַניע אויסגעברוקירט זיין וועג מיט ווייטאָגן און חולאתן, ווי א ברייטער וועג ווערט אויסגעפלאַסטערט מיט שטיינער, און ער שפּרייזט איבער זיי צו נייע זיגן. מיין נאַפּאַלעאָן פאַרגיסט ניט קיין בלוט אויסער זיין אייגנס, אָבער דערפאַר איז זיין זיג גרעסער, ווייל ער האָט באַזיגט א שונא, וואָס די שטאַרקסטע און די מעכטיקסטע האָבן ניט באַוויזן ביי-צוקומען — דעם שליח פון טויט, דעם מלאך המות!

•

דאַניע, וואָס פאַר א גרויסער נס דו ביסט און וואָס פאַר א גרויסן גאָט מיר האָבן, וואָס ער האָט אַזא נס געמאַכט!

דניאל טשאַרנים לעבנס־וועג

דניאל טשאַרני איז אַלט געוואָרן 50 יאָר.

אַ רייך און פילפאַרביק לעבן פון אַ מערקווירדיקן מענטשן, וואָס איז טיף אַריין אין אונדזער ליטעראַטור און געזעלשאַפטלעכקייט ניט מיט שטורעם און דראַנג, נאָר מיט אַ ליריש געמיט און גוטמוטיקן שמייכל.

ניט לייכט, ווי פיל קענען מיינען, איז ער דעם לעבן דורכגעגאַנגען — ניט פערזענלעך און ניט סאָציאַל.

קוקנדיק אויפן לעבן פילאָסאָפיש, פון אַ געוויסער הויך, דערשטיקנדיק די פיזישע ווייטאָגן פון זיין פילגעפרואווטן אָרגאַניזם, זייענדיק אַ סך מוחל, ווייל פאַרשטייענדיק די מענטשלעכע שוואַכקייטן, איז ער אַליין צו זיך און צו זיין אַרבעט תמיד זייער־זייער ערנסט און געוויסנהאַפטיק, אַרבעט פיל און מיט אַחריות און איז טאַקע באמת פאַרליבט אין דער נייער יידישער קולטור, אין וועלכער ער האָט אַזוי נאַטירלעך געפונען זיין היים און זיין לעבנסצוועק — און אויך זיין מנוחה און טרייסט צווישן די אָן אַ שיעור שטרויכלונגען און מחיצות אויף זיין גאָר ניט־לייכטן לעבנסוועג.

דניאל טשאַרני האָט דורכגעמאַכט דריי דורות (איצט זענען די דורות פיל קירצער) יידיש לעבן אין אַ ריי לענדער פון מזרח־ און מערבֿ־איי־ראָפּע, נעמענדיק אומעטום דעם נאָענטסטן און אינטימסטן אָנטייל דיר־רעקט אין שאַפונגס־פּראָצעס, הן ליטעראַריש, הן געזעלשאַפטלעך.

פאַרמאָגנדיק פיל איניציאַטיוו און פינקטלעכקייט אין אויספירן זיינע פליכטן, האָט ער אין די שווערסטע מאָמענטן פון זיין לעבן קיינמאָל ניט פאַרלוירן דעם מוט און דעם חשק צו אַרבעטן און איז תמיד אַרום דרייסט און גאַנץ, פול מיט לעבנסלוסט, פון די געפערלעכסטע סיטואַציעס, סיי גייסטיק און סיי פיזיש.

נע ונד פון לאַנד צו לאַנד, אָפטמאָל געצוואונגענערהייט (גירוש) האָט ער אומעטום, וואו ער איז נאָר געקומען, תיכף געשאַפן אַרום זיך אַ סביבה, אַ פאַרייניקונג פון אַלע קולטור־כחות, און איז ווי פון זיך אַליין אָפטמאָל געוואָרן דער צענטער, דער אָרגאַניזאַטאָר, דער מיטבויער און דער מיטאַרבעטער.

דער פיינער גייסט אין דער ליטעראַטור, דער טאַלענטפולער דיכטער, דער באַשאַפער פון אַ נייעם אייגנאַרטיקן מין קינסטלערישע מעמוארן מיט אַ

באזונדערן חן פון הומאָר און געמיטלעכקייט, אָבער אויך אויפריכטיקייט און ערלעכקייט. דער טרייער, געזעלשאַפטלעכער טוער פון אַ העכערן סטיל, דער פיינער מענטש און ליבער חבר — דניאל טשאַרני — האָט אריינגעשריבן אַ פאַרדינסטפולן בלאַט אין דער יידישער קולטורגעשיכטע פון דער נייער צייט. אין משך פון דריי צענדלינג יאָרן, וואָס די לעצטע פון זיי זענען די שרעקלעכסטע און גרויזאַמסטע אין דער היסטאָריע פון יידישן פאָלק און אין גורל פון דער וועלט.

מיט 30 יאָר צוריק האָט דניאל טשאַרני אָפּגעדרוקט זיין ערשט ליד. 50 יאָר לעבן און 30 יאָר פּאָעזיע (ווייל אויך זיין פּראָזע און זיין לעבנס-באַנעם איז פּאָעזיע) — זענען די סומאַרע דאַטעס פון דעם יובל.

און אָט זענען די איינצלנע פאַקטן און די וויכטיקסטע עטאַפּן:

דניאל טשאַרני איז געבוירן געוואָרן י״א תשרי, תרמ״ז (סעפּטעמבער 1887) אין קליינעם, רייסישן שטעטעלע דוקאָר, מינסקער גובערניע. זיין פאָטער זאב וואָלף — אַ הייסער ליובאַוויטשער חסיד — איז געשטאָרבן אין די מיטעלע יאָרן, איבערלאָזנדיק זעקס קינדער, פון וועלכע דניאל איז געווען בס״ה זעכצן חדשים אַלט. די מוטער ברכה (געבוירענע הורוויץ) וואָס האָט געצויגן איר יחוס פון של״ה הקדוש, האָט מיט גרוים מסירת נפש געהאָדעוועט די פינף זין און די בת יחידה, געבענדיק זיי, איבער די מעגלעכקייטן, די בעסטע דערציאונג. פון די פינף זין האָבן דריי אויף שטענדיק אריינגעשריבן זייערע נעמען אין דער יידישער קולטורגעשיכטע: שמואל ניגער, ברוך וולאַדעק און דניאל טשאַרני.

אין יאָר 1902 פאָרט דניאל טשאַרני אַריבער קיין מינסק, וואו עס לעבן זיינע עלטערע פיר ברידער. דאָ הויבט ער זיך אָן אינטערעסירן מיט דער יידישער, פּראָלעטאַרישער געזעלשאַפטלעכקייט און איז געווען אַ לענגערע צייט נאָענט צו די דעמאָלטיקע פּועלי-ציוניסטישע קרייזן. גלייכצייטיק ציט אים אַלץ מער צו דער ליטעראַרישער סביבה, וואו ער ווערט גאָר גיך אַן אייגענער מענטש.

אין יאָר 1907 פּובליקירט ער זיין ערשט ליד אין דעם זאַמלהעפט „ווינטער-אָוונטן — לכבוד חנוכה", אונטער דער רעדאַקציע פון ה. ד. נאָמבערג. אין יאָר 1908 פּובליקירט ער זיין ערשטע דערציילונג אין דער ווילנער טעגלעכער „צייט".

אַ קרענקלעכער און שוואַכער פיזיש — איז ער שטאַרק אין גייסט. זאַפּט איין אין זיך אַלע קולטורעלע אינטערעסן און פאַרמינערט אויף אַ האָר ניט זיין אימפּעט. ער מוז זיך אָבער בהכרח אָפּרייסן פון דער אַרבעט, כדי צו קורירן זיינע חולאתן.

שוין אין יאָר 1903, ווען ער באַזעצט זיך אין ווילנע, הויבט אים אָן אַ

דאַרטיקער פּוילישער דאָקטאָר, סווידערסקי, סיסטעמאַטיש צו היילן זיין כראָנישע הויט־קראַנקייט מיט רענטגען־שטראַלן. אין אָנהויב יאָר 1910 וואַנדערט דניאל טשאַרני אויס צוערשט קיין ווין און שפּעטער קיין בערן, וואו עס האָבן שוין פונקציאָנירט ספּעציעלע הייל־אַנשטאַלטן פאַר לופּוס־קראַנקע. אין יאָר 1913 מאַכט ער דאָרט, אין בערן, אויך דורך אַ לעבנס־געפערלעכע מאַגן־אָפּעראַציע. זיין כירורג איז געווען דער באַרימטער נאָבל־פּרייז־טרעגער, פּראָפ' ד"ר טעאָדאָר קאָכער.

אין זומער 1914, ערב דער וועלט־מלחמה, קערט דניאל טשאַרני זיך אום קיין רוסלאַנד, קיין ווילנע. ער נעמט אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער הילפס־אַקציע פאַר די יידישע פּליטים, וואָס זענען פאַרטריבן געוואָרן פון ווילנער און קאָוונער גובערניעס. אין חודש אויגוסט 1915, ערב דער דייטשער אָקופּאַציע פון ווילנע, עוואַקואירט ער זיך קיין מאָסקווע.

דאָן, אין מאָסקווע, אָרגאַניזירט ער דאָס ערשטע יידישע קינדערהיים אין מאַרינע־ראָשטשע (מאָסקווער פאָרשטאָט) און אַרבעט אַ לענגערע צייט אין מאָסקווער „אָפּע" („מפיצי השכלה") און „אָזע". אין יאָר 1916 פאָרט ער אַריבער קיין פּעטראָגראַד, וועו ער אַרבעט אַ לענגערע צייט אין „יעקאָפּאָ". סוף פון זעלבן יאָר ווערט ער מאָביליזירט אַלס „וויסער בילעט־ניק" אין דער צאַרישער אַרמיי, וואו ער פאַרבלייבט „דינען" ביז נאָך דער פעברואַר־רעוואָלוציע. ער קערט זיך דאַן אום קיין מאָסקווע, וואו ער ווערט סעקרעטאַר פון דער דעמאָלטיקער „פאָלקס־פּאַרטיי".

דניאל טשאַרני פאַרבלייבט אין מאָסקווע פון יאָר 1917 ביזן יאָר 1922. אין מאַי 1918 נעמט ער אָן אַ פּאָסטן אין דער פאַרלאַג־אָפּטיילונג פון דעמאָלטיקן יידישן קאָמיסאַריאַט, וואו ער אַרבעט ביזן יאָר 1922. ער רעדאַקטירט די וויכטיקסטע אויסגאַבעס פון יידישן קאָמיסאַריאַט, באַטייליקט זיך אין דער לידער־זאַמלונג „זאַלבעפערט" (פאַרלאַג „לעבן", מאָסקווע 1918). גלייכצייטיק שרייבט ער קינדער־מעשיות פאַר די היימלאָז־געוואָרענע קינדער. אין משך פון דעם פּעריאָד קומט אים אויס אַ סך צו באַשעפטיקן זיך מיט די יידישע רעפּאַטריאַנטן, ווי אויך מיט די יידישע עמיגראַנטן, וואָס האָבן אָנגעהויבן זיך צו ציען צו זייערע משפחה־לייט אין די מעבר־לים־מדינות.

סוף זומער 1922 פאָרט ער אַוועק קיין בערלין היילן זיך און קערט זיך אום קיין מאָסקווע האַרבסט 1923. אין דעם יאָר באַקענט ער זיך ברייט מיט דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט פון אויסלאַנד און פּובליקירט אייניקע אַרטיקלען וועגן דער יידישער לאַגע אין רוסלאַנד. אין מאָסקווע פאַרבלייבט ער אַ קאַרגן יאָר — און זומער 1924 וואַנדערט ער אויס פון מאָסקווע און באַזעצט זיך אין בערלין (אַ געוויסע צייט געוואוינט אויך

אין דאנציק). ער פאַרבינדט זיך מיט דער יידישער געזעלשאַפטלעכ־קייט אין דער גאַנצער וועלט און ווערט דער „אַמבאַסאַדאָר“ פון דער יידישער ליטעראַטור אין אויסלאַנד אין משך פון אַ לאַנגער ריי יאָרן. ער האַלט דעם דופק איבער די ניי־דערשיינונגען פון פיל יונגע שרייבער און דיכטער און באַקאַנט די לייענער־וועלט מיט די יידישע, ליטעראַרישע אויסגאַבעס פון די פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך פון ערד־קויל.

אין סוף יאָר 1925 פּרוּווט ער מאַכן אַ באַזוך זיינע ברידער אין אַמע־ריקע, ווערט אָבער פאַרהאַלטן אין עליס־איילאַנד און פון דענסטמאָל אָן האָט ער זיך נאָך מער אָפּגעגעבן דער רעטונגס־אַרבעט פאַר דעם יידישן עמיגראַנט. ער פּובליקירט אין אַמעריקאַנער „טאָג“ זעקס גרויסע אַרטיק־לען וועגן „טרערן־אינדזל“, וועלכע ווערן איבערגעדרוקט אין אַ ריי יידישע צייטונגען פון דער גאַנצער וועלט. פון יאָר 1927 אַרבעט ער אַלס פּרעסע־שעף אין דער פאַראייניקטער עמיגראַציע־געזעלשאַפט „היאַס“־„עמיגדי־רעקט“, וואו ער פאַרבלייבט ביז דער ליקווידירונג פון „עמיגדירעקט“ אין פּאַריז אין יאָר 1933. האַלט אָבער אָן ווייטער אַ קאָנטאַקט מיט די טוער פון „היאַס“ און „היצעם“, ניט אויפהערנדיק זיך צו אינטערעסירן מיט פּראָבלעמען פון יידישער עמיגראַציע און קאָלאָניזאַציע. פּסח־צייט 1929 מאַכט ער אַ רייזע איבער ליטע, לעטלאַנד און פּוילן און אין אַ סעריע אַרטיקלען אין אַמעריקאַנער „טאָג“ באַשרייבט ער די לאַגע פון די דאָר־טיקע, יידישע ישובים.

אין סוף יאָר 1934 עוואַקואירט ער זיך פון בערלין צוערשט קיין ריגע. שפּעטער קיין פּוילן (ווילנע, אַ קורצע צייט אויך אָטוואָצק — וואַרשע) וואו ער פאַרברענגט די יאָרן 1935 — 1936.

אָנהויבנדיק פון יאָר 1925 ביז איצט איז ער אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון ניו־יאָרקער „טאָג“ און „די צוקונפט“; בוענאָס־איירעסער „די פּרעסע“; קאָוונער „פאָלקסבלאַט“; וואַרשעווער „ליטעראַרישע בלעטער“ און אַ ריי אַנדערע. ער האָט מיטגעאַרבעט אין די „גרינינקע בוימעלעך“ (ווילנע, נאָך פון יאָר 1915) „ביכער־וועלט“, וואַרשע, 1928 — 1929, וואו ער האָט צווישן אַנדערע געדרוקט אַ ריי אַרטיקלען וועגן דער יידישער ליטעראַטור אין ראַטן־פאַרבאַנד (אַ טעמע, וועלכע ער האָט אייניקע מאָל באַרירט אויך אין אַנדערע אויסגאַבעס). ער האָט פאַרעפנטלעכט אַ גאַנצע ריי איבער־געזעצטע און אָריגינעלע קינדער־מעשיות, פון וועלכע אין בוך־פאָרעם זע־נען אַרויס: „דער קאַטער אין שטיוול“, „דער גאָלד־דורשטיקער קיסר“, „די פאַרכישופטע קרעטשמע“, „ווי איך קום אויף דער לבנה“ א״אַ. ער האָט געדרוקט איבערזעצונגען פון היינען, ניטשען, אַנאַקרעאָנען, לערמאָנ־טאָוון, פּושקינען א״אַ.

אָנהויבנדיק פון יאָר 1915 איז ער געזעלשאַפטלעך געווען טעטיק אין די צענטראַלע יידישע קולטור־ און הילפס־אָרגאַניזאַציעס, ווי „מפיצי השכלה" („אָפּע") ; „אָזע" ; „יעקאָפּאַ" ; „אידגעזקאָם" ; „אָרט" ; „היאס־עמיגדי־רעקט" ; „דזשאָינט" ; ייוואָ ; „דובנאָוו־פאָנד" א"אַ.

אין יאָר 1925 דערשיינט דניאל טשאַרנים ערשטע לידער־העפט „לייכטע פערזן" (פאַרלאַג „קולטור", ריגע).

אין יאָר 1927 דערשיינט דער ערשטער טייל פון זיין מעמואַרן־בוך „משפחה־כראָניק" (פאַרלאַג ב. קלעצקין, ווילנע).

אין יאָר 1929 דערשיינט אין בערלין זיין לידער־העפט „אונטערוועגס".

אָנהויב יאָר 1935 גייט אַרויס זיין מעמואַרן־בוך „בארג ארויף" (פאַרלאַג „ליטעראַרישע בלעטער", וואַרשע). אין יאָר 1938 דערשיינט אַ קיצור פון זיינע מעמואַרן, ערשטער טייל — פאַר קינדער — („אין דוקאָר", פאַר־לאַג „קינדערפריינד", וואַרשע).

סוף יאָר 1936 איז דניאל טשאַרני געצוואונגען אַלס אויסלענדער צו פאַר־לאָזן פּוילן (ווי פריער — בערלין און ריגע). ער באַזעצט זיך אין פּאַריז, וואו ער געפינט זיך ביז צום היינטיקן טאָג און אַנטוויקלט אַ לעבעדיקע טעטיקייט אויף אַלע וויכטיקסטע געביטן פון דער יידישער ליטעראַטור, קולטור און געזעלשאַפטלעכקייט, טרעט צו צום ערשטן אַלוועלטלעכן יידי־שן קולטור־קאָנגרעס (איקוף). זיין הויז אין פּאַריז ווערט, ווי אַמאָל אין בערלין, דער יידישער ליטעראַרישער „סאַלאָן", וואו ס'טרעפן זיך יידישע שרייבער, קינסטלער, קולטור־ און כלל־טוער פון פאַרשידענע לענדער. ס'דערגייען צו אים יידישע אויסגאַבעס — ביכער און צייטונגען, קאָ־רעספּאָנדענץ און גריסן — פון אַלע עקן וועלט, וואו עס ווערט גערעדט און געשריבן דאָס יידישע וואָרט.

צו דניאל טשאַרנים יובל האָט דער ווילנער „ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־פאַריין", אין וועלכן דניאל טשאַרני איז געווען אַן אַקטיווער מיטגליד, גענעבן די איניציאַטיוו פון ווילנע אויס — דער יידישער קולטורשטאָט, מיט וועלכער דניאל טשאַרני איז אַזוי אינטים פאַרבונדן — צו גרינדן אין אייניקע לענדער „דניאל טשאַרני־קאָמיטעטן" אויף אַרויסצוגעבן זיינע ווערק און אַ בוך וועגן אים. דאָס בוך ליגט איצט פאַרן לייענער.

די אויפגאַבע פון די קאָמיטעטן איז, אַז אויך די איבעריקע ביכער זאָלן ניט לאָזן לאַנג אויף זיך וואַרטן.

דניאל טשאַרני גייט זיין ווייטערדיקן לעבנסוועג — אויך דער וועג קען קיין אַנדערער ניט זיין ווי פון אַרבעטספרייד און שאַפונגסלוסט.

משה שאליט.

ווילנע, סעפּטעמבער 1938.

לידער־מתנות

מ. בראָדערזאָן / כשוף

אויף אַ שייד־וועג שטייט אַ קרעטשים,
שטייט אַ פּוסטע, וויסטע קרעטשים.
וואו בייטאָג איז שטיל און שרעקיק, שרעקעדיק און שטיל.
וואוינט אין קרעטשים קיינער, קיינער!
לאָדנס קריצן, ווי מיט ציינער...
ס'איז די טיר פאַרלייגט מיט שטיינער און מיט ביינער פיל,
וויל, אַ שטייגער, ווער דאָרט קומען
הויבט די שטילקייט אָן צו ברומען...
און אין אָדערן די בלוטן ווערן תיכף קיל.
קרייטעכצער און ווילדע גראָזן
האָבן רונד־אַרום פאַרלאָזן
יענע ווילדע, פּוסטע קרעטשים ביז — דעם מילנערס מיל...
נאָר ביינאַכט ווערט פרייליך דאָרטן:
ס'וואַקסט און בליט אַרום אַ גאָרטן,
פון דער קרעטשים ווערט אַ פּאַלאַץ, און דערין — אַ שפּיל.
ליכטיק ווערט אין אַלע שויבן.
ס'קומען מחנות שוואַרצע טויבן.
הויבן אָן די ליבעם פירן — שפּאַגל־נייע געפיל;
ווערן פעדערן געפאַרבטע
רויט געפאַרבטע און געקאַרבטע...
דעמאָלט — קומט אין קרעטשים אַלע, ווער נאָר ליבן וויל!
הערט, ווי ס'שפּילן כלי זמר פריילעך,
ווי לכבוד אַ בן מלך!
אַ בנעמותדיקער כשוף שיכורט אינעם שפּיל.
זיידנס — כּלערליי קאָלירן
אויף די קערפּער שימערירן,
טאַנצן דימענטן, בריליאַנטן — ווערט אַ פאַרבן־מיל!
און — אין הארבן שפּיל, אינמיטן
אויף דער שמחה קומט צו ריטן
אויף אַ ווינט — דעם מילנערס טאָכטער מיט מתנות פיל;
דעם אַ קוש, אַן אויגן־גלאַנצן,

יענעם — זיך אליין, אינגאנצן,
אינעם טאנצן, אין באקראנצן מיט די הענטלעך שטיל!
דעם — געשענקט א טיפן בענקען,
אייביק האבן צו געדענקען,
דעם — א זינג־וואָרט אויפן אויער! דעם געצייגט א ציל.
און עס לעבן אויף די ווייַנען,
שוימען, אין די כוסות שיינען,
ווייַנען טענהן אין די בלוטן... ס'ווערט א שד־געבריל:
„דו, אזוינע און אזוינע...“
„רחב קומט... די שיינע זונה...“
און ס'באקומט א קול פון דונער יעדע קליינע גריל...
אלץ אין זילבער איז געשפונען
פון יהושוע פון בן נונען —
אין לבנה אלע גופים.

פלוצעם — ווייטער שטיל.

ס'קומט דער טאג פון הארבסט דער גרויער.
געגעצט נאָענט אן אלטער פויער
און א טרויער גייט געלאסן, איינגעשרומפן, קיל.
און געהויקערט און געבויגן
שטייט די קרעטשמע איינגעצויגן.
וואו פארפלויגן איז דער כישוף —

אפשר צו דער מיל?...

ב. לאַפּין / דער גאַסט

ס'יאָגט אַ ווינט פון דיינע פּאָלעס,
און עס שמעקט פון דיר מיט ווייטן —
פרישער וואָרט — נאָך מיט דעם שאָלעכץ,
מיט דעם זון-פאַרברענטן הייטל;

רייד — ווי מעל פון גאַנצן קאָרן,
מיט דעם בערשטאַלדיקן קלייען;
ערשט פון ערגעץ אָנגעפאָרן,
ביסט אין וואַנדערניש פאַרטייעט.

פרעמד און ליב איז דיין באַרירונג,
און אַ פריינדלעכקייט — אַ גרייטע;
וואַכע חושים שפּירן, שפּירן,
גאַנג — אַ שטייניקער — אויף לייטער!

ליבער פרעמדער, אַזאַ נאָנטקייט
דו צעשפּרייטסט דאָ מיט דיין קומען;
טראָגסט אין טראָט ביי דיר אַ יום-טוב,
ווי ס'טראָגט יאַמשאַל — ים-געברומען.

פרייע שפּיגלען זיך די סטעפּעס
אין די אויגן דיינע בלויע;
פון דיין פרייד צעגייט, ווי נעפּל
אויך מיין איינגעקנוילטער טרויער.

און דיין יום־טוב — אזוי שטראַליק,
גרייטסט פאַר גאַנצער וועלט דיין סעודה ;
ביסט געקומען אויסצושאַלן
רוף צום ווייטן, ווייטן ברודער !

ס'איז די זון מיר אויפגעגאַנגען
אין דער אַנדערשקייט אין דיינער ;
מיינע ליכטיקסטע פאַרלאַנגען —
אין די אויגן דיינע שיינע !

ה. לייוויק / אַלע דײַנע טירן

אַלע דײַנע טירן זענען ברייט אָפן
צי אין פֿריער, צי אין שפּעטער שעה —
וויפֿיל מאָל בין איך פֿון דיר אַנטלאָפֿן,
צום וויפֿלטן מאָל בין איך צוריק דאָ?

צוריק דאָ אין דײַנע פּיר אײַלן,
וואָס שפּרייטן זיך פֿונאַנדער ביז אין־סוף,
איך עפֿן מײַן מויל דײַנע וואונדער דערציילן,
און בלײַב אַנטשוויגן אַזוי ווי אין שלאָף.

די שטילקייט קוואַלט מיט קוואַלן־תענוג,
איך דריי מיך צונויף אין אַ רינג פֿון פֿרייד;
די זעלביקע שטילקייט האָט מיך נעכטן געפּייניקט
און אַברימווייז מיך פֿונאַנדערגעשיידט.

בין מקבל באהבה אַלע יסורים,
כּדי האָבן די זכיה צו זײַן דער שטאָף
פֿאַר אַ נייעם, אויסגעלייטערטן פֿורעם,
וואָס פֿורעמט זיך אויס אין הארץ פֿון אין־סוף.

און וויפֿיל לעבן אין מיר איז פֿאַראַנען
גיב איך עס אַוועק אין וועלטס רשות;
מײַן קיניגרײַך איז איצטער יאָ פֿון דאַנען —
און דאָס צו זאָגן איז מײַן לעצטער זכות.

איך נעם צוזאַמען מײַנע ביידע אָרעמס
און איך ריר זיך צו קיין זאַך מער ניט צו.
איבער מיר — דער אָדלער, אונטער מיר — דער וואָרעם
און איך בין זייער ביידנס גלײַכע רו.



דניאל טשארני און ה. לייוויק אין פאריז 1937

רחביה מאגיליוקער / טאַנץ-לידער

1

בּרודער, מיינער! האָסט די לידער דיינע נאָך ניט גאַנץ
אין פייער־פלאַם פון שייטערהויפנס אויסגעטאַנצט.

כ׳ווייס, אַז דו אַליין ווערסט אָפּט פאַרצערט פון דיינע רייד,
וואָס בינדן דיך מיט אַלעמען און האַלטן דיך צעשיידט.

פערזן, ווי פאַרשעמטע געסט פון קיינעם ניט פאַרבעטן.
וועט מען זינגען זיי, צי וועט מען זיי צעטרעטן?

טאַנצנדיק דיין לידער־טאַנץ — ווערסטו אַליין דיין קרבן:
וויפל לידער אויסגעטאַנצט — אַזויפיל מאָל געשטאָרבן!

בּרודער, מיינער! האָסט די לידער דיינע נאָך ניט גאַנץ
אין פייער־פלאַם פון שייטערהויפנס אויסגעטאַנצט!

2

אויף דיין לעבן ליגט פאַרשפּרייט
דער שאָטן פון דיין מאַמעס שבת־קלייד,
וואָס ליגט פאַרמשכנט פאַר אַ שטיקל ברויט.
אויף דיין לעבן, ווי אַ וואָלקן שוועבט
דער שאָטן פון די שבת־לייכטער,
פאַרמשכנטע פאַר אַ רעצעפּט.
און אויף דיינע לידער אָנגעטון אין פראַק —
פלאַטערט נאָך דער שאָטן פון דעם טאַטנס זאַק
אָנגעפּילט מיט טרויער און בטחון —
און מיט זיי אינאיינעם פלאַטערט דיין נצחון.

איציק מאַנגער / לאָמיר־זשע זינגען

לאָמיר־זשע זינגען פּשוט און פּראָסט
פון אַלץ, וואָס איז היימיש, ליב און טייער:
פון אַלטע בעטלער, וואָס שעלטן דעם פּראָסט
און פון מאַמעס, וואָס בענטשן דאָס פייער.

פון אָרעמע כּלות, וואָס שטייען מיט ליכט
פאַר בלינדע שפּיגלען שפּעט ביי נאַכט,
און יעדע זוכט דאָס נאָענטע געזיכט,
וואָס האָט איר ליבע אויסגעלאַכט.

פון גורל־וואַרפער, וואָס רעדן פאַרשטעלט
און נאַרן די לעצטע גראָשנס אויס
ביי עגונות, וואָס שעלטן די וועלט,
און גייען דורך הינטער־טירן אַרויס.

פון דינסטן, וואָס האָרעווען ביטער־שווער
און באַהאַלטן דעם בעסטן בּיסן
פאַר די זעלנער, וואָס קומען ביי נאַכט,
די באַלעבאַטים זאָלן ניט וויסן.

לאָמיר־זשע זינגען פּשוט און פּראָסט
פון אַלץ, וואָס איז היימיש, ליב און טייער:
פון אָרעמע מאַמעס, וואָס שעלטן דעם פּראָסט
און פון בעטלער, וואָס בענטשן דאָס פייער.

פון מיידלעך, וואָס וואַרפן זומער־צייט
ממזרים הינטער פרעמדע טירן
און ציטערן פאַר מונדירטע לייט,
וואָס קענען דערפאַר אין תּפיסה פירן.

פון קאַטערינקעס, וואָס סקריפּן שווער
פרייטאָג ביי טאָג, אין אָרעמע הויפן,
פון גנבים, וואָס האָבן פאַרפּאַסט,
און מוזן איבער די דעכער אַנטלויפן.

פון שמאַטע־קלויבער, וואָס גראַבלען אין מיסט,
און מיינען: זיי וועלן אַן אוצר געפינען,
פון דיכטער, וואָס האָבן געגלויבט אומזיסט
די שטערן — און זענען אַראָפּ פון זינען.

לאָמיר־זשע זינגען פּשוט און פּראָסט
פון אַלץ, וואָס איז היימיש, ליב און טייער:
פון אַלטע לייט, וואָס שעלטן דעם פּראָסט,
און פון קינדער, וואָס בענטשן דאָס פייער.

לייבניידוס / סאָנעטן

1

אמאָל־אמאָל ביסטו געווען לבנהדיק,
און תפילהדיק, און צערטלעך, ווי אַ קרעל.
דו ביסט געווען אַ יונגער מענעסטרעל,
וואָס ליבט זיין ליד, ווי ס'ליבט די בין איר האָניק.

ס'איז פאַרזיכטיק געווען און דין־טאָניק
דיין רירנדער, דיין ציטערדיקער טרעל,
נאָר ס'בליט שוין לאַנג אויף איר אַן אימאָרטעל
און ס'איז דיין שלאָס שוין מער ניט ווייס־קאָלאָניק.

מיר דוכט — ס'האָט אַ פאַרשאָלטענער לוציפער
געמאַכט דיך פאַר אַ לייכטזיניקן שטיפער,
און כאָטש געצויגן סודיק מיט זיין בלאַנק
האָט מיך נאָך יענער טעמפּל־שטראַל, דער בלאַסער —
דאָך גיב איך דיר מיט ליבע מיין געשאַנק,
וואָס בלאַנקט מיט אַ געשליפנקייט פאַרנאַסער.

2

ער בלאַנקט מיט אַ געשליפנקייט פאַרנאַסער —
מיין שטרענג־געטאָקטער, זיכערער סאָנעט:
ער איז, ווי אַלט־פראַנצויזישער קלארעט
צעשוימט, און שטאַרק, און אָן אַ טראָפּן וואַסער.

מיין שרייבן איז אַ העזהדיק געוועט
מיט אַלע מיינע פריינד און אַלע האַסער.
מיין שרייבן איז אַ זוניק קול מבשר,
וואָס רופט, און רייצט, און צינדט זיך אָן, און גלעט.

איך טרינק זיך שטענדיק אין אַ גאַנצן ים
פון אַלמאַדינען, פּערל, כריזאָליטן,
און לעבן — לעב איך אָדער אין סיאַם,
צי ביי דעם ברעג פון פּייערלעכן גאַנג,
דאָרט, וואו ער שווענקט די מירמלדיקע פּליטן
פון פּאַגאָדעס, וואָס שטייען שטאָלץ און באַנג.

3

אָ, פּאַגאָדעס, וואָס שטייען שטאָלץ און באַנג!
עס וועט מיין טרוים זיי קיינמאָל ניט פאַרראַטן,
נאָר אין דיין בליק — אי דורשטיקן, אי מאַטן
דערוועקט קיין פונק מיין פיבערדיקער קלאַנג.

דו ביסט אַ קינד פון רגעדיקע טאַטן —
דאָס וויים איך גוט, און דו — דו ווייסט עס לאַנג!
מיר דוכט זיך אָפט, דו גייסט מיט אַ געזאַנג
אויף דינסטע און אומזיכערסטע קאַנאַטן...

פאַרוואַנדלסט דיינע טעג און דיינע וואָכן
אין אַ צעהיצטן, זאָרגלאָזן קאַדריל,
און ס'טאַנצט מיט דיר צוזאַמען דיין נצחון!
דו לאָזט די בליקן נייגיריק זיך גליצן
צו אויפזוכן אין שמייכל פון אַפּריל,
אַ רמז אויף די זומערדיקע היצן...

דוד פליסקין / די בין און דער שמעטערלינג

זאנגען רוישן, זאנגען פאָכן,
וויגן, בויגן זיך פאַרנאַכט;
אויף אַ האַלבן זאַנג צעבראָכן
זיצט אַ שמעטערלינג פאַרטראַכט.

קומט אַ בין אויף גיך צופליען,
זשומט צום שמעטערלינג אַזוי:
אַלע בלומען, וועלכע בליען,
ווערן שוין פאַרדעקט מיט טוי.

און די זון איז שוין פאַרגאַנגען,
פייגל זענען זיך צעלאָפן.
איך האָב מורא, אין די זאַנגען
וועל איך מוזן איבערשלאָפן.

— נו, איז אויך ניט קיין סכנה,
זאָגט דער שמעטערלינג פאַרקלערט.
מיט איר זילבער, די לבנה,
וועט באַזילבערן די ערד.

און פון שטערן יעדער פינקל
וועט אונדז לייכטן דאָ אין פעלד,
אַז מען האָט קיין אייגן ווינקל,
איז אַ היים די גאַנצע וועלט.

י. ד. קאַמזאָן / דניאל טשאַרני-לידער

דאָס געזאַנג

זיין שטילער זיין אויף שטילע וועגן גליט
מיט אויגן שאַרף-געשליפענע, ווי ביי א שומר.
אין בוך פון נאַכט פאַרשרייבט די שטילקייט זיינע טריט
און זיין געזאַנג — צווישן גראָז און ביימער.

נאָך איידער ס'ווערט געבוירן וואו אַ ווייטער קלאַנג —
זיין אויער שוין אַ נעץ פאַרשפּרייט.
און גיכער נאָך, ווי ווינט בויגט איין א זאַנג —
זיין לייכטע האַנט אַ ליד פאַרזייט.

דאָס געבעט

ניין, אָ, ניין, לאָז אָפּ, ניט איצט, ניט דאָ,
ניט טריף אַראָפּ פון שווערד דיינעם דעם טראָפּ, דעם האַרבן.
פאַרשוועך מיר ניט מיין לעצטן הויך פון לעצטער שעה,
דו לאָז אין ווילנע מיך, אין ווילנע וויל איך שטאַרבן!

דאָרט וועלן רייען קינדער יידישע זיך ציען
מיט טריט, ווי מיינע לידער — אומעטיקע, שטילע.
אין טרויער וועלן געסעלעך פאַרגליווערטע זיך קניען
און יעדע שול וועט מיך באַגלייטן מיט אַ תפילה.

אַראָפּקוקן וועט הימל ביז דער לעצטער שעה
אויף ווילנע און אויף מיר מיט אומעטיקע פאַרבן.
ניין, אָ, ניין, לאָז אָפּ, ניט איצט, ניט דאָ,
דו לאָז אין ווילנע מיך, אין ווילנע וויל איך שטאַרבן!

אברהם רייזען / נייער לידער-רינג

צום דיכטער

דיכטער, דיכטער, קום באַרויש
ווי אַמאָל, אַמאָל...
אין אַ גאָרטן וואַנדל אום
אונדזער גרויען טאָל.

צינד ביי נאַכט די שטערן אָן,
ווי דו האָסט געטון;
און אין קליינע ווינטערטעג
ברענג אַראָפּ די זון.

זאָלן שטיינער טריפן זאַפט,
און דעם ז י י ן באַזין;
דאָס פאַרוועלקטע בלאַט אָן קראַפט —
מאָל עס אויס אין גרין...

און דעם שוואַכן וואַנדל אום
אין אַ פרייען ריז;
און די ליבע, וואָס פאַרשווינדט —
ווייז אונדז וואו זי איז...

דער יונגער פּאָעט

די ערשטע לידער
פון יונגן פּאָעט
ווי ביינִיקע גלידער
אין שטאַרקן געבעט.

ווי רויש פון קוואַלן
פון ערדישער טיף,
ווי פרייד-סיגנאַלן
ביים אָפּגיין פון שיף.

עס שטייגן ווערטער
ווי רוף-געקלאַנג —
צו נייע ערטער
מיט נייעם גאַנג!

צו פרייע ברעגן
דורך ים, וואָס שוימט;
דורך זון און רעגן —
מיט בליק פאַרטרוימט!

אַ קראַפט באַהאַלטן
אין יעדן טאָן;
אויף וועלט צו שאַלטן
מיט נייער פאָן

און פרייהייט שפּרייטן
אין יעדן אָרט,
און ברעכן קייטן
מיט נייעם וואָרט.

אַ בוך

אַ בוך פון לאַנג, ווי אומבאַקאַנט...
אַן אַנדער צייט, אַן אַנדער לאַנד.

און זע אַ וואָרט, וואָס איז פאַרבלייכט —
עס האָט אַמאָל אין האַרץ געגרייכט...

און זע אַ צייל — זי לייכט און שיינט,
ווי נעכטן וואָלט געוואָרן היינט;

און צייל מיט צייל באַהעפט פון לאַנג —
ווי יוגנט־פריינד אין ווייטן גאַנג.

אין ווייטן גאַנג צו פרייהייטס טיר,
וואו איך און דו און אַלע מיר...

אַ מענטש

(פאַנטאַזיע)

אַ מענטש איז אַן אות אין גאָטס שריפט,
אַן אַנדרער — אַ גליענדיק וואָרט;
איך לייען די ווערטער פאַרטיפט
און זע דיך אין ווייטעסטן אָרט...

אַ באַרג און אַ וואַלד — אַ געמעלד,
ס'זאָל שענער און איידעלער זיין.
דער בונד איז אין גאַנצן די וועלט,
די רוימען — דעם בוך וויקלען איין.

און ווינט איז אַ שטורעם־פּראָטעסט,
און רעגן — דאָס איז אַ געוויין,
ווען אות אין זיין חבר פאַרגעסט,
ווען אות וויל נאָר לעבן אַליין.

אויף אָפּרו אין דאָרף

זינגט, פייגעלעך, זינגט, ביים פענצטער, ביים דאַך;
פאַרוויגט צו וועקט אויף — די זעלביקע זאַך.

איך וואַך צי איך טרוים — איך ווייס ניט אַליין;
שוין לאַנג ניט געפילט, ווי ס'לעבן איז שיין.

שוין לאַנג ניט געזען אַ צווייגל אין גרין;
שוין לאַנג ניט געהערט אַ זינגען מיט זין.

פאַריאָגט און פאַרבליפּט, אין מי און אין שטרייט,
איך ווער איצט פאַרטיפט אין רוים און אין צייט;

איך פיל די מינוט, די רגע פון זיין —
און דאָס איז שוין גוט — די רגע איז דיין!

פ. שמידט / זאַפּטיק-פּריש

זאַפּטיק־פּריש, אין דימענט־טוי,
דופטן ארכידייען.
האָט דיך ליב אַ יונגע פרוי —
שווינדן אַלע ווייען.

בלאָזט אין פעלד אַ זומערווינט —
נייגן זיך די זאַנגען.
האָסטו ליב אַ קליינטשיק קינד —
שטילט זיך דיין פאַרלאַנגען.

זונט זיך שטיל דאָס פעלד אין רו,
זונען זיך די גאַרבן.
קוק זיך שטיל אין פרידן צו —
ווילט זיך דיר ניט שטאַרבן.

אַרטיקלען און רעצענזיעס

ה. אבראמאָוויטש / ערשטקלאַסיקער מעמואַרן־ראָמאַן

דניאל טשאַרנים מעמואַרן־בוך „באַרג אַרויף" האָט געוואונען אַ גרויסע צאָל לעזער, נאָך איידער די קריטיק האָט באַוויזן אים אָפּצושאַצן. עס איז, דוכט זיך מיר, דאָס איינציקע בוך אין דער יידישער ליטעראַטור, וואָס איז אוועק אַליין אָן „קוליעס", אָן אונטערשטופּעניש...

טשאַרנים מעמואַרן פאַרדינען ווירקלעך דעם דאָזיקן דערפאָלג. עס איז אַ בוך פון גרויסער אויפריכטיקייט. טשאַרני פאַרבאַרגט ניט קיין זאַך פון זיין פאַרגאַנגענהייט. ער דערציילט אונדז אָפנהאַרציק, וואַרעם, אינטים פון זיין פּריסטער יוגנט ביז די רייפע יאָרן זיינע. טשאַרנים סטיל איז אַ רעזולטאַט פון זיין גרויסער פּשטות, וואָס איז דורכגעפלאָכטן מיט אַ גוטמוטיקן, איידעלן הומאָר. זיין גלעטנדיקער, כמעט צאַרטער הומאָר, וואָס גרענעצט זיך אָפטמאָל מיט איראָניע, שווינט ניט קודם כל זיך אַליין, אָבער באַליידיקט ניט קיינעם פון זיין סביבה, וועלכע ער שילדערט. אייגנטלעך איז „באַרג אַרויף" מער ענלעך צו אַ ראָמאַן איידער צו אַ מעמואַרן־בוך. טשאַרנים לעבנס־ראָמאַן איז פיל שפּאַנענדיקער פאַר אַן אייסגעטראַכטן, אפשר צוליב דעם, וואָס דער הויפּט־העלד פונעם ראָמאַן איז דער מחבר אַליין — טשאַרני. דער טשאַרני־ראָמאַן איז אַ שטיק אמתדיק לעבן, וואָס איז שוין געוואָרן געשיכטע. פאַר דעם מיטעלן דור איז אָט די פאַרגאַנגענהייט נאָך גענוג צאַפּלדיק און אַקטועל, ווייל יעדער פון אונדז האָט זיך אין איר געהאַט באַטייליקט אויף דעם אָדער יענעם אופן. עס איז אַ געשיכטע פון דער שטורמישער עפּאָכע, אין וועלכער מיר האָבן געלעבט און געגלויבט באמונה שלימה, אַז די דאָזיקע עפּאָכע וועט זיכער ברענגען די גאולה אויף דער וועלט. מען האָט נאָך דעמאָלט אַזוי שטאַרק געגלויבט אין מענטש, אין דעמאָקראַטיע, אין פּראָגרעס. עס האָט זיך געלוינט אָפּצוגעבן דערפאַר אַ טייל פונעם לעבן און אָפטמאָל — דאָס גאַנצע לעבן.

דעריבער איז אַזוי אינטערעסאַנט נאָכצופאָלגן דעם הויפּט־העלד. אָנהויבנדיק פון זיינע ערשטע שריט אין אַ ליטווישן קליין־שטעטל, ביי אַן אָרעמער פאַמיליע, אָן אַ פאָטער, און גיין מיט אים ווייטער דורך די יידישע אַרבעטער־צענטערס אין רוסלאַנד (מינסק, ווילנע) ביז צו די גרויסע, אייראָפּעאישע הויפּט־שטעט (ווין, בערן, זשענעווע) וואו עס האָבן זיך געהאַט געפונען די שטאַבן פון די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען.

דניאל טשאַרני איז געווען אויסגעבונדן מיט די פירער פון די דעמאָק־טיקע יידישע פּאַרטייען, ס"ס און „בונד" — ווייל די עלטערע ברידער זיינע זענען געווען די הויפּט־טוערס פון די דאָזיקע פּאַרטייען. ש. ניגער איז גע־ווען דער טעאָרעטיקער פון ס"ס און ב. וולאַדעק — דער פייערדיקער פּראָ־פּאַגאַנדיסט און אַגיטאַטאָר פון „בונד", באַקאַנט אונטערן נאָמען „דער יונגער לאַסאַל".

אַזוי אַרום געפינען מיר אין טשאַרנים „באַרג אַרויף" אַ סך אינטערע־סאַנטע פּרטים וועגן דעם לעבן פון מערערע אָנגעזעענע פּאַרטיי־טוער, וואָס זענען געשטאַנען אין דער שפּיץ פון די רעוואָלוציאָנערע באַווע־גונגען אויף דער יידישער גאַס.

•

טשאַרני איז אַן אויסגעצייכנטער דערציילער, אַ רואיקער, אַ געלאַסענער, אָבער צו דער זעלבער צייט — אַן אָנציענדיקער. באַזונדערס שטאַרק איז ביי אים געשילדערט דאָס שטעטל און די קינדער־יאָרן. אין די באַ־שרייבונגען פון דער שפּעטערדיקער תקופה פילן זיך שוין אייניקע בלויזן. עס איז קאַנטיק, אַז דער מחבר האָט עפּעס וואָס געמוזט איבערהיפּן. עס איז געווים דערפאַר, וואָס האָבנדיק צו טון אין זיין ווערק מיט לעבעדיקע מענטשן — קאָן מען האָך ניט אַלץ דערציילן וועגן זיי.

ווי געזאָגט, טראָגן טשאַרנים מעמואַרן פיל מער דעם כאַראַקטער פון אַ ראָמאַן, אָבער גלייכצייטיק איז זיין ווערק אויך נאָך אַ ווערטפולער קולטור־היסטאָרישער דאָקומענט פון דער ניט־לאַנג פאַרגאַנגענער שטו־רעם־ און דראַנג־עפּאָכע.

דניאל טשאַרנים בוך איז זייער אינטערעסאַנט אויף פאַר דעם יונגן דור, וועלכער קאָן זיך דערוויסן אַ סך פּרטים וועגן יענער שטורמישער עפּאָכע (פון אָנהויב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט) דירעקט פונעם ערשטן קוואַל.

•

יעדער איינער, וואָס האָט דורכגעלייענט טשאַרנים „באַרג אַרויף", וואָלט שוין וועלן גיין מיט אים ווייטער דורך די יאָרן פון דער וועלט־מלחמה און רעוואָלוציעס און דעריבער איז אונדזער אַלעמענס וואונטש, אַז טשאַרני זאָל פאָרזעצן זיין ווערק ווייטער און באַרייכערן די יידישע ליטעראַטור מיט זיין ערשטקלאַסיקן מעמואַרן־ראָמאַן.

זישע באגיש / אַ לירישע אויטאָביאָגראַפיע

צווישן די אין בוך־פֿאָרעם פֿאַרעפֿנטלעכטע שריפֿטן, וואָס זענען אַרויס פֿון אונטער דניאל טשאַרנים פֿעדער, איז „באַרג אַרויף", הן אין כמות הן אין איכות, זיין באַדייטיקסט פּראָזאַ־ווערק.
דניאל טשאַרני איז אַ דיכטער, וועמען מיר האָבן שוין באַוויזן צו פֿייערן אַ 25־יאָריקן יובל פֿון זיין שרייבערישער טעטיקייט. ביז איצט אָבער זענען אונדז באַקאַנט געוואָרן אייניקע קליינע אַרבעטן, וואָס טשאַרני האָט פֿאַרעפֿנטלעכט. די מער באַדייטיקע און גרעסערע ווערק זיינע, זענען צעשפּרייט אין צעזייט איבער פֿאַרשידענע צייטשריפֿטן און זשורנאַלן, וואָס האָבן געוואָרט — און אַ גרויסער טייל פֿון זיי וואַרט נאָך איצט — אויף זייער תיקון.
„באַרג אַרויף" איז אַ מעמואַרן־בוך; בלעטלעך פֿון אַ לעבן.
מעמואַרן זענען דער ווידוי פֿון אַ מענטשן, וואָס האָט דערפֿילט, אַז דער בלייענער הויך פֿון טויט האָט אַ וויש געטון זיין שטערן. דעמאָלט דערפֿילט דער מענטש אַ נויטווענדיקייט זיך מתוודה צו זיין; נאָך אַמאָל אויפֿצולעבן אין זכרון די אַלע קלענערע צי גרעסערע פּרטים פֿון זיין לעבן, פֿון זיין יוגנט; נאָך אַמאָל אָפּצופֿרישן אין געדאַנק זיין פֿאַרגאַנגענהייט.
שרייבער, בטבע, דערפֿילן די דאָזיקע נויטוועגדיקייט דעמאָלט, ווען זייער גייסטיקער „רעזערוואואַר" איז אויסגעשעפּט געוואָרן, ווען זיי געפֿינען זיך אין סאַמע בין־השמשות פֿון זייער לעבן. דעמאָלט, ווען זיי דערפֿילן פּלוצעם, אַז זיי האָבן שוין מער ניט וואָס צו זאָגן. די צייט איז קורץ, שרומפּט זיך איין. און אָט־אָט וועט מען דאַרפֿן גיין אַהין פֿון וואַנען מען קומט שוין מער ניט צוריק. פֿאַרבאַרגן זיי זיך, ביחידות, אין אַן אָפּגעזונדערטן חדר און שרייבן זייערע מעמואַרן, זייער „דע פּראָפֿונדיס".
דניאל טשאַרני געהערט אָבער ניט צו דעם סאָרט מענטשן אין אוודאי ניט צו דעם טיפּ שרייבער.
זיינע מעמואַרן — שוין אַריינגערעכנט דעם ערשטן טייל: „משפּחה־בראָניק" — זענען אַזוי פֿאַרשידן אַנדערש אין פֿאַרגלייך צו די, וואָס מיר זענען אַזוי אָפֿט געוואוינט צו לייענען, אַז דאָס שטעלט זיי אַוועק אויף אַ באַזונדער אָרט און טיילט זיי אויס פֿון אַלע, וואָס איז ביי אונדז

ביז איצט געשאַפן געוואָרן אויפן דאָזיקן געביט; אַנדערש — ווייל זיי זענען פון אַן אַנדערן מין, פון אַן אַנדערן כאַראַקטער. און דער עיקר: זיי האָבן אַ גרויסן, קולטור-היסטאָרישן באַדייט.
דאָס זענען ניט קיין זכרונות פון סתם אַ מענטשן, מיט וועמענס פריידן און ליידן מיר האָבן אַ קנאַפּע שייכות, ווייל זיי גייען אונדז אָן אַזויפיל אויף וויפיל זיי זענען די געשיכטע פון אַ מענטש, פון זיין לעבן, אַזויפיל נאָר, אויף וויפיל זיי זענען טיף מענטשלעך, מער ניט. טשאַרנים מע־מוּאַרן אָבער זענען קודם־כל אַ ביאָגראַפיע פון אַ שרייבער, וואָס איז שוין טיף איינגעוואָרצלט אין דער יידישער ליטעראַטור; אַ שרייבער, וואָס איז זיין אייגענער ביאָגראַף. דעם גרעסטן חוב אָבער וועלן שול־דיק בלייבן דניאל טשאַרנין די צוקונפטיקע ש. ניגער־ און ב. וולאַדעק־ביאָגראַפן, פאַר וועמען דניאל טשאַרני האָט צוגעגרייט די גרונטשטיינער, אַ זאַמלונג פון היסטאָרישע, קולטורעלע און סאָציאָלאָגישע פאַקטן; אַ מאָזאַאיק פון ליטעראַטור־געשיכטלעכע און פּסיכאָלאָגיש־אַנאַליטישע דערשיינונגען איז דאָס דאָזיקע בוך. ווי אויף אַ פילם-לענטע דעפילירט פאַר אייך אַדורך אַ גאַלעריע טיפן און געשטאַלטן, וואָס האָבן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער סאָציאַליסטישער, נאַציאָנאַלער און אינטער־נאַציאָנאַלער באַוועגונג פאַר די ערשטע רעוואָלוציאָנערע יאָרן אין רוס־לאַנד, 1905 — 1906.
עס שווימען אויף בילדער פון שוואַרצער רעאַקציע און ליכטיקן קולטור־רענעסאַנס; מוראדיקע רדיפות מצד דער צאַרישער מאַכט און אומלע־גאַלע אונטערערדישע פּאַרטיי־אַרבעט; קאָנספּיראַטיווע דירות, שטרייקן און מוטיקע, העלדישע קאַמפן; מרידה- און ירידה־שטימונגען; רענעסאַנס פון סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע באַוועגונגען אויף דער יידישער גאַס און ציוניסטישע קאָנגרעסן אין באַזל; יידישיסטישע קולטור־טעטיקייט אין זשענעווע און ס"סישע פּאַרטיי־אַרבעט אין „אַרקאַדן"־קאַפע אין ווין.
יאָ, פון גרויסן קולטור־היסטאָרישן באַדייט זענען טשאַרנים מעמוּאַרן, זיי שליסן אָפּ פאַר אונדז אַ תקופה, פון וועלכער דער איצטיקער דור איז שוין אויסגעוואָרצלט, אָבער — אַ תקופה מיט וועלכער מיר זענען דורך טויזנטער פעדעם געבונדן און דורכגעדרונגען.

•

דאָס בוך לייענט זיך פליסיק און שפּאַנענדיק. פאַראַן עפּיזאָדן און ביל־דער, וואָס ווירקן אויף אייך אוממיטלבאַר מיט זייער קינסטלערישן הויך, מיטן עכטן, דיכטערישן ליריזם און מיט רירנדיקע סצענעס.
אין דעם דאָזיקן בוך זענען פאַראַן גאָר זייער אינטערעסאַנטע

בילדער, וואָס רופן אַרויס טרערן אפילו ווען זיי זענען איינגעהילט אין וואַטע פון זיין שטילן, צאַרטן הומאָר, מיט וועלכן טשאַרני שילדערט זיינע קינדער־יאָרן. עפּיזאָדן, וואָס שמידן צו און לאָזן ניט אָפּרייסן זיך פון דאָזיקן בוך. ס'ווילט זיך אַלץ לייענען נאָך און נאָך און הנאה האָבן פון דעם, וואָס טשאַרני דערציילט אַזוי מעשה־אַרטיק, אַזוי עלעגיש, אַז עס דוכט זיך אייך אָפּטמאָל אויס, אַז איר לייענט גאַנצע זייטלעך פון לידער אין פּראָזע, וואָס כּישופן פאַר אייך אַרויס זיסע, צאַרטע דער־מאָנונגען פון יאָרן ווייטע, פאַרגאַנגענע און דאָך אַזוי האַרציק נאָענטע. שיין, ביז גאָר שיין און טראַגיש וואַקסט פאַר אונדז אַרויס די געשטאַלט פון סאָניע ליפשיץ, דאָס צאַרטע, שטילע פאַרחלומטע מיידל, וואָס שרייבט ריפמירטע בריוו און לידער צו איר געליבטן פאַר וועמען זי נייט אויס די ערשטע רויטע פאָן פאַר ס"ס אין איר שטעטל, און וואָס זי נייט זי שפּעטער איבער אין אַ... טלית־זעקל.
וויפל ניט־דערחלומטע חלומות, שטילע בענקשאַפטן און שלאָפלאָזע מיי־דל־נעכט נייט עס אַריין די צאַרטע, באַשיידענע, יידישע טאָכטער אין דער אויפשריפט אויף דער רויטער פאָן? ווי לעבעדיק וואַקסט זי אויס, אָט די דאָזיקע „סאָניע, די שניידערקע", דאָס בלייכע פאַרחלומטע מיידל, וואָס ליידט אַזוי צניעותדיק שטיל און רייסט מיט מיט איר שטילן טראַגיזם.
— און מאַנאַ־ליזע?
— און שוועסטער עלזע?
— און די שוואַרצע דאָמינע?
קאַפּיטלעך, וואָס געהערן צו די שענסטע זייטלעך פון דער יידישער פּראָ-זע, קאַפּיטלעך פון אויסערגעוויינלעך לירישער שיינקייט, וואָס וועקן און רעגן־אָן דעם עסטעטישן חוש ביים לייענער און פאַרשאַפן אומגעוויינלעך אַ סך גייסטיקן גענוס.

•

„באַרג אַרויף" געהערט צו איינס פון די שענסטע ביכער אין דער יידישער מעמואַרן־ליטעראַטור. ס'איז אַ גרויסער שאָד, וואָס — לויט דער מחבר פאַרזיכערט — איז דאָס בוך ניט מער „ווי אַ קיצור פון מאַנוסקריפּט, וואָס לאָזט זיך דערווייל ניט פּובליקירן אין זיין גאַנצן פאַרנעם". ס'איז באמת אַ גרויסער, גאָר גרויסער שאָד, ווייל דאָס בוך פאַרדינט געלייענט און געלויבט צו ווערן.

יעקב באטאשאנסקי / דניאל טשארני גייט בארג ארויף

די יידישע ליטעראטור איז נישט ארעם אין זכרונות. פאראן ביי אונדז פיינע זכרונות פון נישט קיין ליטעראטן, ווי קאטיק, קאפעליאוו, מעדעם, מיכאלעוויטש און נאך א סך אנדערע. פאראן זייער אינטערעסאנטע זכרונות און אויטאביאגראפיעס פון מענדעלען: „שלמה ר' חיימס", פון שלום עליכמען: „פונעם יריד", פון י. ל. פרצן: „מיין לעבן", פון אברהם רייזענען, פרץ הירשביינען א"א. די זכרונות פון די לעצטע זענען אייגנטלעך מער ווי זכרונות, זיי זענען ליטעראטור אין מעמוארן־פארעמס. דניאל טשארנים מעמוארן, „בארג ארויף", געהערן אויך צום לעצטן מין. זיי האבן אי דעם ווערט פון דאקומענטן, אי דעם ווערט פון ליטעראטור.

דניאל טשארנים אייגנשאפטן אין זיינע מעמוארן זענען אויפריכטיקייט, רואיקייט, ליריק און פיינער הומאר. דניאל טשארני זוכט נישט צו באהאלטן דעם אמת, ער האט מוט צו דערציילן אלץ און ער זוכט נישט זיך צו שטעלן אין א ספעציעלן „שיינעם" ליכט. און די זעלביקע, אביעקטיווע באציאונג האט ער צו די מענטשן פון זיין ארום. ער אידעאליזירט זיי נישט און סאטיריזירט זיי נישט; צומאל ווייזט ער ארויס ספעציעלע ליבע צו איינעם, אבער קיין ספעציעלע שנאה ווייזט ער נישט ארויס צו קיינעם. וו. לאצקי־בערטאלדי זאגט, אז דניאל טשארני באשרייבט „טראגישע געשיכטן און איבערלעבענישן מיטן קאלטן סטיל פון א פראטאקאליסט". דאס איז א גוזמא. דניאל טשארני שרייבט רואיק, אבער נישט קאלט. נישט פאראן ביי אים קיין זיסלעכער סענטימענטאליזם, אבער ווארעמער סענטימענט איז פאראן און פאראן ביי אים אויך א הומאר, וואס איז זייער אפט רירנדיק. דניאל טשארני ענדיקט דעם צווייטן טייל מיט אט די ווערטער: „האט זיך אנגעהויבן פאר מיר א נייער בארג ארויף, וואס האט מיך ווידעראמאל דערהויבן צו נייע געפארן און צו נייע דערפארונגען. א בארג ארויף פון נייע וואנדערונגען און וואנדלונגען, א בארג ארויף צו נייע הוימען און צו נייע היימלאזיקייטן". אט אין דעם באנעם, אז אויך אין געפארן און היימלאזיקייטן (פון די דאזיקע צוויי מינים האט ער איבערגעלעבט א סך, א סך) איז פאראן א שטייגן בארג ארויף, פאראן רואיקייט און רייפקייט, אבער קיין קאלטקייט איז אין דעם נישט פאראן. אדרבה, פאראן הארציקייט און ווארעמע מוטיקייט. פון דניאל טשארנים רירנדיקן הומאר וויל איך דא ברענגען איין משל. ער דערציילט וועגן דים־

קוסיעס צווישן בונדיסטן און ס"סאָווצעס אויף דער טעמע „טעריטאָריע" און ער זאָגט:

„אין גרונט גענומען בין איך געווען מסכים מיט זיי, די ס"ס, אַז מיר מוזן האָבן אַ טעריטאָריע. ווער־ווער, נאָר איך פּערזענלעך האָב זיך אין איר שטאַרק גענויטיקט. מיין „טעריטאָריע" אין דעם דאָזיקן קרעטשמע־צימער (וואו ער האָט געוואוינט י. ב.) איז באַשטאַנען פון אַזאַ קושעטקע, וואָס האָט פאַרמאָגט דריי געזונטע פיסלעך און די פערטע — מיט צוויי שייט האָלץ אונטערגעשפּאַרט. דער מאַטראַץ איז באַשטאַנען פון אַ זאַק מיט אַלט היי, וועלכן מ'האָט שוין מסתמא אַ יאָר צען ניט געהאַט איבערגעביטן. דער מאַטראַץ האָט אויסגעזען, ווי אַ זאַק מיט מערערע שטייפע מיסט־ציגל, וועלכע מ'פלעגט פאַר יעדן שלאָפן־גיין דאַרפן אויסלייגן אַזוי, אַז די זייטן זאָלן ניט אָפּגעריבן ווערן".

אין דעם באַשרייבן די אייגענע „טעריטאָריע" וועגן דער טעריטאָריע־דיסקוסיע צווישן „בונד" און ס"ס איז דאָ אי הומאָריסטישס, אי רירנדיקס. דניאל טשאַרני זאָגט אויף זיך: „איך האָב זיך שטענדיק געהאַט געוואָרפן און איך וואַרף זיך נאָך עד היום צווישן היינען און לערמאַנטאָוון". ער מיינט עס וועגן זיינע לידער, אָבער אויך אין זיין פּראָזע געפינט ער זיך צווישן לערמאַנטאָווס געפילפולקייט און היינעס איראָניש־לירישן הומאָר. און אָט די צוויי אייגנשאַפטן געבן זיין שרייבן צו אַ סך חן און מען לייענט אים מיט אַ סך געשמאַק און מען פילט אין אים אַ מתיקות.

אָבער אַ חוץ שיינקייט איז ביי טשאַרנין פאַראַן אַ סך קערנדיקער אינהאַלט. פּסיכאָלאָגן און פּסיכאָאַנאַליטיקער וועלן אינעם ערשטן טייל פון דער „משפּחה־כראָניק" געפינען אַ סך אינטערעסאַנטע שטריכן פון קינדישן לעבן אין די קליינע יידישע שטעטלעך — און ספּעציעלע כאַראַקטער־שטריכן פון קראַנקע, יידישע קינדער. זיי וועלן אויך געפינען אינטערעסאַנטע מאָמענטן פון יידישן פאַמיליען־לעבן. די היסטאָריקער פון די יידישע פּאַרטייען און פון דער יידישער ליטעראַטור וועלן אין דעם צווייטן טייל פון דער „פּאַרטיי־כראָניק" געפינען זייער אַ סך מאַטעריאַל וועגן די געבורטן פון די פּאַרטייען ס"ס און פּועלי־ציון און וועגן פאַרשידענע יידישע ליטעראַטן און קולטור־טוער.

פאַראַן אין דניאל טשאַרנים מעמוארן מאָמענטן באמת דראַמאַטישע און זיי זענען בפירוש ניט פון אַ פּערזענלעכן כאַראַקטער. ער האָט פּערזענלעך אַ סך פּלאָגן, קראַנקייטן, אָפּעראַציעס און ער באַשרייבט זיי אָביעקטיוו, צאַרט און מיט הומאָר. ליגנדיק אין אַ שפּיטאָל, האָט ער זיך פאַרליבט אין אַ מיידל, צו וועלכער ער האָט ניט אויפגעהערט רעדן און זינגען און ס'האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז זי איז געווען אַ טויב־שטומע...

אין די ערשטע מאָמענטן פֿון די קינדישע זכרונות איז אַמאָל פֿאַראַן אומהיימלעכקייט, אין די ערשטישע מאָמענטן פֿון די יוגנט־יאָרן איז פֿאַראַן אַ סך שיינקייט און שטילער הומאָר. נאָר די דראַמאַטישע מאָמענטן זענען ווי געזאָגט, ניט פֿון פּערזענלעכן כאַראַקטער, נאָר פֿון געזעלשאַפֿטלעכן. מען זעט, ווי די סאָציאַליסטיש־יידישע פּאַרטייען און די יידישע ליטע־ראַטור זענען היימלאָז, האַלטן אין איין וואַנדערן און אונטערוועגס גייען פֿאַרלוירן אַ סך דערגרייכונגען. דניאל טשאַרני דערציילט, אַז ווען מ'האָט אים אויסגעשטעלט אַ פּאַס און ס'איז געקומען צו דער רובריק „וואוינ־אָרט" האָט ער ניט געוואוסט, וואָס אַריינצושרייבן. דאָס איז פֿאַקטיש און דאָך איז עס סימבאָליש. די גאַנצע יידישע מאַסנקולטור איז געווען אָן אַ היים...

פֿאַראַן אין די דאָזיקע מעמואַרן אויך אַ שליסל צו דניאל טשאַרנים דיכ־טערישער פּערזענלעכקייט. מען זעט דאָ די אַלע „שטאַפּן", פֿון וועלכע עס זענען אויסגעפֿורעמט געוואָרן זיינע שטימונגען, געפֿילן און לידער.

„באַרג אַרויף", ווי געזאָגט, איז נאָך ווייט ניט געענדיקט, דאָך איז עס אַזאַ אַרבעט, וואָס מען מעג שוין ווייזן פֿאַר יעדן און יעדער וועט דערפֿון אַ הנאה האָבן, אַ פּעפּעם לערנען. מיטן „באַרג אַרויף" גייט דניאל טשאַרני באמת באַרג אַרויף און ער פֿאַרנעמט מיט דעם דאָזיקן בוך אַ חשובן פּלאַץ נעבן די קינסטלערישע מעמואַרן פֿון מענדעלען, שאָלעם עליכעמען, פּרצן, רייזענען און הירשביינען.

•

דניאל טשאַרני איז אַ ברודער פֿון דעם באַרימטן קריטיקער ש. ניגער און פֿון באַרימטן פּובליציסט ב. וולאַדעק און דאָס דאָזיקע איז פֿאַר אים געווען אַ מעלה און אַ חסרון — אַ מעלה: ער איז דורך זיי געקומען אין קאָנטאַקט מיט דער וועלט, אַ חסרון — מ'האָט געמיינט, אַז ער וויל ווערן אַ שריפֿטשטעלער אין דעם זכות פֿון זיינע ברידער. בעת ער, טשאַרני, האָט געהאַט דעם זכות פֿון אייגענעם טאַלענט און פֿון די איי־גענע געפֿילן. צו זיין אַ ברודער עמעצנס איז אָפֿט אַ טראַגעדיע. טשאַרני איז אַ דיכטער, מיט אייגענעם דיכטערישן בלוט און פֿלייש. שוין ווען ער האָט נאָר אָנגעהויבן רירן מיט דער פֿעדער האָט ער געפֿילט, אַז —

ווען די זון איז ניטאָ,
איז דער הימל טויט־שוואַרץ
אין די וועלט אָן אַ האַרץ.

ער האָט דיכטעריש דערפֿילט אין דער זון דאָס האַרץ פֿון דער וועלט,

באַטש ער האָט ווי יעדער יונגער און במילא פאַרליבטער מענטש געפילט אויף דעם צויבער פון דער לבנה. דניאל טשאַרני צייכנט זיך אויס מיט זיינע נאַטור־לידער; ער איז, דוכט זיך, דער ערשטער, וואָס האָט באַזונגען די אַלפּן-בערג אין יידיש און זיי געשילדערט אַזוי, אַז מען האָט דערפילט זייער קראַפט (זע זיין ליד „אַלפּנגליען").

•

דניאל טשאַרני האָט געשריבן פּרעכטיקע ליבע-לידער און האַרציקע הו-מאָניטאַרע לידער. זיין ליד קעגן טויט-שטראָף איז באמת פול מיט נשמה. אָבער נאָך מער ווי דיכטער איז טשאַרני אינטערעסאַנט אַלס מענטש. ער איז דער אָפּטימיסטישסטער בירגער און שאפער אין יידישלאַנד. ער גלויבט און איז פול מיט גלויבן און פילט אָן מיט גלויבן. ער איז ניט קיין געזונטער מענטש, פון קינדווייז אָן אַ קראַנקער און דערצו האָבן זיך אויף אים אַ שאָט געטון איובס צרות. ער איז שוין אויסגעשטאַנען אָן אַ שיעור אָפּעראַציעס און מ'האָט אים שוין אַרויסגעשיקט פון אָן אַ שיעור לענדער — פון דייטשלאַנד קיין לעטלאַנד, פון לעטלאַנד קיין פּוילן, פון פּוילן קיין פראַנקרייך און דאָך פאַרלירט ער קיינמאָל ניט דעם הומאָר. ניט איין מאָל דוכט זיך, אַז אויף טשאַרנין פאָרט אַרויף אַ וואָגן און עס דוכט זיך, איצטער וועט ער צעריבן ווערן און צום סוף קומט ער אַרויס מער אָדער ווייניקער גאַנץ און מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן. ער טרינקט אַ קאַווע און רויכערט אַ פּאַפּיראָס און שרייבט אָן אַ ליד.
טשאַרני האָט זיך אַזוי פיל אָנגעליטן אין זיין לעבן, אַז ער מאַכט צו מאָל דעם איינדרוק פון אָן איוב, איוב אָבער האָט געשאָלטן און טשאַרני איז אָן איוב, וואָס בענטשט. ער פירט אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט אַלע עקן יידישלאַנד און ער האָט פאַר אומעטום אַ גוט וואָרט. כמעט אַלע יידישע שריפטשטעלער זענען מיט אים היימיש און רופן אים פּראָסט און פּשוט דאָניע. ער איז אי אָן אַמבאַסאַדאָר פון יידישלאַנד, אי אַ היימישער חבר. דניאל טשאַרני איז ניט לאַנג געוואָרן פופציק יאָר, האָט מען פון אומע-טום אים באַגריסט ווי אַ וואונדער, אָבער אויף דעם שענסטן אופן האָט ער אַליין באַזונגען זיין וואונדער־וואַנדערלעבן אין אַ ליד.
טשאַרני האָט טאַקע געוואַנדערט דורך אַלע קרעטשמעס און טאַקע גע-נאָסן פון אַלע ווייִנען און דאָס אַלץ, וואָס ער האָט גענאָסן, האָט ער פאַריי-ביקט אי אין גראַמען, אי אין פּראָזע און האָט זיך אויסגעלערנט ניט צו זאָגן „יזכור", נאָר — „מזל־טוב". אוי, ווי ליב ער האָט דאָס לעבן, אונדזער דאָניע.

נ. בוקסבוים / תחית המתים־איבערלעבונגען

עס וואָלט זיך ניט געוואָלט די פּאָר שורות וועגן דניאל טשאַרנים מעמוארן, „באַרג ארויף“, אָנהויבן מיט די שאַבלאָנע ווערטער: „דאָס בוך לייענט זיך מיט געשפּאַנטקייט“, אָדער „איך האָב דאָס בוך דורכגעלייענט אין איין אָטעם“ אאַז״וו. און דאָך איז עס אַזוי. וואָס מער איך האָב געבלעטערט דאָס בוך, אַלץ מער האָט עס מיך גענומען געפּאַנגען און עס זענען אין דעם בוך פאַראַן גאָר ניט ווינציק זייטן, וועלכע לייענען זיך באמת מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם.

אונדזער מעמואַרן־ליטעראַטור פאַרמאָגט שוין היינט צו טאָג אַ רייע ווערטפולע צושטייערן פון אונדזערע בעסטע שרייבער און אָנפירנדיקע טוער אין דער געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג. — דניאל טשאַרנים „באַרג אַרויף“ וועט צווישן די אָ ווערק פאַרנעמען אַ בכבודיקן אָרט. דאָס בוך פאַרמאָגט אַן אייגענעם און אַן אייגנאַרטיקן טאָן. אָט זענען די שורות פון בוך באַהויכט מיט עכט־לירישער שטימונג און אָט ברויזט דורך זיי אַדורך דער הייסער, ליידנשאַפטלעכער אָטעם פונעם שטורמישן, געזעלשאַפטלעכן געראַנגל. דער שווערער, פּיינפולער לעבנס־וועג פלעכט זיך קינסטלעריש צונויף מיט דער שילדערונג פון אַ תקופה, וואָס איז אַזוי רייך געווען אין געזעלשאַפטלעכע פּאַסירונגען און פאַרביטערטע שלאַכטן צווישן דער אַלטער און נייער וועלט. די טעג פון ביטערע, פּערזענלעכע ליידן פון אַ טיף־פילנדיקן מענטש, רוקן זיך פאַר אונדזערע אויגן פאַרויס אויפן פאָן פון אַ גאַנצן פעריאָד אינעם לעבן פון דער יידישער מאַסע, ווען ליכט האָט זיך ביטער געראַנגלט מיט פינצטערקייט, ווען פינצטערקייט און אונטערדריקונג האָבן ניט איינמאָל געדראָט צו דערשטיקן דאָס אין פּיין און אין קאַמף אויפשטראַלנדיקע ליכט פון פּאָליטישער אויפוואַכונג, באַפרייאונג און קולטורעלער דערהויבונג.

און כאָטש דאָס לעבן פונעם מחבר איז אַ סך מער געווען באַשאָטנט מיט צרות, ווי באַשיינט פון גליקלעכע מאָמענטן, און כאָטש די שטראַלנדיקע תקופה פונעם רוסישן „פעלקער־פרילינג“ (1905) האָט אינגיכן געמוזט אָפּטרעטן איר אָרט דער סאַמער פינצטערער צייט פון רעאַקציע און דעספּאָטישער שקלאַפעריי, דאָך פילט זיך אין דעם בוך כמעט קיינמאָל ניט דער טאָן פון יאוש און אומגלויבן. פאַרקערט, אונדז קומט אויס ניט זעלטן צו וואונדערן זיך, ווי באַווייזט עס טשאַרני נאָך דעם אַלעם

איינצוהאַלטן אין זיך אַזאַ עקשנותדיקע צוגעבונדנקייט צום פּאַרויס־שטורעמדיקן לעבן און אַזאַ פעסטן גלויבן אין אַ בעסערער, ליכטיקערער צוקונפט! אָט דער גלויבן האָט עס זיכער צוגעגעבן דעם מחבר כוח צו באַשיינען אַ סך שווערע עפּיזאָדן פון זיין פערזענלעכן לעבן און געזעל־שאַפטלעכער אַרבעט מיט אַ פיינעם, אייגנאַרטיקן, שטימונגפולן הומאָר.

אין דריי עטאַפּן שלענגלט זיך טשאַרנים לעבנס־וועג ביז די מלחמה־יאָרן: די צייט, ווען ער וואַקסט אויס אונטער דער האַרציקער השגחה פון זיין מוטער. די צייט, ווען ער פאַרלאָזט זיין היים־שטעטל און פאַרבינדט זיך מיט דער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג און די יאָרן פון זיין עמיגראַנטישן לעבן אין ווין און אין דער שווייץ.

אין דעם ערשטן טייל „משפּחה־כּראָניק" שילדערט טשאַרני זיינע קינ־דערישע יאָרן. פול מיט רירנדיקער ליבע צו זיין אייביק־פאַרזאָרגטער, פאַרהאָרעוועטער מוטער, וואָס קעמפט שווער פאַרן טרוקענעם שטיקל ברויט פאַר אירע קינדער.

דערביי אָבער באַקומט זיך אַ רעאַליסטישע שילדערונג פון דעם יידישן שטייגער־לעבן אין די ערב־רעוואָלוציע־יאָרן אין די קליינע, פאַרוואָר־פענע שטעטלעך פונעם יידישן תחום אין צאַרישן רוסלאַנד. די אָרעמ־קייט, די אָפּגעשטאַנענקייט און די אָפּגעריסנקייט פון דער ערגעץ וייט־ברויזנדיקער וועלט, ווערן בולט אַנטפּלעקט פאַר אונדזערע אויגן. דער ביטערער געראַנגל מיט די קראַנקייטן, וואָס האָבן געפּייניקט דעם יונגן דאָניע, שטאַרקט נאָך מערער אין אים די בענקשאַפט נאָך דער ברייטער, גרויסער וועלט. ענדלעך ווערט זיין וואונטש דערפילט און ער פאָרט אַריבער פון דעם קליינעם שטעטל דווקא אין דער „גרויסער" שטאָט מינסק, וואו עס האָבן שוין פון פריער געוואוינט, געלערנט, „געגעסן טעג" און צוביסלעך פאַרדינט די פיר עלטערע ברידער פון דאָניען, פון וועלכע צוויי זענען שפּעטער אַזוי באַקאַנט געוואָרן אין דער ברייטער עפנטלעכקייט (ב. וולאַדעק און ש. ניגער).

מיטן אַריבערפאָרן קיין מינסק הויבן זיך אָן די יאָרן, וועלכע דער מחבר באַשרייבט אינעם צווייטן טייל „פּאַרטיי־כּראָניק". דער דאָזיקער טייל איז באַזונדערס אינטערעסאַנט צוליב דעם, וואָס ער שילדערט די אויפוואַכונג פון דער יוגנט און דער אַרבעטערשאַפט אין די יידישע שטעטלעך צום פּאָליטישן קאַמף, די פּראָלעטאַרישע באַוועגונג אין ווילנע און דער עיקר די פּאַרטיי ס"ס (ציוניסטן־סאָציאַליסטן, אָנהענגער פון טעריטאָריאַליזם, אָבער קעגנער פון פּאַלעסטינע). דער מחבר איז געווען טעטיק אין דער ס"סישער פּאַרטיי, ער איז גוט באַקאַנט מיט אירע פירער און טעאָרע־טיקער און מיט איר אַרבעט ערב דער רעוואָלוציע און אין די רעוואָ־

לוציע־יאָרן. די ס"ס־פּאַרטיי געהערט שוין איצט צו דער שיער ניט־פאַרגעסענער פאַרגאַנגענהייט און דעריבער לייענען זיך מיט גרויס אינטערעס די בלעטלעך כראָניק פונעם לעבן און קאַמף פון דער דאָזיקער פאַרשוואונדענער פּאַרטיי, וועלכע האָט אין יענע יאָרן געשפּילט אַ גאַנץ אָנגעזעענע ראָלע צווישן די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן און האָט פאַרמאָגט אַן אָנזעעוודיקן שטאַב פון אינטעליגענטע טוער.

די דאָזיקע בלעטלעך זענען אָבער אינטערעסאַנט ניט בלויז צוליב דעם, וואָס זיי גיבן איבער פאַקטן, וואָס אילוסטרירן דעם געדאַנקען־גאַנג און דעם פּאָליטישן קאַמף פון אַ פאַרשוואונדענער פּאַרטיי, נאָר אויך דורך דעם, וואָס דער מחבר — קאָן זיין, ניט וויסנדיק אפילו וועגן דעם — דעקט פאַקטיש אויף די סיבות, וואָס האָבן געמוזט גורם זיין צום אונטערגאַנג פון דער פּאַרטיי. עפּעס פילט זיך אין די שורות, אַז די פּאַרטיי הענגט אין דער לופטן, אַז עס פעלט איר באָדן אונטער די פיס, אַז אירע חקירות און דיסקוסיעס טראָגן אַ ניט־רעאַלן כאַראַקטער. עס פילט זיך, אַז די פאַרבונדנקייט פון דער פּאַרטיי מיט איר אייגענער מאַסע איז אַן אויבנאויפיקע, אַ צופעליקע, אַ רעזולטאַט פון דער בלאָנדזשעניש פון אויפגעוואַכטע אַרבעטער און מאַסן־מענטשן, וואָס זוכן ערשט אַ וועג צו רעאַלע צילן און זענען אויף אַ צייט שטעקן געבליבן אין מיטן וועג, אָבער וועלן זיך אין גיכן אַ לאָז טון ווייטער.

דער מחבר איז אַריין אין דער „אמתער אַרבעט" און אין די פּאַרטיי־קאַמפן צווישן ס"ס, פּועלי־ציון און „בונד" שפּעטלעך. דעריבער זענען אין דער „פּאַרטיי־כראָניק" אַ סך בולטער און אינטערעסאַנטער געשילדערט די יאָרן, ווען איבער דער באַזיגטער רעוואָלוציע בושעוועט די ווידער־געשטאַרקטע רעאַקציע. די קאַפּיטלען „די פּליטה פון דער רעוואָלוציע", „פּאַרטיי־עגונות" און ווייטערע, אילוסטרירן די ירידה־שטימונגען צווישן די רעוואָלוציאָנערע קרייזן באַזונדערס צווישן דער פּאַרטייאישער אינטעליגענץ און האַלבער אינטעליגענץ און צווישן די פּרויען, וואָס האָבן געדינט דער רעוואָלוציע, אַרומגערינגלט מיט אַזוי פיל זאָרג אירע טוער און קעמפער און זענען פּלוצעם געבליבן פאַריינזאַמט און פאַרלוירן.

אויף די חורבות פון דער פאַרשפּילטער רעוואָלוציע הויבט זיך אויף די יידישיסטישע קולטור־באַוועגונג, צו וועלכער עס קומען אַ סך נעכטיקע, אַקטיווע רעוואָלוציאָנערן, זוכנדיק אַ מקום מקלט פאַר זייער געזעלשאַפטלעכער ענערגיע. טרעפלעך זענען די קאַפּיטלען, וועלכע שילדערן דעם אויפקום פונעם „יידישיזם" און די דעמאָלטיקע יידישיסטישע סביבות.

צווישן די בלעטלעך, וועלכע שפּיגלען אָפּ די די געזעלשאַפטלעכע קאַמפן און איבערלעבונגען, לויפן אַדורך יענע, וועלכע זענען געווידמעט דער

וואונדערלעך־שטילער ליבע פון סאניען, דער שניידערקע, צום דעמאלטיקן ס"סישן טוער, צום מחבר פונעם בוך. די דאזיקע קאפיטלען זענען אדורכגעדרונגען מיט זעלטענער פאעטישער שטימונג.

די רעוואלוציע איז באזיגט, די רעאקציע טריומפירט און ווי אלע מאל אין אזעלכע היסטארישע פעריאדן, קומט אויף ווייט פונעם היים־לאנד די פאליטישע עמיגראציע. די תקופה פון דער יידיש-רוסישער עמיגראציע שילדערט דער מחבר אינעם דריטן טייל „רייזע־כראניק". אויך אין דעם טייל זענען א סך בלעטלעך געווידמעט דער ס"סישער עמיגראציע. צו די בעסטע געהערן די בילדער פון דער ס"סישער קאמונע אין ווין; פון דעם עמיגראנטן־יריד אינעם ווינער „ארקאדן"־קאפע, די שילדערונג פון די פונעם לעבן אין לאנד אפגעריסענע שמועסן און רייסענישן וועגן פארייניקונג צווישן ס"ס און „סיימיסטן" און פון דעם דערשיינען פונעם ס"סישן „פריילאנד".

דער מחבר פירט אונדז אריין אינעם דאזיקן טומל, אונטערשטרייכנדיק זיינע באזונדערע, כאראקטעריסטישע מאמענטן. צווישן די קאפיטלען איז זייער אינטערעסאנט יענער, וועלכער דערציילט וועגן דעם 10טן ציוניסטישן קאנגרעס. סאמע ערב דער מלחמה קערט זיך אום דער מחבר צוריק קיין רוסלאנד און מיט דעם ענדיקט זיך דער ערשטער באנד מעמוארן, וואס טראגט דעם נאמען „בארג ארויף", ווי א באווייז, אז די פערזענלעכע ליידן און געזעלשאפטלעכע דערפארונגען האבן געקרעפטיקט דעם מחברס ווילן צו שפאנען טראץ אלע מניעות אלץ העכער.

סיי אין דעם צווייטן און סיי בפרט אין דעם דריטן טייל פון דעם בוך זענען אריינגעוועבט עפיזאדן פונעם מחברס פערזענלעכן לעבן, פון זיין געראנגל מיט פיזישע און גייסטיקע ליידן, וועלכע האבן אים אין די סאמע שווערסטע מאמענטן געשטעלט אויג אין אויג מיט דעם געשפענסט פון טויט. דער אופן, ווי אט די מאמענטן ווערן ארויסגעבראכט און אפגעשפיגלט, דערווייזט אונדז, אז מיר האבן דא צו טון מיט א רייפן און גלייכצייטיק צארטן, פיין-פילנדיקן דיכטער. אזעלכע קאפיטלעך, ווי „וועלף", „די לופוס־קאמונע", „שוועסטער עלזע", „די שווארצע דאמינע", „מאנע ליזע", „עולים ויורדים", „אין דעם שוים פון דער יונגפרוי" א"א ווירקן מיט דער קראפט פון אויסדרוק, מיט דער דיכטערישער שטימונג און קריצן זיך פעסט אריין אין זכרון.

שווערע, ביטערע איבערלעבונגען — אבער וויפיל אינערלעכן פלאם בארמאגט עס דער מענטש, וואס ענדיקט אט דעם באנד תחית המתים־איבערלעבונגען מיטן שלום־אקארד „בארג ארויף".

MONTREAL
יידישע פאָלקס ביבליאָטעק
הספריה העברית העממית

שלמה ביקל / אַ צווייטע יעקב דינעזאָן-געשטאַלט

איך האָב זיך באַגעגנט מיט דניאל טשאַרנין איין איינציק מאָל אין מיין לעבן אין „ראָמאַנישן קאַפע" אין בערלין, און מיין געדאַנק האָט פאַרווײלט ביים נאָמען יעקב דינעזאָן. די אַסאָציאַציע מיט דינעזאָנען איז, פאַרשטייט זיך, געבוירן געוואָרן אויפן סמך פון דעם, וואָס חברים האָבן מיר וועגן טשאַרנין דערציילט, און ניט פון מיין פּערזענלעכן ספּאָנטאַנעם איינדרוק. ווען איך זאָג דינעזאָן, וויל איך דערמיט אויסדריקן די פּערזאָניפיצירטע נשמהשע און פיזישע קרובהשאַפט צו דער האַרינטע ליטעראַטור און צו אַלע אירע ציטווייליקע און פּערמאַנענטע אמאַנטן. דער באַגריף דינעזאָן שליסט אויס די אָפיציעלע, דיסטאַנצמעסיקע באַציאונג און איז כולל אין זיך נאָר די משפחהדיק־היימישע נאָענטקייט, וואָס קען ניט אָפּטיילן דעם מענטש פון זיין ווערק, פּונקט ווי טשאַרנים וואונדערלעכע מאַמע, פּונקט ווי אַלע וואונדערלעכע מאַמעס קענען דאָס ניט טון אין דער ליבשאַפט צו זייערע קינדער.

אָבער אין דער אַטמאָספער פון משפחה וואַקסן דאָך ערשט באַזונדערע כתנת פסים־ליבשאַפטן. דינעזאָן איז געווען פאַרליבט אין פּרצן; טשאַרני איז פאַרליבט אין ש. ניגערן און ב. וולאַדעקן. טשאַרנים מעמוּאַרן זעענען אָנגעפּראָפּט מיט ליבשאַפט: צו דער אייגענער משפחה און צום גאַנצן שטעטל דוקאָר, צו די ס"סישע אָבער אויך צו די בונדישע אַגיטאַטאָרן; צו דער ס"סישער קאָמונע אין ווין אָבער אויך צו אַלע באַזוכער פונעם „אַרקאַדן"־קאַפע; צו דער שוועסטער עלזע און צו אירע פּאַציענטן; צו סאָניע ליפשיץ און צו דער טויב־שטומער איטאַליענערין; צו דעם „יונגפרוי"־באַרג איבער דער שטאָט בערן און צו די יידישע קורסיסטקעס פון זשענעווע; צו נאָמבערגן און צו שלום עליכמן און צו דעם „זעקס און זעכציק", וועלכן ער האָט אָפּט מיט זיי אַ מיש געטון; צו ש. ניגערס ביבליאָטעק און צו די פאַרבראַקירטע כתבים פון גראַפּמאַנען. נאָר די דאָזיקע ליבשאַפט און די לעבנספרייד, וואָס ווייעט פון „באַרג אַרויף" באַרעכטיקן די מעמוּאַרן פון אַ 40־יאָריקן.

פונעם ליטעראַרישן שטאַנדפּונקט, איז די משפחה־כראָניק וואַגיקער ווי די פּאַרטיי־כראָניק. אין דער משפחה־כראָניק זענען סכעמאַטיש אָנגעצייכנט אַ פּאָר אינטערעסאַנטע, שטעטלדיקע געשטאַלטן, וואָס עס איז כדאַי זיי בעלעטריסטיש שאַרפער צו קאָנטורירן.

JEWISH PUBLIC LIBRARY

משה בלעכער / די געשיכטע פון א וואונדער־לעבן

דאָס מעמואַרן־פּראָבלעם איז פאַרבונדן מיט אַ גאַנצער ריי פּעאיקייטן,
ווי: רייכער זכרון, אבסאָלוטע אָביעקטיווקייט, זעלבסטקריטיק, אמת־
ליבע און באַשיידנקייט, וואָס זייער מחבר, אַלס העלד מוז באַזיצן.
ווען מיר זאָלן בלויז פון אָט דעם שטאַנדפונקט קוקן אויף דניאל טשאַר־
נים לעבנסגאַנג און זיינע „בלעטלעך“, מוזן מיר פעסטשטעלן, אַז זיין
אינטערעסאַנט, פילפאַרביק און רייך לעבן פאַרדינט געשילדערט צו ווערן,
און אז ער פארמאָגט אַלע גרויסע מעלות פון אַ קינסטלער, וואָס דערציילט
מיט חן און פשטות „דעם לעבנסגאַנג פון איינעם אַ ייד, וועלכער גייט...
(גוטע דרייסיק יאָר) געשפּאַנט אין דער יידישער, פּאַרטייאישער און אומ־
פּאַרטייאישער געזעלשאַפטלעכקייט, ווי אויך אין דער יידישער ליטעראַ־
טור און זשורנאַליסטיק ביי אַלע זייערע עטאַפּן און שנויים“.
אויב אין דער ערשטער העלפט פון די מעמואַרן האָט איבערגעוואויגן
דניאל טשאַרני דער חולה, וואָס קעמפט מיטן טויט, איז אין דער צווייי־
טער העלפט מכריע דניאל טשאַרני דער דיכטער, וואָס באַזינגט די שייג־
קייטן פון דער שווייץ („צוויי שוואַרצע שוואַנען שווימען...“) אָדער
שרייבט אָן אַ רירנדיק הזכרה־ליד צום טאַטן, וועלכן ער האָט שוין גע־
האַט פאַרלוירן, ווען ער איז נאָך אין וויגל געלעגן.

•

ד. טשאַרנים מעמואַרן־כראָניק איז אַ וויכטיקער קולטור־היסטאָרישער
דאָקומענט, אַ זעלטן־פּסיכאָלאָגיש בוך, וועמענס בלעטלעך עס זענען
תופס אַן אומגעוויינלעך, אָריגינעל, רייך און שעפעריש לעבן, וואָס באַ־
וועגט זיך און לעבט זיך אויס צווישן די ברייטע תחומין פון די פּראָלע־
טאַריש־יידישע פּאַרטייען פון איין זייט און דער מאָדערנער יידישער לי־
טעראַטור־וועלט פון דער אַנדערער זייט.
ווען די טרייע, גוטע מוטער, ברכה טשאַרני, האָט פאַר זיך אָפּגעראַטע־
וועט איר געליבט קינד, דעם „געטשקע“, דעם „פליאַגע“, דעם געפונענעם,
האָט זי זיך ניט אָפּגעגעבן קיין דין וחשבון, וועמען זי האָט אַרויסגעריסן
פון טויטס אכזריותדיקע רויב־נעגל פאַר דער יידישער ליטעראַטור: אַן
עכטן דיכטער, אַ ווערטפולן מענטשן, אַ רייכע פערזענלעכקייט מיט אַ
צאַרט, סענסיבל געמיט און אַ קרישטאַל־ריינעם כאַראַקטער.

יעקב גאָטליב / מיטן פּנים צו דער וועלט

אין 1907, ווען ס'האָט זיך צעשפּרייט די רעאַקציע און עס האָבן געגומען אַרויסשיילן זיך פּונעם בין־השמשות די קאָנטורן פון ניי־אויפוואַכנדיקע לעבן־פאָרעמס — האָט דניאל טשאַרני געשטעלט זיינע ערשטע שעפערישע טריט.

האָט טאַקע די דאַטע 1907 געצייכנט די גאַנצע ערשטע העלפט פון זיין 25יאָריקן שאַפן, די העלפט, וואָס שטייט אונטערן לבנה־ליכט. די לידער פון יענער תקופה אָטעמען מיט בין־השמשות און מיט פאַרשאַרפט־אינדיווידועלער איבערלעבונג.

די פולע לבנה, וואָס איז דאַן געשטאַנען איבער די ברייטן און לענגען פון יידישן לעבן, האָט מיט איר בלייכן ליכט באַהעלט טשאַרנים דיכטערישע אָנונגען.

דניאל טשאַרני איז אָבער ניט געבליבן שטעקן אין לבנה־ליכט. די גרויסע פרימאָרגנדיקע ליכט־כוואַליע, וואָס האָט זיך מיט בלוט און זון אַריינגעריסן אין יידישן לעבן, האָט אין איר ראַשיקן גאַנג אויך מיטגעשלעפּט טשאַרנים שעפערישן אימפּולס.

דער יחיד, וואָס איז ביז דאַן געשטאַנען אין צענטער פון די פאַרשידנאַרטיקע קונסט־וועגן און אויך אין דניאל טשאַרנים קינסטלעריש דערשפּירן די וועלט — האָט געקריגן די העלע צופאַרב פון דער צייט און פון אַלע פּראָבלעמען, וואָס דאָס נייע לעבן האָט מיט אַ באַזונדערן אימפּעט אַרויסגעהויבן.

ווי אַ שטורעם רייסט זיך נייַ־צייט אַריין אין אַלדאָס פאַרזענלעכע פון מענטשן און קערט איבער, אַנדערשט איבער, צעשטערט און בויט אויף. און אָט דער אויפבוי־ און צעשטער־פּראָצעס, וואָס האָט מיט גהינום־פייער אַרומגעכאַפּט די צעשויבערטע, אויפגעגרונטעוועטע היימען פון יידישן לעבן, האָט זיך מיט אַ באַזונדערער בולטקייט אָפּגעשפּיגלט אין דער נייער יידישער ליטעראַטור און אין איינעם פון אירע סאַמע וואַכזאַמסטע פאַרשטייער — דניאל טשאַרני.

דניאל טשאַרני שטעלט זיך מיטן פּנים צו דער וועלט. אין אַלע די פאַרשיידנפאַרעמדיקע אויסדרוקן פון זיין טאַלענט גליען פונקען פון דער זודיקער, בלוטיקער, אויף חורבות־אויפגעקומענער נייצייטיקייט.

און דניאל טשאַרני איז דער דיכטער פון פיל וועגן אין דער יידישער

װאָרט־שאַפֿונג; פֿון דאָס אינטימע, פֿון הומאָר און טרויער־געוועבט ליד פֿון דער צאַרט־ליניעדיקער, פּסיכאָלאָגישער נאָוועלע, פֿון דער ברייטער, פֿאָלקסטימלעכער כראָניק, וואָס שפּיגלט אָפּ אין זיך מער ווי אַ משפּחה, אפֿשר טאַקע די משפּחהדיקייט פֿון יידישן לעבן אין זיינע פֿאַרשידענע פֿאַרעמס, און אויך פֿון דער פּובליציסטיק, וואָס איז מיט אַ קאָפּ העכער פֿון דער געוויינלעכער פּובליציסטיק און וואָס עס שפּיגלט זיך אָפּ אין איר די גרויסע וועלט, ווי די זון אין אַ טראָפּן ים.

אָבער זיך שטעלנדיק מיטן פּנים צו דער וועלט, פֿאַרלאָזנדיק די יחידיש־פֿאַרלבנהוועטע שטעגעלעך פֿון די אייגענע ד אמות און אַרויסגייענדיק צום גרויסן דרויסן, צו צייט און מענטש, צום העכער און ווייטער פֿון זיך, איז דאָך דניאל טשאַרני דער יעניקער, וואָס לייזט זיך ניט אויף אין דעם אַרום, וואָס פֿאַרשענקט ניט זיין לעבן ווי אַ ציגיינער־פֿידלער זיין ליד אַלע מערק און ירידן.

•

דניאל טשאַרני בלייבט טריי דעם אייגענעם איך, די אַלע וואָרצלען וואָס נעסטן אין אים און גיבן אים דערנערונג. ער בלייבט טריי די טיף־נאַציאָנאַלע, אייגנאַרטיק־יידישע קוואַלן, וואָס לעבן אין אים, און וואָס קיין קלימאַט אויף זיין וואַנדערן דורך דער וועלט קען זיי ניט אויסטריקענען. און דאָס פֿירט צו דניאל טשאַרנים אַ נייעם עטאַפּ, צו די לייוונטן פֿון זיין נייעם ראָמאַן „די וועלט איז קיילעכדיק“, וואָס כאַפּט אַרום גרויסע שטחים פֿון יידישן לעבן, באַלויכטענע מיטן שאַרפֿן ליכט פֿון די לעצטע, גרויסע געשעענישן אין רוסלאַנד.

נאָר דאָס טריי־בלייבן זיך אַליין, דאָס אָפּט ניט שעמען־זיך צו פֿאַר־בענקען נאָך דאָס לבנהדיקע פֿון מענטשלעכן לעבן, דאָס שפּירן זיך צוזאַ־מענגעוואַקסן מיט אַלע אייגנאַרטיקע פֿעדעם פֿון פֿאָלק — נאָר דאָס איז ביכולת אַ קינסטלער צו באַפֿליגלען, אים שענקען כוח צו גראָבן אין דער ווירקלעכקייט און פֿאַרויסקוקן צו דער צוקונפֿט.

•

דורכלייענענדיק דאָס לידער־ביכל „אונטערוועגס“ — האָב איך דערזען ניט דעם וואַנדערוועג פֿון אַ יידישן דיכטער מיטן נאָמען דניאל טשאַרני, נאָר דעם וואַנדערוועג פֿונעם היינטצייטיקן יידן, וואָס די מלחמה־ און רעוואָלוציע־צייט האָט אים אַרויסגעטריבן פֿון זיין דורותדיק־איינגעזעסע־נער היים, אויפֿן גרויסן אומרואיקן שליאַך פֿון דער וועלט.

אין אַ שאַרף ליכט האָב איך דערזען אונדזער גרויס יידיש לעבן, וואָס

שענקט אוועק זיין קאָפּ אַלע וואַנדערנדיקע ווינטן און זיינע פּוסטריט — די שוועלן פון אַלע פרעמדע היימלענדער...

ס'איז אָנגעקומען אַ צייט, ווי ס'גיט אונדז איבער דער דיכטער אין זיין ערשט ליד „דער צעשאָסענער ציפּערבלאַט", ווען „צעשאָסן איז דער ציפערבלאַט פון קלויסטערזייגער", ווען „ס'האָט די מוטער־צייט אַליין פּאַר שרעק געמפּלט", ווייל — „דאָס האָט פאַרבענקט זיך נאָך אַ נייעם לעבנסשטייגער, אַ הונגעריקער פייער פון כאַרקאָוו צי פון פּערם".
און זאָגט דער דיכטער:

יעדע נייע טויטשטראָף אין מאָסקווע צי אין ניו־יאָרק,
יעדע נייע טויטשטראָף אין וואַרשע צי אין רעוועל —
ליינט זיך אויס אויף מיין געווייסן מיט אַ פרישן אַבל־טרויער,
ווי איך וואָלט שוין ווידער אומגעבראַכט מיין ברודער הבל —

איז דאָס דער זאָג פונעם יידישן לעבן, וואָס דער טויטשטראָף־שרעק, פון וועלכער האַנט עס זאָל ניט קומען און אין וועלכן אָרט עס זאָל ניט זיין, לויפט אים נאָך אויף זיין וואַנדער־וועג ווי אַ הונגעריקע שלאַנג.
איז דאָס דער בלוט־ און טרערן־פּלייצנדיקער זאָג פונעם יידישן לעבן, וואָס „עלים איילאַנד", די פאַרמאַכטע, מיט בלוט־פלעקן זיך רויטלענדיקע טיר פון דעם קאַפּיטאַליסטישן אַמעריקע־לאַנד, איז דאָך אויך מער ניט ווי זיין טרויעריקער סימבאָל, אַז ווער וועט דען זיין שטומען צער דערשפּירן און ווער וועט דען זיין ווייגעשריי דערהערן?
און ווען עס זאָגט דער דיכטער:

ס'איז גוט אַזוי צו רייטן אויפן רוקן פון דער צייט
און אונטערוועגס פאַרשענקען אַלץ, וואָס איך פאַרמאָג —
עס זאָל מיין האַרץ זיך צאַפּלען אין אַלערווייטסטער ווייט
און פול זאָל זיין מיט מיר אויף יעדן ראָג. —

איז דאָס דער מונטערער און פריידן־אָטעמענדיקער זאָג פונעם יידישן לעבן, וואָס די שווערד פון זיין וואַנדערן שניידט אים אָפּ פון זיין שטאַם און וואו ער קערט זיך און ווענדט זיך פאַרפלאַנצט ער דאָרט זיין היים און זיין לעבעדיק יידיש וואָרט —
ווייל — פון אָט דעם לידער־ביכל „אונטערוועגס" מיט די אויפריכטיקע, פּשטותפולע שורות פון דיכטער דניאל טשאַרני האָט צו מיר אַרויסגערעדט אונדזער היינטצייטיק, יידיש לעבן, וואָס איז אונטערוועגס און וואָס בויט זיינע היימען — אונטערוועגס...

נ. י. גאָטליב / מיטן אימפעט פון זיין בלוט

איך בין זיך מודה: איך פאַרמאָג אַ באַזונדערע „שוואַכקייט" צו מעמואַרן, איך בין אַ שטאַרקער אָנהענגער פון זכרונות. אַלץ וואָס אָטעמט מיט „בלעטלעך פון אַ לעבן" פאַרשלינג איך תמיד מיט אַ וועלפּישן אַפּעטיט. און איך מיין, אַז איך בין ניט דער איינציקער. יעדער ביכער־לייענער, גלויב איך, פאַרמאָגט אָט די דאָזיקע „מעמואַרן־שוואַכקייט". יעדער ביכער־לייענער וועט זיך פיל מאָל מיט מער חשק אַ כאַפּ־טון צו אַ בוך זכרונות, ווי צו אַ בוך פון סאַמער, העכסטער קונסט. וואָרעם זכרונות, „בלעטלעך פון אַ לעבן", זענען דאָך לעבן אַליין. זאָל זיין לעבן, וואָס אין פאַרגאַנגענהייט, לעבן וואָס אין אָפּקלאַנג, אָבער פּאָרט לעבן ממש. און דאָס ממשותדיקע לעבן איז כמעט שטענדיק פיל מער אינטערעסאַנט פאַרכאַפּנדיק, ווי דער איינגעגעבנסטער, אייגנאַרטיקסטער, קינסטלערישסטער ראָמאַן. בפרט נאָך, ווען דאָס בוך מעמואַרן, וואָס איר לייענט, איז ניט אָנגעפילט און אויסגעפילט בלויז מיט טרוקענע, פּראָטאָקאָלישפאַרנאָטירטע פאַקטן און געשעענישן, נאָר איז געשריבן פון אַ שרייבער אַ פּראָפעסיאָנאַל, פון אַ דיכטער, וואָס פאַרמאָגט דעם טאַלענט צו זען רעטראָספּעקטיוו, וואָס קען באַלעבן, באַזינגען און באַהאַרצן דאָס פאַרגאַנגענע מיטן אימפּעט פון זיין בלוט און מיטן כוח פון זיין וואָרט. אָט אַזעלכע זכרונות זענען ניט זכרונות סתם — זיי דערהויבן זיך צו דער מדרגה פון קונסט.

•

אין אונדזער מאַמע־לשון זענען פאַראַן אַ היפּש ביסל זכרונות־ביכער. מעמואַרן, ניט נאָר פון פּראָפעסיאָנעלע שרייבער, נאָר אויך פון פאַרשידענע קולטור־טוער, פּאַרטיי־פירער און סתם יידן פון אַ גאַנץ יאָר. וואָרעם — ווי כ'האָב שוין פריער דערמאָנט — פאַרמאָגט יעדער ביכער־לייענער אַ „שוואַכקייט" צו מעמואַרן, און ניט נאָר צו פרעמדע זכרונות — אויך צו אייגענע... און וואָס קען זיין גרינגער, ווי שרייבן זיין אייגן לעבן, וועגן זיינע קינדער־יאָרן, וועגן זיין פאַרגאַנגענהייט. און אויב נאָר עס ציט אים צום שרייב־טיש, זעצט ער זיך אַוועק און קאַטעוועט אָן אַ באַנד, צי פינף בענדער זכרונות... ווייניק אָבער מעמואַריסטן, אפילו שרייבער פון באַרוף, ווייסן, אַז שרייבן זכרונות איז אָפּט־

מאָל פיל שווערער, ווי שרייבן אַ ריין, ליטעראַריש ווערק. וואָרעם ביי־
שרייבן זכרונות איז די סכנה פון ווערן פאַרכלינעט פון פאַקטן און גע־
שעענישען, וואָס קענען באַלעסטיקן דעם לייענער מיט אומנויטיקן און אומ־
אינטערעסאַנטן שטאָף — פיל גרעסער, ווי ביים שרייבן אַ ריין, בעלעט־
ריסטיש ווערק.
געוויינלעך איז דעם מעמואַריסט אַלץ ליב און טייער. אים דוכט זיך, אַז
יעדער פאַקט, יעדער פאַל, וואָס האָט מיט אים געטראָפן — איז פון
דער גרעסטער וויכטיקייט און מוז ווערן פאַראייביקט. האָבן מיר צוליב
דעם אַ היפּש ביסל מעמואַרן-ביכער, וואָס זענען, איבערגעלאָדן מיט
אומוויכטיקן, אומאינטערעסאַנטן מאַטעריאַל; וואָס זענען צו אינטים,
צו אינדיווידועל און — דער עיקר — פאַרב־ און בלוטלאָז פונעם לי־
טעראַרישן שטאַנדפּונקט.

•

גאַנץ אַנדערש זעט אויס דניאל טשאַרנים מעמואַרן־בוך, וואָס איז געווידמעט
דער טשאַרני-משפּחה. די טשאַרני-משפּחה איז איינע פון ניט קיין סך יידישע
משפּחות, וואָס זענען געבענטשט מיט אַ שפע פון טאַלענטן. ברכה טשאַר־
ני איז געווען די מאַמע פון פינף זין, וואָס דריי פון זיי — ש. ניגער,
ב. וולאַדעק, און ד. טשאַרני — זענען דעם יידישן לייענער היפּש באַ־
קאַנט. האָט דניאל טשאַרני, ברכהס יינגסטער זון, גענומען אויף זיך דעם
חוב און די מי צו באַקענען דעם יידישן לייענער מיטן לעבן פון דער
דאָזיקער טאַלענטירטער משפּחה. אַ חוץ דער-אָ אויפגאַבע האָט דניאל
טשאַרני דורכגעפירט עטלעכע אַנדערע אויפגאַבעס: ער האָט פאַר אונדז
ברייט פונאַנדערגעעפנט די טירן פון זיין אייגן לעבן. ער האָט אונדז
אויפסניי אַריבערגעטראַנספּאָרטירט אינעם אַלטן, פאַרמלחמהדיקן גלות־
שטעטל. ער האָט פאַר אונדז אַדורכגעפירט אַ ריי יידישע באַוואוסטע
שרייבער און ער האָט אונדז אויך מיטגענומען אויף זיין לאַנגן וואַנ־
דערוועג אין אַ סך רוסישע און אויסלענדישע שטעט און שטעטלעך, וואו
מיר האָבן זיך נאָענט באַקאַנט מיט אַלע יידישע פּאַרטייען, מיט זייערע
שטרעמונגען און מיט זייערע פירער — אין די ערשטע פופצן יאָר
פונעם 20סטן יאָרהונדערט. דאָס אַלץ האָט דניאל טשאַרני אויסגעצייכנט
אויפגעלעבט און רעסטאַווירט אין אַ בוך פון צווייהונדערט ניינציק
זייטלעך. איז שוין פון דעם אַליין צו זען, אַז דער מחבר האָט זיינע
זכרונות גוט דורכגעזיפּט, אַז ער איז געווען אָפּגעהיט צוצוטראָגן אונדז
נאָר דאָס סאַמע נויטיקע און וויכטיקע און אַז ער האָט, ווי אַן עכטער
קינסטלער, געשפּאָרט מיטן וואָרט.

ב. צ. גאָלדבערג / אַן אוקראַאיניזירטער ליטוואַק

מיט יאָרן צוריק האָבן זיך ביי אַן אָרעמער יידענע, אַן אַלמנה, אין אַ קליינעם שטעטעלע געהאָדעוועט פינף זין.

זענען צוויי אויסגעוואַקסן און אַוועק אין מסחר, און דריי זענען געוואָרן שרייבער. אָט די דריי: שמואל, ברוך און דאָניע קען די יידישע וועלט ווי ש. ניגער, ב. וולאַדעק און דניאל טשאַרני.

אַז דריי ברידער שרייבן, דאַרף אַ פערטער, אַ פרעמדער, ניט קומען און זאָגן, ווער פון זיי עס שרייבט בעסער, נאָר עפּעס אַ פאַרגלייך וואָלט זיך פאָרט וועלן מאַכן.

איז כדאי צו הערן די מיינונג פריער פון אַלעמען פון זייער אייגענער מאַ-מע, ברכה די לעדער־קרעמערקע.

אַז דניאל טשאַרני האָט אָפּגעדרוקט זיין ערשט ליד אין ה. ד. נאָמבערגס „ווינטער־בלעטער", מיט העכער דרייסיק יאָר צוריק, האָט די מאַמע אַזוי רעאַגירט — אין דניאלס לשון:

„בנוגע די עלטערע צוויי ברידער האָט זי גלייך מסכים געווען, אַז זיי זענען טאַקע שרייבער, ווייל שמואל, האָט זי מיר געשריבן, איז נאָך פון קינדווייז־אָן געווען אַ פילאָסאָף, און ברוך — וואָס קען ניט אונדזער ברוך? בנוגע מיר, אָבער, איז זי אַריינגעפאַלן אין ספקות. זי האָט מיך פשוט חושד געווען, אַז דאָס האָב איך געווים אָנגעבעטן שמואלן, ער זאָל דאָס אָנשרייבן פאַר מיר, ווייל, ווי קום איך, דער מוזיניק אין דער „פליאַ-גע" צו אַזעלכע הויכע ענינים?"

אויף דער האַלב איז די מאַמע געווען גערעכט — די העלפט, וואָס שייך שמואלן מיט ברוכן. נאָר וועגן דאָניען האָט זי געמאַכט אַ טעות — אַ טעות וואָס איז פאַרגעבלעך.

ביי אַ מאַמע בלייבט דער מוזיניק תמיד אַ קינד, בפרט נאָך אַ מוזיניק, וואָס איז אַן איידל קינד, אָדער אויף איר לשון — אַ „פליאַגע".

דערצו איז דניאלס שרייבן גאָר אַנדערש פון דעם שרייבן פון שמואלן און ברוכן.

ניגער איז טאַקע דער פילאָסאָף, ערנסטער, לאָגישער, ער איז אַ אינטעלעק-טועלער שרייבער, וואָס ווערט אַמאָל סאַרקאַסטיש אין פאָלעמיק און דער-הויבט זיך צו פּאַטאָס, ווען ער ווערט אַ פּראָטעסטאַנט, אַ מוכיח.

אָבער איך קאָן זיך ניט פאָרשטעלן ניגערן אין שרייבן, ער זאָל אָפּשפּיליען א קנעפּל פאַר דער וועלט, צי גאָר נעמען און מאַכן א שפּאַס!

וואַלדעק איז טאַקע — וואָס קען ברוך ניט? ער שרייבט גאַנץ גלאַט קריטיק. אַרטיקלען, אַפילו בעלעטריסטיק — אויב איך האָב קיין טעות ניט — אָבער די קריטיק איז „בלייפעדער-נאָטיצן". די אַרטיקלען צו-פעליק, צווישן איין מיטינג און אַן אַנדערן, צווישן אַלדערמאַן און קאָנ־סילמאַן אריינגעכאַפּט א פאַר אַרטיקלען, פליענדיק אויף אַן עראָפּלאַן.

ביידע ברידער זענען „ליטוואַקעס", מתנגדים, נאָר דניאל איז א אוק־ראַינישע נשמה, א חסיד — ווייך, האַרציק, סענטימענטאַל, מיט א פיינעם חוש פאַר אַן אומעטיקלעכן הומאָר.

•

איך האָב זיך אַמאָל געטראָפן מיט דניאל טשאַרנין אין בערלין, איז נאָך דער ערשטער האַלבער שעה פון אונדזער פּערזענלעכער באַקאַנטשאַפט, האָבן מיר זיך דערפילט, ווי מיר וואָלטן געווען די נאָענטסטע פריינד מכמה יאָרן, ווי מיר וואָלטן אויסגעוואַקסן צוזאַמען אין דוקאָר.

און אַט די מעלה פון אינטימיטעט האָט אויך זיין שרייבן.

אַלץ, וואָס דניאל טשאַרני שרייבט איז היימיש, וואַרעם, אינטים. עס לייענט זיך אַזוי לייכט, ווי פון זיך אַליין. איר גליטשט זיך אין דעם אריין ווי אין אייגענעם, ווייכן שטול ביי זיך אין דער היים.

און טאַקע צוליב די דאָזיקע אייגנשאַפטן, איז דניאל טשאַרנים „באַרג אַרויף", מעמואַרן פון זיין פאַמיליע, די טשאַרנים, און די וועלט אַרום זיי, זיין פונדאַמענטאַל ווערק, הגם ער האָט באַרייכערט אונדזער ליטע־ראַטור מיט צוויי בענדער פיינע, לירישע לידער, און מיט קינדער-דער־ציילונגען, איבערזעצונגען, רייזע-באַשרייבונגען און דאָס גלייכן. — וועגן טשאַרנים לידער דאַרף מען באַזונדער שרייבן, און ווייל דער אייגענער ברודער איז דער קריטיקער פון דער יידישער ליטעראַטור — און ער קאָן דאָך וועגן אייגענעם ברודער ניט שרייבן, הגם איך זע ניט אַיין פאַר־וואָס ניט — בלייבט טשאַרני דער ניט-קריטיקירטער, יידישער שרייבער.

•

„באַרג אַרויף" איז דאָס פלייש פון זיין פלייש און דער גייסט פון זיין נשמה.

א ווערק, קאַרג אויפן וואָרט און רייך אין געפיל און באַהויכט מיט א צאַרטן יידישן הומאָר.

יוסף גאר / אונדזער טאַפּעלער יובילאַר

אונדזער חשובער מיטאַרבעטער און פריינד דניאל טשאַרני האָט איצט, ווי אונדזערע לייענער איז באַקאַנט, צו באַצייכענען אַ טאָפּעלען יובל: 50סטער געבוירנס־טאָג און 30 יאָר ליטעראַרישע טעטיקייט. ווי מ'האָט געקענט דערוואַרטן, האָט די דאָזיקע צווייאיקע דאַטע געפונען אַ וואַרעמען אָפּקלאַנג אין דער גאַרער, יידישער קולטור־וועלט. און ניט אָן אַ גרונד. געפינט ער זיך דאָך זיין גאַנצן, באַוואוסטזיניקן לעבן אין די פאָדערשטע רייען פון די אַקטיווע מיטקעמפער און מיטבויער פון דער מאָדערנער יידישער קולטור. האָט ער דאָך במשך פון די דריי צענדלינג יאָר פון זיין שריפטשטעלערישער טעטיקייט באַוויזן בייצוטראָגן אַ גאַנץ אָנגעזעענעם צושטייער צו די אוצרות פונעם יידישן, קינסטלערישן וואָרט.

•

דניאל טשאַרנין איז באַשערט געווען אַדורכצומאַכן אַ שווערן, אָבער גלייכצייטיק אויך פילפאַרביקן לעבנסוועג. ווי ס'זאָגט וועגן אים זיין ברודער ב. וולאַדעק, איז עס אַ לעבן „פול מיט בייזוויליקייטן און ברוטאַלע שפיצלעך פון דער נאַטור" און הגם, ווי מ'וואָלט זיך געקענט ריכטן, אַז די נאַטירלעכע, פּסיכאָלאָגישע רעאַקציע וואָלט אין אַזאַ פאַל געדאַרפט זיין מרה־שחורה, יאוש און פאַרביטערונג, איז אָבער דניאל טשאַרני להיפך צו אַלע לאָגישע דערוואַרטונגען גראָד אַ מענטש, וואָס איז פול מיט יוגנטלעכן ברען און ענטוזיאַזם, און גייט צו צו די לעבנס־דערשיינונגען מיט אַ גוטמוטיקן הומאָר און לעבן־אָפּטימיזם.

און טאַקע אפשר אין דער דאָזיקער „פּסיכאָלאָגישער איררעציאָנעלקייט", ליגט דער שליסל צו פיל שטריכן פון זיין כאַראַקטער און וועלט־באַנעם. אָן אייגנאַרטיקן שטעמפּל אויף זיין גאַנצן פּערזענלעכן און דיכטערישן מהות האָט אויך, בלי שום ספק, געלייגט זיין פּערמאַנענטער (און די לעצטע צייט טאַקע אָן אויפגעצוואונגענער) נע ונד זיין פון איין שטאָט אין דער צווייטער, פון איין לאַנד אינעם צווייטן. אַלעמאָל און אומעטום איז אָבער דניאל טשאַרני געבליבן דער זעלבער באַגייסטערטער און באַגייסטערער אין טאָג־טעגלעכן געראַנגל פאַר די געזעלשאַפטלעך־קולטורעלע נויטן פון די יידישע פאָלקס־מאַסן, פאַר זייער פאָלקס־שפּראַך און זייער פאָלקס־קולטור. ווייל מ'דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז סתם אַזוי קריגט מען

ניט ביי אונדז יידן קיין טיטול בכלל און בפרט אזא טיטול, ווי „אמבאַסאַדאָר פון דער יידישער ליטעראַטור פון יידישלאַנד".

•

פילגעשטאַלטיק איז אויך דער שריפטשטעלערישער שאַפונגס-וועג פון דניאל טשאַרנין.

אַנגעהויבן מיט לירישער דיכטונג, איז דער בעל-יובל, ווי באַקאַנט, וואָס ווייטער אַלץ מער אַריבער צו דער פּראָזע, בעיקר צו דער ליטעראַטור-רעצענזיע, צו דער פּובליציסטיק איבער פאַרשידענע קולטור-געזעלשאַפט-לעכע פּראָגעס, און האָט דערגרייכט זיין ליטעראַרישן אַפּאָגיי אין די באַרימט-געוואָרענע מעמואַרן, א"נ „משפּחה־כראָניק". מען דאַרף באמת שטיין אויף אַ גאַנץ הויכן פּערזענלעכן ניוואָ, כדי צו זיין פעאיק מגלה צו זיין פאַר דער עפנטלעכקייט די סאַמע אינטימסטע פּרטים מיט אַזוי-פיל פשטות, אָפנהאַרציקייט און ערלעכער אויפריכטיקייט. ניט קלענער איז אָבער אויך דער קינסטלערישער ניוואָ פון דער אויטאָביאָגראַפיע, אַ וואו פאָלקסטימלעכער הומאָר ווערט אַדורכגעפלאָכטן מיט עכט-יידישן אָפּטימיזם און בטחון.

די דאָזיקע מעמואַרן האָבן נאָך אַ חוץ זייער ליטעראַריש-קינסטלערישן ווערט אויך אַ געזעלשאַפטלעכן און געשיכטלעכן באַדייט וועגן דעם שלל פון כאַראַקטעריסטישע עפּיזאָדן, וואָס ווערן דאָרט אַרויסגעבראַכט. אָט פאַרוואָס דניאל טשאַרנים „משפּחה-כראָניק" וועלן שטאַרק צונוץ קומען דעם היסטאָריקער פון אונדזער געזעלשאַפטלעכקייט און ליטעראַטור פאַר די לעצטע עטלעכע צענדלינג יאָר.

•

די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט אין פּאַריז, דאָס איציקע וואוינאָרט פון דניאל טשאַרנין, האָט, ווי ס'איז צו זען פונעם באַריכט פון זיין יובל-באַנקעט אויף אַ ווירדיקן אופן דערפילט איר חוב לגבי דעם בעל-יובל. לאָמיר האָפן, אַז אויך די יידישע ליטע, אַ וואו דניאל טשאַרני האָט פיל-צאָליקע לייענער און גוטע פריינד וועט ניט בלייבן קיין בעל-חוב דעם טאַפּעלען יובילאַר אונדזערן.

נעמט צו, חשובער פריינד, דניאל טשאַרני, פונדערווייטנס אונדזערע וואַרעמסטע ברכות צו אייער כשר, איבער־כשר, פאַרדינטן יובל. על אפו ועל חמתו דעם „באַרג אַראָפּ", אין וועלכן מיר לעבן איצט, מאַרשירט אויך ווייטער באַרג אַרויף, באַרג אַרויף...

יעקב גלאַנץ / באַרג אַרויף פון אונדזער אינטעליגענץ

דער חילוק צווישן דעם מעמואַרן־שרייבער און היסטאָריקער איז דער, וואָס דער היסטאָריקער בלאָזט אַריין לעבעדיקן אָטעם אין טויטע דאָקומענטן, און לעבט אויף פאַר אונדז אָפּגעשטאָרבענע תקופות; און דער מעמואַריסט איז אַ לעבעדיקער עדות פון צייטן אָפּגעגאַנגענע און אָפּגייענדיקע אין דער געשיכטע. ער, דער מעמואַרן־שרייבער, איז דאָך אַליין געווען אַ נוגע בדבר, ער האָט זיך אַליין משתתף געווען אין אָט די צייטן, געלעבט אין זיי און געפיבערט! איז טאַקע דער היסטאָריקער דעריבער דער קאַלטער אָבסערווירער פון טויטע פאַקטן און פּאַסירונגען, בעת דער מעמואַרן־שרייבער איז דער הייסער אָנטיילנעמער — אַ פאַרינטערעסירטער צד אין דעם אָדער יענעם לעבעדיקן צייט־אָפּשניט, וועלכן ער פאַרפיקסירט אין זיינע מעמואַרן.

מעמואַרן־ליטעראַטור שטייט אויף דער גרענעץ פון סוביעקטיוון שייךשרייבן (אויב דער שרייבער איז נאָר ניט קיין טרוקענער כראָניקער) אויף דער גרענעץ פון קינסטלערישע ווערק, בעת געשיכטע גרענעצט און מוז גרענעצן מיט אָביעקטיוון, וויסנשאַפטלעכן גריבלען זיך און חוקר־ודורש זיין אין די פאַרבאַהאַלטענע שפּורן פון צייטן און תקופות.

און ווען עס טרעפט נאָך אַ גליקלעכער שידוך צווישן דעם צייט־כראָניקער און סובטעלן, דיכטערישן באַנעם און אויפנעמען דערשיינונגען — באַקומען מיר דעמאָלט פּאָעטישע נאַראַציעס, וואָס ווירקן מיט זייער קינסטלערישן פּאַטאָס און וויזיע, ווי אמתע קונסט־ווערק.

צו דעם אָ טיפּ מעמואַרן־שרייבער — קינסטלער — געהערט אָן ספק דניאל טשאַרני, דער רעטראָספּעקטיוויזם זיינער איז באַהויכט מיט דעם ליריש־ווייכן אינטראָספּעקטיוון ציטער פון זיין דיכטעריש וועזן. דערפאַר איז אַ פּנים די ווירקונג פון זיינע זכרונות אַזוי נחת־רוחדיק, ווי דער געניוס פון קונסט־ווערק. דער דיכטער, וואָס אין אים פאַרטראָגט ניט דעם כראָניקער און ער פאַרגיטיקט אָפּט טרוקענע, האַרבע טאָג־טעגלעכע פּראָזע מיט אַ פּאָעטישן פלאַטערל, לאָזט ניט פאַרגעסן דעם לייענער, אַז ער האָט דאָ צו טון ראשית כל מיט אַ דיכטער.

עס טרעפט אַ מינוט,

און די אייביקייט קוקט דיר אַריין אין די אויגן.

ס'ווערט אזוי גוט
און פונקט, ווי א בויגן,
וואָס צילט זיך אין ציל,
ווערט שטייף דיין געפיל.

...עס טרעפט אַ מינוט —
ווי גיך אָבער ווערט זי פאַרשוואונדן,
ס'פאַרלעשט זיך דיין מוט,
און ס'צינדן זיך אָן דיינע וואַנדרער־וואונדן.

ער האָט אין זיינע מעמוארן, דניאל טשאַרני, ניט נאָר אַנטפּלעקט פאַר אונדז דעם נאַקעט פון זיינע גייסטיקע וואַנדערונגען און די וואַנדערונגען פון אַ גאַנצן דור, נאָר ער האָט בולט געוויזן פאַר דער וועלט זיינע „וואַנדרער־וואונדן", די בלוט־טריפנדיקע וואונדן פון אַ דיכטער־פּערזענ־לעכקייט אין אייביקן קאָנפליקט מיט זיך; אָט פאַרווילט זיך אים „האָבן פראַמעטעאוסעס רוט" צו שטראָפן, צו וועקן „אַז ליכטיק זאָל ווערן אין אַלע פיר עקן" — און אָט „פאַרלעשט זיך זיין מוט" און ס'„לויערט שוין ערגעץ דער טויט".

זאָגט, אדרבא, וועלכן מעמוארן־שרייבער וועט גאָר איינפאַלן, אויב ניט קיין דיכטער צו באַשרייבן מיט אַזאַ צערטלעכקייט און ווייטאָגלעכער ליבשאַפט, דעם טראַגיש־„טשוהונענעם בוים" (זייט 201) „וואָס איז אַזוי עלנט־יתומהדיק געוואַקסן אין ציגלנעם קאַסטן, אויף אַספאַלטענער דעק" און „אַרומגעצוימט מיט אייזערנע שטאַכעטלעך"! „דער בוים איז געווען אַלט און דיק, מיט שטאַרק אַרומגעהאַקטע צווייגן. ס'האָט אויסגעזען, ווי מען וואָלט דעם בוים פאַרפלאַנצט מיט די וואָרצלען אַרויף".

אָט דער בוים — „דער טשוהונענער גולם", וואָס דאַרבט און וועלקט, און האָט „גאָר ניט בדעה אפילו זיך צו פאַרבלעטערן", בעת אין דרויסן גרינט און „דער פרילינג בליט אויף אַלע בולוואַרן" — אָט דער בוים איז אויפן ריכטיקן אָרט אין דעם אַלגעמיינעם גרויען פּייזאַזש פון דניאל טשאַרנים „באַרג אַרויף". דער „באַרג אַרויף" פון דער יידישער אַרבע־טער־אינטעליגענץ — די פאָלקס־באַוועגונג פון אָנהויב פון הייַנטיקן יאָרהונדערט, וואָס האָט אַרויסגעגעבן די נפתלי באָטווינס און הירש לע־קערטס, און אַזעלכע שיינע געשטאַלטן פון דניאל טשאַרנים גאַלעריע־טיפּן, ווי סאָניע, די שניידערקע (סאָניע ליפשיץ) אָדער „דער שטומער אַגיטאַטאָר" (זייט 96). דער אַגיטאַטאָר, וואָס האָט נעבעך מיט „היץ"

(דורך טשאַרנים טרעריקן הומאָר) אַזוי מסירת נפשדיק גערעדט און איינגעטענהט מיט זיין אוידיטאָריע, וועגן זיין גרויסער שליחות צו דער „מאַסע“, וואָס ניט „ווערטער און פראַזן“ האָט זי געפאָדערט, „נאָר מעשים“. די ווערטער פונעם „שטומען אַגיטאַטאָר“ זענען אַרויסגעקומען „פון דעם געשוואָלענעם מויל זיינעם“ — דערציילט דניאל טשאַרני — ווי ער וואָלט זיי טראָפּנווייז געטריבן פון זיך. און באַגרייפט דאָס בילד! — „אַט אַזוי רעדט אַ מענטש, ווען ער האָט זודיקע קאַרטאָפל אין מויל“.

יאָ, דניאל טשאַרני האָט אויפגענומען די גאַנצע טראַגיק און פּיין פון אונדזערע העלדן, „די אומבאַקאַנטע סאָלדאַטן“, וואָס האָבן זיך מקריב געווען פאַר זייערע אידעאַלן. זיי האָבן באמונה שלימה געגלויבט אין זייער שליחות.

„צי דען האָט דער שטומער אַגיטאַטאָר ניט אויסגעזען אין די אויגן פון דער מאַסע, ווי אַ העלד, וואָס שאַנעוועט זיך אַליין ניט, און וואָס פירט דורך דעם פּלאַן פון זיין קאָמיטעט, ווי דער געטרייסטער קאַפּיטאַן, בעת די שיף זינקט“ — פאַרענדיקט מוסר השכלדיק דניאל טשאַרני.

און באמת: נאָר אין דעם זכות פון אָט די שטומע און פאַרשטומטע אַגיטאַטאָרן און קעמפער פונעם פאַרגאַנגענעם און אָפּגייענדיקן דור יידישע מאַרטירער (אַזוי מייסטערהאַפט געשילדערט פון דניאל טשאַרנין, פון פּאַטן) איז געלונגען אונדז אַרויפצודראַפּן זיך צו דער שטופע, וואו עס געפינט זיך ביי היינט צו טאָג אונדזער ניי־לעבן און שאַפן.

דער שווערער, משפּעדיקער, דערנערדיקער „באַרג אַרויף“ פון אַ דניאל טשאַרני — איז דער באַרג אַרויף, „אויב ניט נאָך העכער“, פון אַ גאַנצן דור יידישע מאַרטירער־קעמפער, שטומע און שוין אויף אייביק פאַרשטומטע, וואָס האָבן אונדז געפירט און פירן נאָך עד היום צו אַ שענערער, בעסערער וועלט.

און ווען ס'איז טייער אונדזער שטייגן אַרויף צום העכסטן שטאַפּל פון אונדזערע חלומות, ביז זיי וועלן ניט ווערן כּולו וואָר, און ווער עס גלויבט נאָר מיט דער גאַנצער אמונה פון אָט די לויטערע פאַרגייער אונדזערע, אַז מיר וועלן זיך ווען ניט איז פאַרט דערדראַפּן צו די אויסגעחלומטע באַרג־שפּיצן פון צוגעזאָגטן לאַנד — דער וועט טייער האַלטן דניאל טשאַרנים בוך. אַ דאָקומענט פון אַ דור, וואָס כאָטש ער איז ניצול געוואָרן פון די מלחמה־שראַפּנעלן — פאַראַפּראַזירנדיק רעמאַרקן — איז ער גייסטיק חרוב און צעבראָכן, אין אָט דער שווערער צווישנצייט אין וועלכער מיר לעבן און קלעטערן מיט די לעצטע אָנשטרענגונגען אויף דעם באַרג אַרויף פון אונדזער ווידער־אויפלעבונג, אויפן וועג צום מאָרגן־לאַנד.

זיצן פון רעכטס צו לינקס: א. י. גאָלדשמידט, א. י. גראָדזענסקי, ב. ארשאנסקי
שטייען: י. ראָזנבוים, לייב ניידוס, דניאל טשארני, ווילנע 1915

א. י. גראָדזענסקי / צוריק אַ היים

די ווילנער ליטעראַרישע משפחה האָט אין די פריערדיקע יאָרן געציילט אַ היפּשע צאָל שריפטשטעלער, וועלכע פעלן אונדז איצט, ווי משה קולבאַק, מאַקס עריק, שרה רייזין, משה זילבורג, יאַשונסקי, בער האַראָוויץ א"אַ. איצט זענען זיי צעזייט און צעשפּרייט איבער דער ווייטער וועלט און ס'האָט זיך געשפּירט צוליב דעם אַן אָרעמקייט אין די היגע ליטעראַרישע און בכלל קולטור־קרייזן.

איז טאַקע איצט ביי אונדז גרויס די פרייד מיט דניאל טשאַרנים באַזעצן זיך אין ווילנע.

•

גראָד מיט זיין אָנקומען קיין ווילנע איז דערשינען דניאל טשאַרנים אַ ניי בוך „באַרג אַרויף". ס'איז אַ בוך מעמואַרן, וואָס נעמען אַרום די לעצטע דריי צענדלינג יאָר, ווען אויף דער יידישער גאַס זענען אויפגעגאַנגען און אונטערגעגאַנגען סיי פּאָליטישע באַוועגונגען און פּאַרטייען, סיי גרויסע קולטור־אויפטוען. דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז דניאל טשאַרני זאָל זיין אַ „נייטראַלער" עדות פון אָט די אַלע באַוועגונגען. אַלס אַ ברודער פון ני־גערן און וולאַדעקן, וועלכע האָבן אין אָט די באַוועגונגען געשפּילט אַ היסטאָרישע ראָלע, האָט ער געהאַט די געלעגנהייט זיך צוצוקוקן פון דער נאָענט אויך צו די אַלע אַנדערע פּערזאָנען און פּערזענלעכקייטן. אין אָט די באַוועגונגען און אין זיינע מעמואַרן גיט ער וועגן זיי טרעפלעכע כאַראַקטעריסטיקעס אין קורצע שטריכן. ס'גייען דאָרט דורך, ווי אין אַ גאַלעריע פיל נעמען און געשטאַלטן פון די שוין פאַרשטאָרבענע און נאָך היינט לעבעדיקע שריפטשטעלער, דיכטער און אינטעלעקטועלע, וועלכע האָבן געשאַפן אַמאָל דעם רענעסאַנס פון דער קולטור־באַוועגונג אויף דער יידישער גאַס.

•

ווי אַ צוקוקער פון דער זייט — אָבער האַרט ביי דער זייט — רעדט דניאל טשאַרני וועגן זיי אַלעמען אין זיין „נייטראַלן" זכרונות־בוך, וועל־כער האָט ניט נאָר אַ פּערזענלעכע באַדייטונג פאַר דער טשאַרני־משפחה, נאָר אויך פאַר דער יידישער קולטור־ און ליטעראַטור־שאַפונג. ס'איז ניט

נאָר א בוך פון „משפּחה־כראָניק“, נאָר ס'איז א היסטאָרישע כראָניק פון די יידישע פּאַרטיי־קרייזלעך און ליטעראַרישע גרופּעס.
דניאל טשאַרני איז אין ווילנע ניט קיין פּנים חדשות. פאַר דער מלחמה איז ער שוין דאָ געווען א תושב און האָט געהערט צו דער דעמאָלטיקער יונגער גענעראַציע פון יידישע דיכטער און שרייבער, וועלכע האָבן זיך פון ווילנע שפּעטער צעשפּרייט איבער אַלע יידישע ישובים פון דער גאַנ־צער וועלט, צעטראָגנדיק דאָרטן דעם קלאַנג פון יידישן שאַפונגס־וואָרט סיי בעל פּה און סיי בכתב.

•

אין די יאָרן פון מלחמה און רעוואָלוציעס, האָט דניאל טשאַרני מיטגע־מאַכט דעם זעלבן וואַנדער־וועג פון אַלע איבעריקע נע ונדניקעס־שריפט־שטעלער: פון מאָסקווע ביז צו די טויערן פון ניו־יאָרק, פון עלים איילאַנד ביז בערלין, פון „ראָמאַנישן קאַפע“ ביז ריגע, פון דער דווינע צום פּאַ־ריזער „אייפל־טורעם“ און פון דאָרטיקן מאָנפּאַרנאַס ביז צוריק צו דער ווילנער יידישער גאַס, פון וואַנען ער האָט אין די פאַרמלחמה־יאָרן גע־מאַכט זיין ערשטן אַרויספאָר אין דער יידישער ליטעראַטור, זיך לאָזנדיק אויפן פּאַעטישן פּעגאַס איבער די אייראָפּעאישע גייסטיקע צענטערס ווי ווין, בערן א"א. דניאל טשאַרני איז צוריקגעקומען צו זיין ליטעראַרישן געבוירנס־אָרט און געבוירנס־שטאָט ווילנע, באַלאָדן שוין מיט מער דער־פאַרונג און באַרייכערט מיט א גרעסערן גייסטיקן באַגאַזש גרייט אויסצו־לאָדן עס אין דער היגער יידישער קולטור־וועלט.

•

לאָמיר האָפן, אז ווילנע וועט שוין בלייבן דניאל טשאַרנים שטענדיקע סטאַציע און וועט ניט דאַרפן מער אָנקומען צו צייטווייליקע אכסניות אין דער פרעמדער וועלט.

נ. גרינבלאַט / דער דיכטער און פּראָזאיקער

אין צעשטורעמטן וואַלד פון דער נייער יידישער ליריק איז דניאל טשאַרנים ליריק אַביסל אין אַ זייט, אַ בוימעלע פאַר זיך. ער האָט ניט דעם צעשויבערטן, אין קראַמפּן צאַפּלדיקן סטיל פון געטער־פאַלונג, ער האָט אויך ניט דעם אָטעם פון די צעכוואַליעטע סטיכיעס. דניאל טשאַרני איז ווייט פון שטאָל און אייזן, פון געהאַמערטע, אָנגרייפערישע פערזן. זיין ליד איז לייכט און דורכגעזאַפּט מיטן בין־השמשותדיקן אומעט, מיטן ציטער פון אַ געמיטלעכער, ווייכער, חלומדיקער נשמה. אַ צויבער־קלאַנג, אַ נאַטור־לאַנדשאַפט, אַ מיידל־בליק, אַ נאַכט־שומר, אַלץ, וואָס רעדט צו אַ פיינפילנדיקן האַרצן — דאָס אַלץ רירט אים. אמת, אַז אין דניאל טשאַרנים „לייכטע פערזן" שלייכן דורך שוואַרצע שאָטנס, טיף אומעטיקע, עכטע, איבערגעלעבטע געפילן, און דאָס מאַכט זיי נאָענט דעם לייענער, ווייל איר שפּירט אין זיי דאָס מענטשלעכע, דעם עול פון אַ ווייטאָגדיק האַרץ — און דאָך האָט דער דיכטער מיט רעכט זיינע לידער באַטיטלט אַלס „לייכטע פערזן".

זיי זענען לייכט און פליסיק אין אויסדרוק, שוועבנדיק און פלאַטערדיק. אָן דעם שווערן, פאַרמרה־שחורהטן טאָן פון אַ מעלאַנכאָליקער, אָן דער נודנער קינות־זאָגעריי אויף זיך און אויף דער וועלט, אָן דער לאַנגווייליקער גריבלעניש אין די אינזיכיקע, אָפט שמאָלע און קליינטשיקע איבערלעבענישן. אין דניאל טשאַרנים לייכטן פערז, פילט איר אַ געלייטערטן הומאָר, וואָס ציט יניקה פון געניאַלן היינע, ער שפּריצט מיט ליכט־פונקען, צעוואַרפט בליצן, און שפּרינגט אַריבער די אָפּגרונטן. אַזוי איז ער, דניאל טשאַרני אין זיינע פיינע, קליינע פערזן, דער חנעוודיקער, שמייכלדיקער, גוטמוטיקער מענטש, וואָס טראָגט אין זיך פאַרגיטיקונג און אויסגעלייטערטקייט.

•

די לעצטע יאָרן האָט טשאַרני פאַרעפנטלעכט אַ העפטל נייע לידער „אונטערוועגס", אין וועלכן עס קלינגט שוין אַ מער מעטאַלישער טאָן, דער לייכטער פערז זיינער איז שוין געוואָרן האַרטער, האַמערדיקער, דער מאָטיוו ערנסטער, דאָס וואָרט בילדערישער, די דיכטונג, וויזיאָנערישער. אין אַזאַ ליד ווי דער „צעשאָסענער ציפערבלאַט" ליגט אַ שטיק אויסגעדיכ־

טעמע סימבאָליק, דאָס זעעוודיקע און רעאַלע פּאַרקניפּט זיך מיט אַ וויי־טערער און געהיימערער וועלט. דער צעשאָסענער ציפערבלאַט, די שוואַרצע ווייזערס, וואָס מאַכן משוגענע העוויות, דאָס געפּגרטע פערד, דאָס זענען וויזיאָנערישע בילדער, וועלכע גיבן אונדז די פּאָן פון דער רעוואָלוציע דורך אַזוינע אין פּלוג גשמיותדיקע קעגנשטאַנדן. ביים דיכטער ווערן זיי אָבער, ווי געזאָגט, דערהויבן צו אַ סימבאָל. צו שטאַרקער עקספּרעסיע דערגייט אויך דער דיכטער אין ליד „טויט־שטראָף“.

מיט טיפן אומעט אָטעמט דאָס ליד „וואַנדערבעטן“, איר זעט דאָ דעם וואַנדערנדיקן דיכטער, וואָס איז אַרויסגעריסן פון דער וועלט, וואָגלט און פּייניקט זיך, באַהעפט זיך מיט אַלע געשעפּענסטער פון לעבן, פּלעכט זיך אַריין אין שוואַרצן קנויל פון די טראַגישע נע ונד־וועזנס.

אַזוי איז דאָס גאַנצע העפטל לידער „אונטערוועגס“, אָנגעזאַפּט מיט גאָר אַנדערע שטימונגען, ניט ענלעך אויף דעם טשאַרנין פון די „לייכטע פער־זן“. און לויט דעם, וואָס דער דיכטער האָט אין „אונטערוועגס“ אויסגע־דריקט, איז טאַקע אַביסל וואונדערלעך, פּאַרוואָס ער שרייבט אַזוי זעל־טן לידער.

●

טשאַרני האָט איינגטלעך פאַר די פינף און צוואַנציק יאָר ליטעראַרישע אַרבעט מער געשריבן פּראָזע. זינט יאָרן, ווי ער אַרבעט אין דער יידישער פּרעסע פון כמעט אַלע וועלט־טיילן, שרייבט אַרטיקלען, בילדער און איינ־דרוקן, שרייבט ליטעראַטור, דינט אַלס פאַרבינדונג־צענטער צווישן פאַר־שידענע ליטעראַרישע אכסניות, פאָלגט נאָך די גאַנצע יידישע ליטעראַ־טור, טראָגט אונטער דעם לייענער אַלערליי בשורות און גרוסן וועגן לי־טעראַרישן אויפקום און שאַפונגס־מעגלעכקייטן אין פאַרשידענע צענטערס פון דער יידישער צעשפּרייטקייט. אַזוי אַרום איז ער ווירקלעך, ווי אַ יידישער דיכטער האָט זיך וועגן אים אויסגעדריקט, דער „אַמבאַסאַדאָר פון דער יידישער ליטעראַטור“, שטייט נאָענט צו יעדן קולטורעלן ליטע־ראַרישן אויפטו, טראָגט אַריין זיין רואיקע בנעימותדיקייט, זיין געמיטלע־כן כאַראַקטער און די עכטע גוטברודערישע באַציאונג, וואָס האָט ניט צו טון מיט באַהעמישקייט, נייערט מיט ריינער מענטשלעכקייט און נשמה־וואַרעמקייט.

אָט די אייגנשאַפטן דניאל טשאַרנים, ווי האַרציקייט, ווייכקייט, פּשטות און דורכזיכטיקייט האָבן אים געמאַכט פאַר אַ שיינעם קינדער־שרייבער. זיינע קינדער־דערציילונגען האָבן געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג, ווייל ווער נאָך ווי דאָס קינד קען שפירן דאָס אויפריכטיקע און געמיטלעכע און לויט

דער באַציאונג פון קינדער קען מען זיכער אורטיילן וועגן די אייגנשאַפטן פון אַ שרייבער, זיין דערפאַלג ביי קינדער איז פולקום פאַרדינט, ווייל אין אים אַליין לעבט נאָך עפּעס קינדערישעס, אַ שטילע, גוטמוטיקע און ערלעכע נשמה, באַשטראַלט עס.

•

חוץ דעם אַלעמען האָט דניאל טשאַרני פאַרעפנטלעכט עטלעכע פּראָזאַאישע ווערק, האַלב־בעלעטריסטישע און גאַנץ בעלעטריסטישע, וואָס זענען אַ זיכערער צושטייער אין דער יידישער ליטעראַטור. אַלס איינער, וואָס האָט אַליין דורכגעמאַכט די יידישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, געזען די געשטאַלטן פון דער אייגנאַרטיקער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג — האָט ער אונדז געקענט געבן די גלענצנדיקע שילדערונג פון די פאַרלאָפענע יאָרן. זיינע „בלעטלעך פון אַ לעבן" לייענען זיך מיט גרויס אינטערעס, ווייל זיי זענען אָפּגעטונקט אין איינדרוקן, געשטאַלטן. דער ריטם פון „פינפטן יאָר" פולסירט אין זיי שטאַרק און לעבעדיק. די „משפחה־כראָניק" איז ווידער אַ מאָל אַ בוך, וואָס פירט אונדז אַריין אין אַ ווינקעלע, וואו עס האָבן זיך געהאָדעוועט די דריי ברידער־שריפטשטעלער — ש. ניגער, ב. וולאַדעק, דניאל טשאַרני.
דאָס איז אַ שטיק יידישער שטייגער, וואָס איז ווערט צו בלייבן אַלס מאָנומענט.
דניאל טשארני האָט עס ווי זיין שטייגער, וואָרהאַפטיק און ערלעך געשילדערט. פאַר די פינף און צוואַנציק יאָר האָט ער פיל געוואַנדערט, פיל געליטן, דורכגעמאַכט אַ סך פּיין, זיין בליק איז אָבער ניט באַטריבט געוואָרן. ער איז געבליבן דער גוטמוטיקער, ווייכער מענטש, פריינד און חבר, און טראָץ די גרויסע מיינונגס־פאַרשידנהייטן צווישן דעם מחבר פון אָט די שורות און אונדזער ליבן יובילאַר — פילן מיר זיך צוזאַמען אַזוי פריינדלעך, ווייל דניאל טשאַרני איז ניט דער פאַרביסענער, ענגהאַרציקער פאַנאַטיקער, וואָס טאָלערירט ניט דעם צווייטנס מיינונג. ער איז טריי זיך, ער אַכטעט אָבער אַלע מאָל אָן אַנדערש דענקענדיקן און דערפאַר, איז אַזוי לייכט צו זיין באַפריינדט מיט אים.

•

און מיר אַלע, זיינע קאָלעגן און פריינד פון אַ גאַנץ אַנדערן לאַגער, באַגריסן אים חבריש און האַרציק צו זיין יובל.
מיר גלויבן, אַז ער וועט נאָך ווייטער שאַפן, ווייל ער האָט נאָך אַ סך קוואַלן, ניט אויסגעשעפּטע קוואַלן.

סאָפיע דובנאָוו-ערליך / אַ קאַמעראַלער דיכטער

אין אונדזער צייט, וואָס איז צעשריגן מיט געשריי פון מעגאַפאָנען, טרו־קענעם קנאַלן פון פּראָפּעלערס, אימהדיקן ריטשען פון האַרמאַטן, איז עס גיט לייכט זיך איינצוהערן אינעם שטילן ריזלען פון קליינע טייכעלעך. אָבער אין יעדער היסטאָרישער תקופה זענען פאַראַן שרייבער, וואָס זייער עיקרדיקסטע אייגנשאַפט איז — די קאַמעראַלישקייט פון זייער שאַפן. איך ווייס ניט צי זיי גייען אַלעמאָל טראָט ביי טראָט מיט די היסטאָרישע פּראָצעסן, אָבער זיכער בין איך, אַז מענטשן נויטיקן זיך אין זיי, ווי אין אַ וואַרעמער היים בעת אַ פּראָסטיקער נאַכט, ווי אין אַ וויג־ליד בעת די קינדער־יאָרן, ווי אינעם גרילן פון אַ גריל הינטערן אויוון, ווי אין אַ שמייכל, וואָס דערלויבט שלום מאַכן מיטן לעבן.

•

די יידישע ליטעראַטור פאַרמאָגט איבערגענוג פאַרטראַכטקייט און אומעט, צאָרענדיקן פּאַטאָס און בייסיקע איראָניע. אָבער זייער ווייניק איז פאַראַן אין איר — שמייכל. שלום־עליכם איז אַן אויסנאַם. די האָפענונגסלאָזע ביטערניש פון מענדעלעס „קליאַטשע", די זעלבסטמערדערישע אויס־גאַנגלאָזיקייט פון נאָמבערגס נאָוועלן, דער סטיכישער, אומבאַגרענעצטער ווידערווילן צום לעבן ביי אַ מירעלע פון בערגעלסאָנס „נאָך אַלעמען" — אויב נעמען בלויז עטלעכע, ערשטע בעסטע ביישפּילן — אַט דאָס זע־נען די דאָמינירנדיקע שטימונגען פון דער דאָזיקער ליטעראַטור, וואָס שטעקט מיט אירע וואָרצלען אין דער שוואַרץ־ערד פון דער מרה־שחורה־דיקער קליין־פּראָווינץ.

דאָס פאַרמלחמהדיקע שטעטל פון רוסלאַנדס ראַנד-געביט, וואָס דניאל טשאַרני באַשרייבט אין די ערשטע — די בעסטע — קאַפּיטלען פון זיין „באַרג אַרויף", איז יענץ קלאַסיש שטעטל פון דער יידישער ליטעראַטור, וואו איינע פלעגן אויסגיין פון פאַסיווער בענקשאַפט, און אַנדערע — עקשנותדיק בונטעווען זיך קעגן דעם גורל. מיט אַ פאַרנעפּלטן בליק האָט טשאַרני דורך דעם מרחק פון צייט אַ קוק געטון אויף איינע און די צווייטע — אויף די חברים פון זיין יוגנט — און ער האָט צו זיי אַ שמייכל געטון אומעטיק און וואַרעם.

און די צוגעפאַלענע צו דער ערד, מיט שניי און בלאָטע באַוואַקסענע

הייזלעך האָט ער געפֿונען מענטשן פּשוטע, באַשיידענע, קינדישע, פּראַקטיש־אומבאַהאָלפֿענע, פֿולע מיט האַרציקער גוטסקייט און אָפּטמאָל — זייער קאָמישע. דער רירנדיקער גערანגל פֿון דער אָרעמער אַלמנה פֿאַרן לעבן פֿון איר קראַנקן זון: די ערשטע פּאַרטיי־קרייזלעך מיט זייערע נאַאיווע דיסקוסיעס וועגן מאַרקסיזם, טעריטאָריאַליזם, סעקסועלע פֿראַגעס, די פֿאַמעלעך־וועלקנדיקע יוגנט פֿונעם שטילן פּראָווינצער מיידל, וואָס העפֿט גלייכצייטיק אַ תּפֿילין־זעקל און אַ רויטע פֿאָן און העפֿט אַריין אין די אותיות די גאַנצע האָפֿענונגסלאָזיקייט פֿון איר ליבע; די קאָמישע פּאַסירונגען פֿונעם עמיגראַנטישן באַהעמע־לעבן — אויף דעם אַלעמען קוקט טשאַרני מיט אַ שמייכל, וואָס איז פֿול מיט האַרציקייט, מאַסקירט אָבער גאַנץ אָפֿט קוים איינגעהאַלטענע טרערן. אָפּטמאָל איז זיין שמייכל פֿול מיט צער. אָבער קיינמאָל ווערן די ליפּן פֿונעם מחבר ניט אויסגעקרימט פֿון פֿאַרצווייפֿלונג אָדער פֿאַרדאַמונג.

•

איבער דער וועלט קנוילן זיך פֿינצטערע שטורעם־כמאַרעס, אָבער דער בליק פֿונעם דיכטער איז, ווי אַלעמאָל, צוגעשמידט צום מענטשן, צום סתם־מענטשן, צו אָט דער שוואַכער, אומפֿולקאָמענער באַשעפֿעניש, וואָס נויטיקט זיך כּסדר אין וואַרעמקייט און זאָרג. צו דער באַשעפֿעניש, וואָס איז מאַנכעסמאָל — קאָמיש, אָבער שטענדיק — רירנדיק. אַנטקעגנשטעלן ברוטאַלער קראַפֿט — אַ שמייכל, פֿול מיט מעלאַנכאָלישער טאָלעראַנץ לגבי אַלעמען, וואָס ס'איז מענטשלעך. דאָס איז ניט קאַפּיטולאַציע, נאָר — איינגאַרטיקע עקשנות. די באַרבאַרן פֿון אַלע צייטן פֿאַרטראָגן ניט קיין קאָמעראַלישקייט, קיין גרילן פֿון אַ גריל הינטערן אויוון. קיין ריינע ליריק. היינעס ריטמען פּרוּווען זיי פֿאַרהילכן מיט מאַרינעטים פּויק און דעם ריטש פֿון המון. דאָס האָט זיך נאָך קיינמאָל ניט איינגעגעבן: דאָס מענטשלעכע אויער האָט מער ליב דאָס ריזלען פֿון טייכלעך, איידער דעם בראַזג פֿון געווער, דעם ריטם פֿון קאָמאַנדע, און דער האַרציקער שמייכל, אויסגעשפּרייט איבער דעם אומעט פֿונעם יידישן שטעטל, וועט איבערלעבן דאָס בלוטדורשטיקע שטאַמלען פֿון מענטשן, פֿאַרשיכורטע פֿון האַס.

ג. וויניג / א באנד ליריק אין פראָזע

עס באַפאַלט דעם רעצענזענט אַ פּחד, בשעת ער דאַרף זיך נעמען אַרומרעדן דאָס בוך פון דניאל טשאַרנים „באַרג אַרויף". דער רעצענזענט ציטערט, ער זאָל, חלילה, ניט אַריינפאַלן אין די נעגל פון דעם שרעקלעכן געשפּענסט, וואָס הייסט: פּלאַגיאַט. איך זאָג עס אַנטקעגן דעם, וואָס וועגן טשאַרנים „באַרג אַרויף" זענען שוין דערשינען אַזויפיל רעצענזיעס, אָפּשאַצונגען און אָפּרופן, אַז ס'איז ממש שווער זיך אַליין צו קאָנטראָלירן אויף דעם סמך פון דאָס ביז איצט געזאָגטע וועגן אים.

נאָר מילא — פונדעסטוועגן...

דניאל טשאַרני גיט אונדז אַ באַנד זכרונות. אָנהויבנדיק פון זיינע ייִנגסטע יאָרן אָן. מה רעש? ס'באַווייזט זיך דאָך, באַזונדערס אין די לעצטע יאָרן, אַזויפיל זכרונות און אַליינביאָגראַפיעס — איז נאָך איינע!...

אָבער פונדעסטוועגן האָט דער דאָזיקער שלל פון רעצענזיעס באַוויזן, אַז נאָך ניט איינגאַנצן זענען מיר אָפּגעטעמפּט געוואָרן אין פונקט זכרונות. דעם דאָזיקן כבוד האָט זיך טשאַרני דערוואָרבן צוליב כמה וכמה סיבות און אויך צוליב כמה וכמה טעמים. ראשית כל, איז ער ניט אַבי ווער. ער שטאַמט דאָך פון עפּעס אַ יחוס, ניט קיין רבנישן אָדער לומדישן, אָבער פון אַ וועלטלעכן קולטור־יחוס. פון איין זייט האָט ער אַ ברודער, וואָס הייסט שמואל ניגער. סטאָפּ. (מער רעקאָמענדאַציעס דאַרף ניט ניגער). פון דעם צווייטן צד שטייט אים ביי, דער באַוואוסטער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער טוער ב. וולאַדעק. אויך אַ ברודער. און פון דער דריטער זייט — שטייט דאָך ער אַליין, ער, דניאל טשאַרני.

אויב די טעלעפאָן-צענטראַלע פּאַרייניקט די דראָטן פון דער גאַנצער וועלט אין איין צימער — קאָן ער געגליכן ווערן צו אַזאַ צענטראַלע. ביי זיין שרייבטיש קאָנצענטרירט זיך אַלץ, וואָס עס טוט זיך אין דער ייִדישער, ליטעראַרישער און קולטורעלער וועלט. וועגן אים וויסן אַלע און ער ווייס וועגן אַלץ.

אָט איז זיין פּאָרטרעט: און אָט איז די ערשטע סיבה פונעם ווידערקול, וואָס זיין בוך האָט געפונען. טשאַרנים בוך האָט געפונען ניט נאָר רעצענזענטן, נייערט אויך קויפערס. (הערט און שטוינט: די ערשטע אויפלאַגע איז שוין אויסגעקויפט!).

סיבה נומער צוויי האָט ווידער אַ שייכות צו דער ערשטער. עס בינדט זיך

און עס קייטלט זיך. אויב טאַקע אַזוי, אויב טשאַרני איז געגליכן צו אַ טעלעפאָן־צענטראַלע — האָט ער דאָך עפּעס יאָ צו זאָגן. און באמת, ער האָט קיינעם ניט אָפּגענאַרט אין דעם דאָזיקן פּרט. דאָס בוך באַשטייט פון דריי טיילן און יעדער טייל פאַר זיך איז אַ גאַנצקייט און איז אינטערעסאַנט.

ווי עס פּאַסט פאַר אַן אויטאָביאָגראַפיע — ווידמעט ער אַ סך אָרט פאַר די זכרונות פון זיינע פריסטע קינדער־יאָרן. מילא, אַזוי פירט זיך און דערמיט פּאַסט זיך אָנצוהויבן אַזאַ מין חיבור. דוכט זיך, אַז מען דאַרף עס דורכקומען (מיט קינדערלעך דאַרף מען זיין דעליקאַט) כדי צוצוקומען דוקא צו די שפּעטערדיקע יאָרן, וואָס זאָגן צו צו דערציילן וועגן זיך טשעקאַווע זאַכן. אויב מען מיינט אַזוי — ווערט מען מיאוס אָפּגענאַרט. דוקא דער ערשטער טייל, די „משפּחה־כראָניק" לייענט זיך פּונקט ווי אַ ראָמאַן, און ווער ווייס, אפשר איז עס טאַקע אַ שטיקל ראָמאַן אין אַ ביאָגראַפישן לבוש? ניט נאָר אַ פאַרבנרייכע גאַלעריע טיפּן און קליינשטעטלדיקע געשעענישן דרייען זיך, ווי אין אַ קאַליידאָסקאָפּ, נאָר דער העלד אַליין, דאָניע, ד"ה, דניאל טשאַרני איז כאַראַקטעריזירט גענוי סיי אויסערלעך, סיי אינערלעך, פּונקט ווי עס וואָלט געוועזן ניט ער — דער שרייבער, דער בעל־הזכרונות אַליין, נאָר פּשוט איינער אַ העלד, אַ טיפּ. שטעלט זיך טאַקע די קשיא: וואָס איז עס — אַ ראָמאַן־ביאָגראַפיע צי אַ ראָמאַנטישע ביאָגראַפיע, צי אפשר גאָר אַ ראָמאַנטיש לעבן? ראָמאַנטיש אין בעסטן זינען פון וואָרט: אויף אַלץ ווערט געקוקט דורך ראָזע ברילן. אַלץ איז שיין, גינגאָלד, בלישטשענדיק, אפילו דאָס מיאוסע און שלעכטע ווערט באַהויכט מיטן אָפּשיין פון דער גוטסקייט — און מען זעט ניט קיין גריבער, וואָס לויערן אויף דיר. דו וואַנדערסט אַרום אויף אַ שיינער, ליכטיקער וועלט. באמת, מען טרעפט ניט ביי טשאַרנין דעם ביליקן, גרילצנדיקן פּעסימיזם, מען הערט ניט — ער זאָל זיך באַקלאָגן, אַז ער ווערט אין לעבן פאַרשוואַרצט. ער זעט ניט אין דער וועלט קיין שוואַרצע שאָטנס, וואָס פאַרביטערן דאָס לעבן און מאַכן אומעטיק די נשמה. צי האָט ער דען ניט קיין סיבות, צי ס'האָט אים באמת גאָרניט ניט פּאַסירט אין לעבן, וואָס זאָל אים פאַראומערן? זיכער יאָ! אָבער ער קאָן זיין לעבן אַזוי איינאָרדענען, אַז שוואַרצע כמאַרעס דענערווירן אים ניט, דערצאָרענען אים ניט און מאַכן ניט פון אים קיין פּראָפעסיאָנעלן שוואַרצזעער (אָבער ער פאַלט אויך ניט אַריין אין פּראָפעסיאָנעלן אָפּטימיזם!).

אַ קראַנק קינד איז ער געווען. אַ „פּליאַגע", ווי מען האָט אים גערופן. ניט קיין גאַנץ געזונטער אויף זיין גאַנץ לעבן. וויפיל גאַל און ביטערקייט

וואָלט עס אפשר אַרויסגערופן ביי אַן אַנדערן! ער אָבער איז גובר דאָס אַלץ און מיט אַ ליבלעכקייט רעדט ער אָפן וועגן זיינע חולאתן. פּונקט ווי זיי וואָלטן ניט געווען זיינע, נאָר פרעמדע, זייטיקע, וועלכע האָבן צו אים קיין שייכות ניט.

צי זעט ער דען ניט אויך די סאָציאַלע אומגערעכטיקייט אויף דער וועלט? צי איז ער דען אַליין ניט געווען אַ מיטגליד פון די רעוואָלוציאָנערע קרייזן פון פאַר דער מלחמה־צייט? אָבער פונדעסטוועגן, ווי אַ פיין, ניט־סטערעאָטיפּ בילד פון קלאַסן־דיפערענציאַציע און בורזשואַזער קלאַסן־דערציאונג אין דעם אַמאָליקן, יידישן קליינשטעטל, אין זיין היימאַט, דוקאָר:

... אַט דער דאָזיקער משה־ארינקע איז דאָך געווען, לאָזט זיך אויס, דער אמתער יורש פון אונדזער שטוב, נאָר אַזוי ווי ער האָט עס נאָך ניט געקענט באַנעמען מיט זיין אייגענעם שכל — פלעגט חנה זאַרעקער — די מאַמע זיינע פּרובירן איינפלאַנצן ביי אים דאָס אייגנטום־געפיל אויף אַזאַ מין שטייגער: זי פלעגט אים געבן אַ שטעל אַוועק אינמיטן דער קיך מיטן פּנים צום עסצימער און אים אויפמונטערן:

„פּיש, פּיש, משה־ארינקע, ס'איז דאָך דיין שטוב“.

אויך אין זיין דיכטערישער קאַריערע האָבן טשאַרנין ניט געפעלט קיין צרות. עס איז ניט געווען קיין קליינינקייט צו זיין אַ ברודער פונעם דערמאָלט שוין זייער באַוואוסטן ליטעראַטור־קריטיקער שמואל ניגער.

„זיי פלעגן מורא האָבן, די קאָלעגן מיינע, צו דרוקן זיך אין די זעלבע זשורנאַלן, וואו איך, ווייל ביים רעצענזירן די דאָזיקע זשורנאַלן פלעגט ניגער האָבן אַ טבע כמעט גאָר אינגאַנצן איבערצוהיפּן די דיכטערישע אַפּטיילונג, וואו ס'פלעגט פיגורירן אויך מיינס אַ ליד“.

פאַרשטייט זיך, אַז אין אַזאַ לאַגע האָט טשאַרני געמוזט פירן אַ קאַמף פאַר, אַזוי־צו־זאָגן, אַליינבאַשטימונג, פאַרן „איך קאָן מיר מיין שטעטל אַליין באַשטיין“. ניט קיין וואונדער אויך, וואָס זייער אָפט דערמאָנט ער עס טאַקע אין זיינע זכרונות. ס'איז דעריבער אויך ניט קיין וואונדער, וואָס די דאָזיקע אויסשפּרוכן זיינע וואַרפן זיך אין די אויגן און די רעצענזענטן זענען נוטה איינצוגעפינען ביי אים אַ מין פּראָווידיאַנישן קאָמפּלעקס, וועלכער באַגלייט אים אויף זיין לעבנס־וועג און איז אים משפּיע.

אָבער דאָ מוז איך אַריינוואַרפן מיין אייגענעם „אָבער“. אויב ביי טשאַרנין איז אין אמתן געווען אַ מינדערווערטיקייטס־קאָמפּלעקס — האָט ער אים דאָך אַליין גובר געווען, אפשר דורך אינערלעכע ראַנגלענישן, אָבער גיכער — דורך זיין לעבנס־לאָזונג: „באַרג אַרויף!“

ער איז ניט גובר זיין קאָמפּלעקס, ווי אַנדערע, מיט פּאַטאָס, מיט היל־

ביקע געשרייען. ער „רייסט ניט קיין קוליסן", ווי אַקטיאָרן האָבן זיך ליב אויסצודריקן. ער פאַררעדט ניט די קליינלעכקייטן פון לעבן בכלל, ווי אויך פון זיין אייגן לעבן, נאָר אַלץ, אפילו דאָס פּיטשינקע איז אים ליב און אָנגענעם. דעריבער איז אַזויפיל לירישקייט אויסגעגאָסן אין זיין בוך לעבנס־זכרונות.

א דינינקער שלייער פון מעלאַנכאָליע וויקלט זיך אַרום זיינע איבער־לעבונגען. אָבער זי דערדריקט ניט, זי לאָזט ניט איבער קיין ביי־טעם, נאָר זי איז גאַנץ נאַטירלעך און טיף־מענטשלעך. זי ציטערט, ווי א מוזיק־טאָן, וואָס טראָגט זיך אין א פאַרנאַכט ערגעץ איבער פעלדער און הימל.

ניט אומזיסט האָט טשאַרני פאַרבראַכט זיינע יוגנט־יאָרן אין ווין, אין דער שטאָט פון דער מעלאַנכאָלישער לעבנס־לוסטיקייט און פרייד. ער האָט זיך אָנגעזאַפּט מיט דער פּאָעזיע פון פּעטער אַלטנבערגס „מי־ניאַטורן" און מיט דער מוזיק פון פראַנץ שובערטן. דיביידע קלינגען אַרויס פון טשאַרנים בוך פּאָעמעס, וואָס על פּי צופאַל זענען זיי זכרונות. און אפשר איז דאָס גאָר ניט קיין צופאַל?

מיר איז שווער געווען זיך צוצוגעוואוינען צום געדאַנק, אַז דאָס זענען טאַקע בלויז זכרונות, ווייל כ'האָב שטענדיק געהאַט דאָס קלאָרע געפיל, אַז איך לייען א באַנד ליריק אין פּראָזע, וואָס איז גראָד געסדרט לויט לעבנס־עטאַפּן. אין דעם האָט מיך באַקרעפטיקט די פאָרעם גופא, די קורצע קאַפּיטלען, ווי עפּיזאָדן, ווי איינצלנע אָפּגעריסענע בלעטער, לי־רישע שטימונגען גיכער, איידער קאַפּיטלען פון א גאַנצער לעבנס־עפּאָ־פּייע. באַקרעפטיקט אין דעם האָט מיך אויך דאָס בולט פּעטער אַלטנ־בערגישע, וואָס קאָן פון א בלומרשט נישטיקער קליינינקייט מאַכן אַן אָביעקט פון פּאָעטישער שיינקייט, וואָס פאַרמאָגט א גאָר גרויסן ווערט. און איבער אַלעמען צעשפּרייטן זיך די מעלאָדיעס פון שובערטן, פול מיט אינערלעכן טרויער און דאָך — לעבנס־אַפּראָבאַטע.

•

אויב, לויט דער לעצטער מאָדע דערלויבן זיך מחברים צו שרייען: „איך בין הונגעריק" אָדער „איך האָב ליב" — האָט טשאַרני דאָס רעכט צו זאָגן: „איך גיי באַרג אַרויף!"

און ווער ווייס, צי אין דעם שטעקט ניט א שטיק דערציערישער ווערט פאַר מיר און פאַר אַלעמען?

ז. ווײנפּער / דניאל טשאַרני

„אונטערוועגס" הייסט איינע פון דניאל טשאַרנים לידער־זאַמלונגען. איז אַט דער נאָמען זייער כאַראַקטעריסטיש, ניט נאָר פאַר די לידער, וואָס זענען דאָרט פאַראַנען, נאָר אויך פאַר דער גאַנצער פּערזענלעכקייט, וואָס טראָגט דעם נאָמען: דניאל טשאַרני.

ס'וויגט זיך ווי אַ מולטערל מיין שיף פון פּופציק טויזנט טאָן,
צווישן בערג און טאָלן פון צעווילדעוועטן אָקעאַן —
כ'וויים אַליין ניט, וואָס זאָל איך איצט אָנהויבן צו טאָן,
ווען ס'גאַנצע לאַנגע לעבן מיינס ווערט קלענער פון אַ שפּאַן.

אין אַ מולטערל איבער אַ צעווילדעוועטן אָקעאַן, און ער אַליין, ווי עס דוכט זיך אים אויס, איז קלענער פון אַ שפּאַן, דאָך שיפט ער זיך אין דעם, ניט שרעקנדיק זיך פאַר קיין שום געפאַרן און לאָזט וויסן פון זיין „אונטערוועגס" צו די אומצייליקע חברים זיינע, וועלכע זענען צעשפּרייט איבער די קולטור־צענטערס, אַז ער איז דאָ, אַז ער אָטעמט די זעלבע לופט, וואָס מיר אַלע אָטעמען.

•

די מערסטע יידישע שריפטשטעלער איבער דער גאָרער וועלט שטייען מיט אים אין נאָענטער פאַרבינדונג.

מען קריגט בריוולעך פון אים און מען שרייבט צו אים, ווייל ער איז דער, ביז גאָר נאָענטער משפּחהניק פון יעדן איינעם, וואָס טוט קרעאַטיווע אַרבעט אין אונדזער יידיש לעבן.

זייט אַזוי גוט און טוט אויף טשיקאַוועס אַ שטעל אָפּ דעם ערשטן, בעסטן יידישן שריפטשטעלער אין מיטן גאַס, און פרעגט אים אויף דניאל טשאַרנים אַדרעס, און איר וועט זען, ווי יענער וועט זיך גלייך אַ כאַפּ טון צו דער קעשענע: — טשאַרנים אַדרעס? אָט האָט איר אים.

דוקאַר, ניו־יאָרק, בערלין, בירע־בידזשאַן,
ווי אויך אין אַרגענטינע און בראַזיל,
און אומעטום, וואו ס'איז דאָס יידיש וואָרט פאַראַן
בין איך מיט אים אין ערנסט און אין שפּיל.

איצט לעבט דניאל טשארני אין פראנקרייך, און אט דאס לאנד איז היינט צו טאג דער אונטערוועגס פון די גרויסע יידישע קולטור־צענטערס אי־בער דער וועלט.

עס מאכט ניט אויס, וואס דארטן געפינען זיך איצט א צאל פון אונדזע־רע סאמע וויכטיקסטע שעפערס. אט די שעפערס אונדזערע פילן זיך דארטן אפטמאל ווי פארשיקטע, און ווי אזעלכע ראטעווען זיי זיך יעדער איינער ביי זיך אין ווינקל, איבער זייערע שעפערישע ארבעטן.

דניאל טשארני איז אויך איינער פון די פארשיקטע, אבער אויסער זיי־נע ליטעראַרישע ארבעטן, האט ער אין זיין פארשיקונג זיך אליין פאר־וואנדלט אין א גרויסער ראַדיאָ־סטאציע, וועלכע כאפט אויף אלע נייסן אין זיין „אונטערוועגס" פון יעדן וויכטיקן יידישן קולטור־צענטער, און ער צעשיקט זיי דערנאך, ווי ליכטיקע גריסן, פון איין צענטער אין דעם אנדערן.

•

שוין פון זיינע בריוו אליין, האב איך דערזען דאס גאנצע פנים, נאך פיל פריער איידער איך האב זיך באקאנט מיט אים אין בערלין.

עס איז דאס הארציקע פנים פון א געטרייען, איבערגעגעבענעם ברודער, וואס זוכט צו פארשטיין און מוחל צו זיין אפילו פאר אזעלכע זאכן, וועל־כע קאנען ניט קריגן זיין הסכמה.

זיינע בריוולעך צו מיר האבן מיר געגעבן דעם שליסל צו זיינע לידער, דערציילונגען און צו דער „משפחה-כראניק" ווי פון זיינע בריוו, אזוי אויך פון אלץ, וואס ער שרייבט, גייט אויף א רחמימדיקייט, וואס נעמט ארום, ווי די ווארעמע ארבעט פון אן איבערגעגעבענעם משפחהניק.

„מידת הרחמים" איז ביי אים ניט קיין פילאסאפיע צו וועלכער ער איז דערגאנגען, נאר רחמימדיק איז ער אליין אינגאנצן, און ווען עס קומט אים אמאל אויס צו בלייבן שטיין פנים אל פנים מיט דער היינטיקער צייט פון „מידת הדין" דערפילט ער זיך א צובראכענער.

יעדע נייע טויטשטראף אין מאסקווע, צי אין ניו־יארק,
יעדע נייע טויטשטראף אין ווארשע, צי אין רעוועל,
ליגט זיך אויף מיין געוויסן מיט א פרישן אבל־טרויער,
ווי איך וואלט שוין ווידער אומגעבראכט מיין ברודער הבל.

יעדע צייטונג ברענגט מיר יעדן טאג א פרישן קרבן,
יעדע צייטונג רויטלט זיך מיט פרישינקע בלוטסטראפנס,

הלואי וואָלט איך שוין בעסער אין מיין וועג געשטאָרבן,
איידער יונג־געקעפּטע ברידער זאָלן באַמבלען זיך צוקאָפּנס.

איז צו וואָס האָב איך זיך אויסגעלערנט לייענען און שרייבן,
און צו וואָס האָב איך פאַרקניפּט זיך מיט די אויבערשטע „צען טויזנט"
איז ניט בעסער טשערעדעס אויף גראָז־לאַנקעס צו טרייבן —
צווישן שטומע חיות זאָל אויך מיין לעבן פויזן!

גאָט־מיין־גאָט, איך קאָן שוין ניט דיין צלם מער פאַרטראָגן,
גאָט־מיין־גאָט, זע, מעק מיך אויס פון דיין פאַרקינטן געזינדל
איך קאָן שוין מער ניט הענגען אַ געקרייציקטער אויף אַלע ראָגן,
איך קאָן שוין מער ניט טראָגן אָט דעם עפּנטלעכן זינד־עול...

ניט קיין קאַליפּפולע ווערטער, וואָס שוועבן פאַרביי די אויגן, ווי אויס־טערלישע פייגל, וועמענס פליען אַליין כישופט אָפּ דאָס האַרץ, אָבער ווערטער טראַציקע, וועלכע שפּאַנען פאַרביי דיר, און דעם הערלעכן, עכטן אָפּקלאַנג איז אַ מחיה צו הערן.

•

עס גייען אויף פאַר מיר די זומערדיקע טעג פון 1929 אין בערלין און איך דאַנק דעם מזל, וואָס איך האָב אים אין יענע טעג געהאַט לעבן זיך.
זייענדיק דער גאַסט אין דוד בערגלסאָנס הויז, האָב איך ניט איינמאָל געפילט אַ ציטער אין מיינע קני פון דער בלויער הויך אין וועלכער דוד בערגלסאָן האָט מיך אָפּ מיטגענומען. עס איז געווען, אַזוי ווי איינער, וואָס כאַפּט דעם ערשטן מאָל אַ פּאַר אין צעפּעלין און פילט זיך זיכער דערפּאַר, ווייל אַ גוטע, חברישע האַנט איז אַרום אים.
דוד בערגלסאָן איז אָפּטמאָל געווען פאַר מיר דער צעפּעלין — און דניאל טשאַרני איז שטענדיק געווען די גוטע חברישע האַנט אַרום מיר.
אַ הויכער מיט אַ געזילבערטן קאָפּ האָר און אַן אויסגעבליכט געליניעט פּנים, וואָס מאַכט דיך פריילעך צו קוקן אויף אים.
אין „ראָמאַנישן קאַפע" איז דוד בערגלסאָן געווען די אינסטיטוציע, צו וועמען אַלע ציען זיך, און דניאל טשאַרני — דער אומרו, וואָס וויגט זיך צווישן אַ סך טישלעך.
יעדן אָוונט פלעגט דניאל טשאַרני קומען אין „ראָמאַנישן קאַפע" זיך אָפּרוען פון די טעגלעכע טעטיקייטן, אָבער זעלטן ווען ער פלעגט צו לאַנג זיצן בלייבן ביי איין טיש.

„האַלאָ דאַניע!‟ באַגריסט מען אים פון עטלעכע טישלעך צוזאַמען און ער בייט די טישלעך אַן אַן אויפהער.
אַט איז ער ביי דעם און גלייך שוין ביי אַן אַנדערן.

•

ביי דניאל טשאַרנין אין הויז:
די פריינדלעכע פרוי טשאַרני טראַקטירט כסדר מיט אַלערליי גוטע זאַכן.
מיינע אויגן קאָנען זיך ניט אָפּרייסן פון טשאַרנים אַרבעטס־טיש.
הויפנס מיט לעצטע נומערן פון אַלע זשורנאַלן און אויסגאַבעס, וואָס דערשיינען אין יעדן ווינקל פון דער ערד, וואו עס ווערט געשאַפן עפּעס אויף יידיש און פונקט אַזעלכע הויפנס מיט בריוו.
אַלץ לייענט ער און וועגן יעדער זאַך ווערט ער אינפאָרמירט דורך בריוו, וואָס ער האַלט אומאויפהערלעך אין איין קריגן כמעט פון אַלע וויכטיקסטע פּערזענלעכקייטן אין אונדזער קולטור.
ניט אומזיסט רופן אים זיינע פריינד אין בערלין: „דער אַמבאַסאַדאָר פון דער יידישער ליטעראַטור‟.
ווי אַן אמתער אַמבאַסאַדאָר, שטייט ער אין נאָענטן קאָנטאַקט מיט אַלע קולטור־צענטערס פון אונדזער מדינה, וואָס הייסט „יידיש‟, און ווי אַן אַמבאַסאַדאָר נעמט ער אויף יעדן יידישן שריפטשטעלער, וואָס פאַלט אַריין קיין בערלין.
אָבער ניט נאָר אַמבאַסאַדאָר אַליין איז ער, נאָר אויך אַ שעפער.
צווישן די שעהן, וואָס ער גיט אַוועק אין דער בערלינער ביוראָ פונעם „עמיגדירעקט‟, וואו ער איז אַן אָנגעשטעלטער און זיין גרויסער קאָרעספּאָנדענץ מיט די שריפטשטעלער איבער דער גאָרער וועלט, געפינט ער צייט פאַר זיינע לידער, דערציילונגען און זיין בוך „משפחה־כראָניק‟, וואָס ער הערט ניט אויף ווייטער צו שרייבן און אַ גאַנצע רייע אַנדערע ליטעראַרישע אַרבעטן, וועלכע איך האָב געזען אין מאַנוסקריפּטן אויף זיין טיש.

•

דערווייל וואוינט דניאל טשאַרני אין פּאַריז. ווען היטלער האָט איבערגענומען די מאַכט — האָט זיך טשאַרני אַריבערגעצויגן מיט זיין פאַמיליע צוערשט קיין ריגע און נאָכדעם — קיין ווילנע. ניט לעטלאַנד און ניט פּוילן זענען געווען צו אים באַזונדערס גאַסטפריינדלעך...
אָבער וואָס איז דען דער חילוק, וואו ער וואוינט?
אומעטום, וואו ער געפינט זיך — איז ער אונדזער צענטראַלע, אונדזער

אַדרעס און דער אַדרעס איז אַ גוטער! קיין שום זאַך, וואָס ווערט צו אים געשיקט — ווערט ניט פאַרפאַלן. עס קומט אָן און ס'ווערט אויפ־גענומען מיט גרויס ליבשאַפט און מען באַקומט אַן ענטפער.

פאַר הונדערטער יידישע שריפטשטעלער פון גאַר דער וועלט איז דניאל טשאַרני ניט נאָר דער, צו וועמען מען שיקט די נייע אויסגאַבעס, נאָר אויך דער, צו וועמען מען שרייבט אָן אַ בריוול גלאַט אַזוי. אַמאָל אי עס, כדי זיך צו טיילן מיט אַ ביסל פרייד און מערסטנס — זיך צו טיילן מיט דעם צער, דעם אייגענעם און ער נעמט אויף דאָס ביידע, פאַר דעם באַדריקטן האָט ער שטענדיק אַ וואַרעם טרייסט־וואָרט און מיט דעם פריידיקן — פרייט ער זיך ווי מיט אַ ברודער.

עס איז ביז גאָר מאָדנע, אָט דאָס, וואָס ער אַליין — אַ טאַלענטפולער דיכטער — איז ער מער חסיד פון אַנדערע, ווי פון זיין אייגענער דיכ־טונג. אין זיין בוך „באַרג אַרויף" זענען פאַראַן קאַפּיטלען, וואָס קאָנען זיך פאַרגלייכן מיט די שענסטע דערגרייכונגען אין אונדזער בעלעטריס־טיק. אָבער רעדט מיט אים — איז זיין באַגייסטערונג שטענדיק פאַר אַנדערע.

אין דעם פּרט, איז ער אַ ביסל ענלעך צו אונדזער פאַרשטאָרבענעם יעקב דינעזאָן, אָבער נאָר אַ ביסל, וואָרעם בשעת יעקב דינעזאָן האָט זיך אויפגעלייזט אינעם לעבן און שאַפן פון י. ל. פּרץ — לייזט ער זיך אויף אין דעם לעבן און שאַפן פון אונדזער גאַנצער יידישער ליטעראַטור.

עס איז אָבער אַ טעות צו מיינען, אַז אַ שעפערישער מענטש קאָן זיך אויפלייזן אין אַנדערע. יעקב דינעזאָן האָט זיך אויך ניט אויפגעלייזט אין פּרצן. אין אונדזער קלאַסישער ליטעראַטור שיינט אויך יעקב דינעזאָן מיט זיין „יאָסעלע", מיט זיין „הערשעלע" און מיט די אַנדערע דערצייי־לונגען זיינע.

נאָך מערער שיינען ביי אונדז און מיט אונדז די קינסטלערישע דערגריי־כונגען פון דניאל טשאַרני.

צווישן די פיינסטע יידישע לידער שיינט אויך אַ צאָל פון זיינע. אין אונדזער גוטער בעלעטריסטיק שיינט אויך זיין פּראַכטפול בוך „באַרג אַרויף". ער שיינט אויך מיט זיינע אַרטיקלען וועגן אונדזערע ליטעראַ־טור־ און קולטור־פּראָגעס.

ער שיינט צווישן אונדז מיט זיין שיינער, וואַרעמער פערזענלעכקייט, וואָס זי איז דאָ צווישן אונדז. מיר פילן זי. און צו דעם פופציק־יאָריקן יובילייי פון דניאל טשאַרנין — ווינטשן מיר אים אַלע, אַז ער זאָל לאַנג־לאַנג לעבן און פאַרבלייבן צווישן אונדז אָט אַזאַ, ווי ער איז.

וואָרעם קיין סך דניאל טשאַרנים האָבן מיר ניט!

ש. ז. / אַ סינטעז פון דיכטער און מענטש

זייער אַן עסטעטיש ביכעלע אין אַלבום־פֿאָרמאַט מיט אַ רויטער הילע. אַרום און אַרום ניין לידער — געשריבן אין משך פון עלף יאָר.

דאָס זענען לירישע אימפּרעסיעס. זיי זענען אַזוי קאַפּריז, אַז מ׳טאָר ניט פֿאָרוואַרפֿן דעם דיכטער פאַר זייער קנאַפּקייט, ווייל זיי זענען — עכט.

און דניאל טשאַרנים ביכעלע פערזן איז עכט. אָנגעשריבן אויף זיינע וואַנדערונגען אין זיין נע ונד — איז ניט קיין וואונדער, וואָס אונדזער אומגעהויערע, היסטאָרישע עפּאָכע שפּיגלט זיך אָפּ אין דעם, ווי די זון אין אַ טראָפּן וואַסער. וואָרעם ווער זאָל נאָך פילן דעם שטורעם אַזוי ווי דער וואַנדערער, וואָס געפינט זיך בעתן געוויטער און שלאַגס־רעגן אונטער־וועגס?

און אָט שילדערט דער דיכטער אונדזער צייט אין מאָסקווע, אין 1917, ווען: „(עס) פויזן עובר־בטל צוויי לאַנגע שוואַרצע ווייזער אויף קיילעב־דיקן חלל, ווי שטעקעלעך פון אַ בלינדן...‟

ווי: „...אויפן רויטן מאַרק־פּלאַץ שטייט אַ פערמער יון און פרייט זיך, וואָס ער האָט דעם וועלט־זייגער צעשאָסן. זיין זיגעריש געזיכט שטראַלט, ווי אַ טורעם־זייגער — און וואָנסעם ווי צוויי ווייזערס מאַכן דיר העוויות, דאָס הויבט זיך אָן פון היינט אַ נייער לעבנסשטייגער...‟

פאַרשטייט זיך, אַז דניאל טשאַרני, וואָס איז פון שטענדיק אָן מער גע־נויגט צו ליריזם, בלייבט ניט ביי דעם טאָן. באַלד נאָכדעם, אין ליד וועגן טויטשטראָף, באַהאַנדלט דער דיכטער זיין טעמע ריין־סוביעקטיוו:

הלואי וואָלט איך שוין בעסער אין מיין וויג געשטאָרבן,
איידער יונג־געקעפּטע ברידער זאָלן באָמבלען זיך צוקאָפּנס.

און נאָך מער סוביעקטיוו איז דאָס ליד „ים־שווינדל‟, וואו דער דיכטער גיט איבער זיין אייגן אומרואיק געמיט און ווערט אינגאַנצן פערזענלעך ליריש, אָבער דאָס איז נאָר אין פלוג, ווייל אין דער אמתן זענען זיינע אימפּולסן קאָסמיש־נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע.

דניאל טשאַרני האָט צונויפגעגאָסן זיינע לירישע עמאָציעס מיט מענטש־לעכע, אַלגעמיינע אינטערעסן. אָט די ניין קורצע לידער זענען אין מיר ניאַטור אַ פיינער סינטעז פון דיכטער און מענטש.

ש. ד. זינגער / פון אַ בריוו צו אַ פריינד

אַן ענטפער אויף אַ מבולבולדיקער צייט, אויף אַ כלומרשט שטילן „ע ר ב“, אין וועלכן מיר לעבן איצט, קען מען תמיד געפינען אין מעמוארן פון אַן אָפגעגאַנגענער עפּאָכע. אויב דו האָסט נאָך ניט באַוויזן איבערצולייענען דניאל טשאַרנים בוך „באַרג אַרויף“, ראָט איך דיר דאָס צו טון, וועסט איינשטילן דיין אומרואיק געמיט, לייענענדיק דאָס דאָזיקע וואַרעמע בוך, וואָס איז פול מיט געשטאַלטן, באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע, אין זייער יונגען, אויפגייענדיקן ווערן !

עס וועט דיך שטאַרק פאַרינטערעסירן דאָס לעבן פון אַ מענטש, וועמען די סביבה, נאָך ריכטיקער, די גייסטיקע מסיבה פון צוויי ברידער שריפט־שטעלער (ניגער, וולאַדעק) האָבן אים געהאָלפן, אים געשטערט דעם יונגן טשאַרני אַרויסצוקומען. און דאָ בין איך מסכים מיט דיר, אַז היינט, אין דעם טונקעלן „ערב“, אין שטענדיקן געוויש פון פונאַנדערפאַל, און פון כלערליי שוואַרצע נביאותן אויף טראַגישן אונטערגאַנג, פעלט די סביבה און די גייסטיקע מסיבה אויף צו דערמוטיקן דעם דראַנג צו שעפעריש־קייט, ביי אונדזערע יונגע שרייבער, וואָס זענען אָן ספק בכוח צו געבן זייער פּיל דער ליטעראַטור אונדזערער. עס פעלט דיר דאָס ריכטיקע טרייסט־וואָרט, צו געבן אָט די אַלע יונגע מענטשן, וועלכע טיילן דיר מיט — צום גרויסן חידוש — פון כסדרדיקער, נייער ליטעראַרישער אָנהייבערישער אַרבעט... דו זאָגסט, דער דור, דער איצטיקער, איז אָפּ־העני טיק, שוואַך, און גאָרניט ראוי געשטאַלטיקט צו ווערן ? ער איז אויף מעשים ניט פעאיק?... נו, וועגן דעם וועלן מיר שמועסן אַ צווייטן מאָל. נאָר לייען דניאל טשאַרנים בוך, און זע, ווי ראוי ער איז פאַרן לעבן ! עס וואַקסט אויס אין מיינע אויגן אַ גיבור ! ער האָט זיין לעבן דורכגעפיבערט, דורכגעגליט ווערטלעך, און אַרויסגעקומען דער זיגער איי־בער זיך, איבערן אייגענעם גורל. און וויפיל אָפּטימיזם, האָפערדיקייט עס שלאָגט פון זיינע רייד ! טשאַרני פאַרמאָגט יענע געבענטשטע, זעלטענע מעלה, וואָס ער קען רעדן וועגן די אייגענע, טראַגישע איבערלעבענישן הומאָריסטיש... די אויגן טרערן, נאָר דאָס פּנים איז קינדיש, תמיד שמייכלענדיק.

דערצו ווי יענער גרויסער יידישער הומאָריסט, וואָס האָט געקענט אויף אַ גוטמוטיקן אופן באַדויערן קרומלעכע, אויסטערלישע מענטשן, אַזוי דער־

ציילט אונדז טשארני וועגן טשיקאווע מענטשן, קרובים — ניט ער דער־ ציילט וועגן זיי, ער באַשאַפט זיי קינסטלעריש פאַר אונדז; מיר פאַרגעסן, אַז דאָס זענען געשטאַלטן, וואָרהאַפטיקע אין לעבן, אַז דאָס זענען זכרונות און מער ניט; זיי וואַקסן פאַר אונדז אויס. זיי ווערן סימבאָלן; דיכטערישע געשטאַלטיקונג, וואָס איז כולל מער ווי דעם אייגענעם פּרט, אַזאַ דורכויס־בעלעטריסטישע געשטאַלט איז טשארנים „פעטער פייטל", אַ מין אַלט־געוואָרענער, שלום עליכמס חבר פיני, אין רעליגיעזע בגדים.

דער „פעטער פייטל" איז ניט די איינציקע געשטאַלט. דאָס בוך איז פול מיט זיי; פּאָרטרעטן, כאַראַקטעריסטיקעס פון באַקאַנטע שריפטשטעלער און כלל־טוער. אויף אַלץ און אַלעמען וואַרפט טשארני אַ טיף־לײַדנדיקן שײַן פון מענטשלעכן טראַגיזם און איבערגעוועלטיקונג פון טויט. אין דעם פערזענלעכסטן רעדט ער וועגן זיך, ווי וועגן אַ פרעמדן... דאָס קען ניט דער סתם מעמואַרן־שרייבער, דאָס קען נאָר דער דיכטער, וואָס פאַר־ אַלגעמיינערט שטענדיק די פערזענלעכע איבערלעבענישן. פון יענעם מאָ־ מענט אָן, ווען ער האָט קלײנערהייט, דערפילט אויף זײַן קינדישן פּנים די טויט־קאַלטע פינגער פון זײַן פאַרשטאָרבענעם רבין — ווי אַ סגולה צו אַ קראַנקייט — יענער מאָמענט, וועגן וועלכן דו וועסט לייענען מיט אַזאַ מאָדנעם ציטער — האָט אים היימיש געמאַכט מיט דעם טראַגישם־ טן, האָט אים געליטערט און געשטאַרקט צו קענען אַריינקוקן אין אַלע תהומען פון לייד, וואָס זײַן יוגנט האָט דורכגעמאַכט:

ער האָט באַוויזן צו קענען אויסהאַלטן אָט די שווערע משא, ווי אַ גיבור! אָן אָנגעלאָדענעם מיט די וואַרעמסטע געפילן און שטימונגען פון גרוי־ סער פרייד און לייד פאַרן לעבן, וואָס מיר געפינען נאָר, ביי סענסיטיווע דיכטערישעפערישע נאַטורן.

סיי־ווי וואָלט טשארני געזוכט און — געפונען זײַן אויסדרוק אין וואָרט, ווען אפילו ער לעבט ניט אין דער גייסטיקער מסיבה פון ברידער און פריינד, דערהויפּט, פון ש. ניגער, אין וועמעס הויז, ער האָט זיך נאָך גאַנץ יונג באַקענט „מיט אַ גאַנצער ריי אויפקומענדיקע דיכטער, וואָס פלעגן קומען צו ניגערן פרעגן מבינות אויף זייערע שאַפונגען".

„כ'האָב פאַר גרויס התפעלות — דערציילט טשארני — אָנגעהויבן דיכ־ טן, נאָכמאַכנדיק גאַנץ בולט, דאָ רייזענען, דאָ פרצן און אָפּטמאָל אפילו — די נאָך ניט געדרוקטע לידער פון אומבאַקאַנטע דיכטער, וואָס פלעגן פאַרלייענען ביי אונדז אין שטוב".

ער האָט דאָך אָנגעהויבן שרייבן, אין התפעלות, וואָס ער לעבט אין אַ גייסטיקער סביבה... וויפיל יונגע שרייבער, היינט־צו־טאָג, מיין לי־ בער פריינד, זענען טשארנין מקנא אַזאַ אָנהויב?...

א. טאַבאַטשניק / חשבון הנפש־דיכטונג

א שיין און אייגנאַרטיק אַרויסגעגעבן ביכל, וואו עס זענען ווי פּאָר זיך, חשבון־הנפשדיק, ווי אין אַ טאָג־בוך, פאַרצייכנט: שטימונגען, געדאַנקען און עטישע סענטימענטן פון אַן עטיש סענסיטיוון דיכטער.

אַ דיכטער, וואָס שטייט (ווייל אַזוי האָט זיך געמאַכט) זייער נאָענט צו דער צייט און געווירבל פון אירע געשעענישן. און ווייל ער איז אַזוי סענסיטיוו, נעמט ער אויף דווקא דאָס שאַרפסטע, דאָס פיינלעכסטע.

דער דיכטער האָט מיט זיין „אונטערוועגס", וואָס שיינט צו זיין דאָס טיפּישסטע, דאָס פאָלקאָמענסטע אונטערוועגס, געגעבן אַן אויסדרוק, אַלנפאַלס אַ באַשטימטן אַנדייט, אויף די וואַנדערונגען און וואָגלענישן פון אַלע די, וואָס האָבן די לעצטע 10 — 12 יאָר זיך „געפּלאָנטערט אין פרעמדע ספערן" און „געקלאַפּט אין פרעמדע טירן". מאָסקווע, פּאַריז, די שווייץ, בערלין, עלים איילאַנד און ווידער בערלין.

דער כאַראַקטער פון ביכל ווייזט, אַז דעם דיכטערס כונה איז געווען צו געבן די צייט, די אמתע ווירקלעכקייט, מיט אַלע צופאַלן און מעגלעכקייטן, וואָס זענען מעגלעך און טרעפן זיך אין אַזאַ „אונטערוועגס". זענען טאַקע די לידער צייטלעך וואָר, צופעליק און מעגלעך, אָבער קינסטלעריש פיל שוואַכער, כאָטש וואָרעם און אויפריכטיק אָנגעשריבן. עס פעלט די לידער דאָס וויכטיקסטע, וואָס קאָן פאַרוואַנדלען וואָר אין קונסט: דאָס איז פאַנטאַזיע און פילזייטיקייט.

ביידע העלפן דעם דיכטער ביים וויכטיקסטן מאָמענט פון זיין שאַפן, ביים אויסדרוק. דער אויסדרוק איז אין געוויסע לידער אַבסטראַקט, אין אַנדערע צו פּראָזאַאיש, רעפּאָרטעריש.

איך האָב אויף דער יבשה דאָך נאָך קיינמאָל ניט געזען
אַזאַ פאַרווילדערטע רציחה, ווי ס'פאַרמאָגט דער ים.
ווען ס'וואָלט דערפון אַ צענטהלק פאַרמאָגט מיין פּען —
וואָלט אויך מיין ליד געשטורעמט איבער פערז און גראַם.
נאָר ס'ברעכט מיין פּען מיט טינט ווי איך, מיט גרינער גאַל,
און כ'וויים אַליין ניט, וואָס זאָל איך איצט אָנהויבן צו טאָן.
ווען ס'קען אַ יעדע רגע אונטערגיין אין כף הקל
מיין ליד און איך און אַלע פּופּציק טויזנט טאָן.

אפשר איז דאָס בכיוון אַזוי געשריבן, אפשר איז דער דיכטער אויסן גע־וועזן צוצוגעבן דעם ליד אַ איראָניזירנדיקן כאַראַקטער. אָבער וואָס די כוונה זאָל ניט געוועזן זיין, דאָס ליד און אַנדערע לידער אויף דעם שטייגער ווערן קינסטלעריש דערפון ניט שטאַרקער, און ניט נאָר קינסטלעריש. דניאל טשאַרני שרייבט, אַז ער האָט זיין וואָרט „פאַרשמאָלצן מיט די לאַ־זונגען פון טאָג", און האָט זיין „ליד פאַרקויפט דעם ווירבל פון דער צייט". איז ער אפשר די קונסט ניט אויסן געווען, נאָר אויך די אמתדיקייט און כאַראַקטער פון געשעעענישן פאַרלירן דורך דעם שוואַכן אויסדרוק, וואָס זיי געפינען פאַר זיך אין ליד.

אָבער וואָס דניאל טשאַרנים לידער פאַרמאָגן יאָ, און וואָס מאַכט, אַז זיי זאָלן אונדז מענטשלעך נוגע זיין, איז עפּעס אַזאַ געפיל פון קהלשער אחריות, אַזאַ גוט־מענטשלעך געפיל, וואָס ווייטאָגט מיט, וואָס „טראָגט די שטראָף פון אַלע טויטן". ס'איז ניט דאָס געפיל, וואָס דריקט זיך אויס מיט פּאַטאָס, מיט פּראָטעסט, מיט שטורעם, נאָר אַ געפיל, וואָס דריקט זיך אויס אין געוויין, אין אַ מין נאָגנדיקן שלוכצן. מאָמענטנווייז גייט דאָס געוויין איבער שיעור ניט צו היסטעריקע, ווי אין ליד „טויטשטראָף".

סטיליסטיש זענען די לידער ניט אויסגעהאַלטן. ס'איז ווי לוצקי וואָלט געזאָגט:

„אַ געמיש פון אַלע ווייטן, אַ קאָמפּאָט פון אַלע צייטן".

אין תוך זענען דניאל טשאַרנים לידער, כאָטש ער האָט זיי פאַרשמאָלצן מיט די לאָזונגען פון צייט, אַלטמאָדיש. דערפאַר איז זיי גאָרניט צום פּנים די אַלערליי עקספּרעסיאָניסטישע און אימאַזשיניסטישע שטאַרקייטן. מעג־לעך, אַז דאָס איז אויך בכיוון אַזוי, כדי נאָך מער איבערגעבן דעם כאַ־ראַקטער און ווירוואַר פון די לעצטע 10 — 12 יאָר. ווי עס זאָל ניט זיין, די דאָזיקע סטילן העלפן דניאל טשאַרנין ווייניק וואָס צו מאַכן זיינע לידער קינסטלעריש ווירקזאַמער.

בלויז אין אַ פּאָר סטראָפן פון דעם ליד „דער צעשאָסענער ציפערבלאַט", האָט אים דער עקספּרעסיאָניסטיש־אימאַזשיניסטישער סטיל געהאָלפן צו געבן דעם ליד אַ סאַטיריש־וויזיאָנערישן כאַראַקטער פון קינסטלערישן ווערט.

דער „צעשאָסענער קלויסטער־זייגער" און דער „פערמער יון, וועמעס זי־געריש געזיכט שטראַלט ווי אַ טורעם־זייגער און וואָנצעס ווי צוויי ווייזערס מאַכן דיר העוויות", זענען ניט בלויז אַ משל, ניט בלויז אַ רמז, נאָר טאַ־קע בילדער פאַר זיך. און טאַקע דערפאַר פילט מען טיפער די מאַוימדיקע שטימונג פון די אָקטאָבער־טעג אין רוסלאַנד און עס זעען זיך בולטער, ממשותדיקער, די קאָנטורן פון דער צייט־געשעעניש.

משהל יאַוואָרקאָווסקי * / אַ שול־אַרבעט

ניט איין יידישער שרייבער איז פונעם קליינעם שטעטל אַרויסגעקומען און פון איר געשעפּט די קינסטלערישע יניקה פאַר זיין שאַפן און ליטע־ראַרישן זיין. אין מיפולן דויער פון זייער „באַרג אַרויף“, פון אויפשוואונג אין כסדרדיקן, שווערן קאַמף און זוכעניש נאָך דערהויבנקייט און דיכטערישער שיינקייט — האָט צו זיי אַלע מאָל אַרויסגעשטראַלט מיט האַרציקער ליבע זייער קליינע, ווייטע היים — דאָס יידישע שטעטל.

•

אין דעם פּיטשינקן שטעטל, ביים טייך סוויסלאָטש — „דעם אייניקל פונעם גרויסן דניעפּר“ — אין דוקאָר איז אויף דער וועלט געקומען דניאל טשאַרני. מיט זיינע שוואַרצע פליגלען האָט שוין דער גרויזאַמער טויט אי־בער אים אַ פאָך געטון, ווען ער איז נאָך אין וויג געלעגן. די האַרץ־דריי־סנדיקע גסיסה־קרעכצן פון זיין שטאַרבנדיקן טאַטן האָבן שוין אין זיין יונגער, קינדערישער נשמה טרויער און אומעט געוועקט. טרויעריק איז אויך געווען דאָס וויג־ליד פון זיין מאַמען, וואָס האָט מיט איר ביטערער אַלמנהשער מילך געוואָלט פון אים פאַרטרייבן די באַצילן פון שווינד־זוכט. אָבער דאָך האָט אים זיין קינדהייט, די קינדהייט פון „געטשקע“ און „פליאַגע“ אין קליינעם, פאַרוואָרפענעם דוקאָר פרייד און שטיפערישע לוסט געגעבן. די דאָזיקע ווייט־פאַרגאַנגענע פרייד, וואָס איז שוין אין די שפּעטערדיקע יאָרן פון דיכטערס שווערן לעבן ניט געקומען צו אים, איז צו דערוואַרעמען און אָפּצופרישן, ווי אַמאָל אין די זאָרגלאָזע קינדער־יאָרן — פילט זיך נאָך אָבער אַרויס פון זיינע לעבנס־בלעטלעך, פון די אַ פּשוט און נאַטירלעך־געשריבענע יוגנט־מעמואַרן.
אין זיינע זכרונות וועגן דער קינדהייט אין קליינעם יידישן שטעטל איז פאַראַן אַזויפיל עכטער געפיל, טיף־רירנדיקע אויפריכטיקייט און טרעפ־לעכקייט פון שילדערן, אַז דוקאָר מיט אירע געשטאַלטן, וואָס ער מאָלט אונדז, ווערן ווי לעבעדיק אַוועקגעשטעלט פאַר אונדזערע נייגיריקע אויגן, וועלכע זעען זיי טאַקע אין דער גאַנצער נאַטירלעכקייט, ווי זיי זענען גע־זען געוואָרן פון דיכטער אין זיין היים־שטעטל.

---

* אַ תלמיד פון 2טן קלאַס פון דער יידישער גימנאַזיע אין ביאַליסטאָק.

זיין מאמע, אַ האַרציקע גוטע מאַמע פונעם קליינעם „געטשקע“ און „פליאַגע“, די פאַרהאַרעוועטע, גרויסע לעדער־קרעמערקע, וואָס האָט אין איר עלנט און שטענדיק גרויסע צרות קיינמאָל ניט פאַרגעסן וועגן אים — דעם קרענקלעכן מוזיניקל אירן. זי ווערט דאָ געשילדערט מיט אַזויפיל פאַר־שטענדעניש און האַרציקייט, אַז דער לייענער אַליין הויבט אָן צו אָטעמען שטילער. ער דערזעט פאַר זיך אַ טרייען איבערגעגעבענעם ווזן, פול מיט צאַרטער מוטערלעכקייט. דעם דיכטערס ליידן און פריידן אין די קינ־דער־יאָרן זענען געווען ניט נאָר אַ טייל פון אים, פון דאַניען, נאָר אויך אַ שטיק צאַפּלדיק לעבן פון זיין מאַמען — דעם ליבסטן וועזן זיינעם.

•

אָבער אויך אויסער דער געשטאַלט פון זיין מוטער האָט אונדזער דיכטער אויפן פאַן פון דוקאָר אונדז געוויזן פיל אַנדערע טיפּן און געשטאַלטן פון זיין היים־שטעטל, וואָס זענען געשילדערט מיט דעם אַ לייכט־דורכגע־פלאָכטענעם הומאָר דניאל טשאַרנים, וועלכער האָט מאָלנדיק זיינע דוקאָ־רער מומעס, דעם פריילעכן אשר מלמד, אָדער אפילו — דעם שטעטלשן משוגענעם „אלבע־אלבע“ אַריינגעגעבן אַזויפיל חן, אַז זיי ווערן אונדז גאָר נאָענט און היימיש, ווי ס'איז געווען מיט זיי דער דוקאָרער קליינער דאַניע. דניאל טשאַרנים זכרונות פאַרמאָגן אין זיך די שטראַלנדיקע שיינ־קייט פונעם דיכטערס פאַרגאַנגענע יוגנט־יאָרן, און דעם אַנהויב פון זיין מיפּולן און שעפערישן באַרג אַרויף.

ב. לאַפּין / דער גוטמוטיקער און מענטשלעכער

איך האָב מיין וואָרט פאַרשמאָלצן מיט די לאַזונגען פון טאָג,
איך האָב מיין ליד פאַרקויפט צום ווירבל פון דער צייט.
איז פול מיט מיר אַצינד אויף יעדן ראָג,
און ס'צאַפּלט איצט מיין האַרץ אין אַלערווייטסטער ווייט.

דזקאַר, ניו־יאָרק, בערלין, בירע־בידזשאַן,
ווי אויך אין אַרגענטינע און בראַזיל,
און אומעטום, וואו ס'איז דאָס יידיש וואָרט פאַראַן —
בין איך מיט אים אין ערנסט און אין שפּיל.

ס'איז גוט אַזוי צו רייטן אויפן רוקן פון דער צייט,
און אונטערוועגס פאַרשענקען אַלץ, וואָס איך פאַרמאָג —
עס זאָל מיין האַרץ זיך צאַפּלען אין אַלערווייטסטער ווייט,
און פול זאָל זיין מיט מיר אויף יעדן ראָג.

דיין אויבנגעבראַכט ליד, מיין טייערער דניאל טשאַרני, וועט מיר דינען ווי אַ בולטער באַווייז צו אַ געדאַנק וועגן קינסטלער און געזעלשאַפט. אַ לאַנגע צייט האָבן די צוויי עלעמענטן ניט זייער גוט קאָמבינירט. האָט מען נאָר דערמאָנט אַ קינסטלער, אַ דיכטער, אַזוי זענען אַרויסגעשוואומען אין זכרון קלאַנגען וועגן איינזאַמקייט אָדער פון נביאישע שטראָפן. פון דעם נביא, וועמען קיינער וויל ניט פאַרשטיין און ווערט פאַרלאַכט פון די גאַסן־קינדער ווי אין די פּראָפּעט־לידער פון לערמאָנטאָוון און פּושקינען און אַ סך אַנדערע. אפילו ח. נ. ביאַליקס נביא, וואָס האָט זיך צווישן מענטשן געפילט היימישער, איז ער אָבער אַלץ אַ ביבלישער נביא, וואָס ברענגט זיין וואָרט פון דער איינזאַמקייט און גייט גלייך אַוועק צוריק אַהין, ווי נאָר זיין שליחות איז געענדיקט. ס'איז געווען אַ שליחות פון אַ יחיד צו אַ רבים. ס'איז ניט געווען אַלעמענס וואָרט פאַר אַלעמען, נאָר פון איינעם צו אַלע; עס מאַכט ניט אויס צי ער האָט עס גערעדט אין זיין אייגענעם צי אין גאָטס נאָמען; עס האָט צו דיר גערעדט אַ מענטש, וואָס דערנענט זיך צו דיר אויף איין טריט, כדי דו זאָלסט צו אים קומען אינגאַנצן. דער כח פון עם איינציקן האָט נאָך ביזן היינטיקן טאָג אַ גרויסע קראַפט; אָבער עס איז איצט אין דער קונסט באַקאַנט דער קאָלעקטיווער

מענטש, וואָס רעדט פון קאָלעקטיוו — פאַרן קאָלעקטיוו: דער קינסט־לער־געזעלשאַפט־מענטש. אין דער צייט פונעם פראַנצויזישן ראַדיקאַליזם איז עמיל זאָלא געווען דער געזעלשאַפטס־קינסטלער, מיט דער טענדענץ פאַר דער געזעלשאַפט. וויקטאָר הוגאָ — דער קינסטלער־געזעלשאַפטס־טוער:

דער טוער — אַ קינסטלער.

ס'איז מיר געווען אַ פאַרגעניגן צו לייענען דיין ניי ביכל לידער, מיין טייע־רער דניאל טשאַרני. ס'איז אָנגענעם צו לייענען, לייכט צו רעדן וועגן דיין ביכל „אונטערוועגס". אפילו דער נאָמען פון ביכל איז באַוועגלעך־לייכט, ניט קאַבינעטמעסיק שווער, אָדער „פּאַטעטיש" אָנגעצויגן.

ביסט אין דיין שרייבן אַזוי ווי אין לעבן אָן פּרעטענזיעס און אָנגענעם. איך לייען דיינע לידער און איך הער דיך רעדן. רעד מיט דיר. אָט־ביסטו דאָ, אָט — דאָרטן. פאָרסט אַרום, ביסט אַ וואַנדרער. פון יעדן פּלאַץ אַן איינדרוק, אַ שיין בילד, אַ טיפן געפיל, און ס'ווילט זיך זיין דאָרט וואו דו ביסט און זען די מענטשן מיט וועמען דו פאַרברענגסט. עפּעס באַשטענדיקס און האַרציקס אָטעמסטו איין אומעטום וואו דו לעבסט. קוקסט ניט ווי אַ טוריסטישער מפונק אויף אַלץ אַרום דיר אין יעדן נייעם אָרט. לייענסט ניט אַרויס ווי ער, דער טוריסט, פון זיין נאָטיץ־ביכל וואָס צו באַוואונדערן און אויך וואָס צו געבן אַ קרים מיט דער נאָז. קומסט ווי אַ וואַנדרערער, אַ זוכער און ווערסט קיינמאָל ניט זאַט זו־כנדיק, ווי דער געוויינלעכער מאָדע־טוריסט.

ווי אין לעבן אַזוי אין דיינע לידער זעסטו זיך אין פאַרשידענע לענדער און שטעט („דוקאָר, ניו־יאָרק, בערלין, בירע־בידזשאַן" אאַז"וו).

פון רוסלאַנד איז שוין אָפּגעערדט. ביסט דאָך אַ זון פון רוסלאַנדס ערד. טראָגסט אויף זיך צייכנס פון אַמאָל און ווערסט געטראָגן פון די שטור־רעמדיקע איבערלעבונגען פון איצט. האָסט ליב רוסלאַנד, און דו רעדסט פון איר באַגייסטערט. האָסט זי ליב, ווען דיר דוכט זיך, אַז דו זעסט ביי איר פעלערן. רוסלאַנד איז אַ פאַרשריבן בלאַט פון דיין אייגענעם יידישן און וועלטלעכן לעבן.

ווי אין דיין לעבן, אַזוי אין דיינע לידער, באַזינגסטו ניט דאָס, וואָס דו זעסט, נאָר דו לעבסט מיט, דו איראָניזירסט אָפּט מיט אַ וויטאָגדיקן שמייכל; אָבער דאָס איז איינער פון דיינע אייגנטימלעכע וועגן צו מאַכן זיך אַליין לייכטער, אויסצוהאַלטן די שווערע משא, וואָס דו טראָגסט מיט אָנגעשטרענגטע כוחות. ווי איינגעהאַלטן און ערנסט איז דיין פּאַרטיפּטע איראָניע אין דעם אויסצוג פון דיין שיינעם ליד „דער צעשאָסענער צי־פערבלאַט":

13-509

ווער ווייס דען, צי ס'איז טאָג, ווער ווייס דען, צי ס'איז אוונט,
עס זענען אַלע וועגן צו מפּיל־צייט געשלאָסן.
און אויפן רויטן מאַרק־פּלאַץ שטייט אַ פּערמער יון,
עס פרייט זיך, וואָס ער האָט דעם וועלט־זייגער צעשאָסן.

זיין זינגעריש געזיכט שטראַלט, ווי אַ טורעם־זייגער,
און וואָנצעס ווי צוויי ווייזערס מאַכן דיר העויות —
דאָס הויבט זיך אָן פון היינט אַ נייער לעבנסשטייגער,
און דו, אָ, דו — ניט וויין אויף מאַרגיקע לויות.

וויפל ווייטאָג איז פאַראַן בלויז אין די פּאָר געבראַכטע פערזן. מען גייט אַרום מיט דעם געבוירן־קינד אויף די הענט אין דעם גרויסן רוסלאַנד און דאָך פאַלט אַריין אַ געדאַנק וועגן אַ מפּיל... עס וואַכט אויף אַ נייער לעבנסשטייגער.
און אַרום דיר שעפּטשעט עמעצער:

ניט וויין אויף מאַרגיקע לויות...

מען דאַרף זיין אין רוסלאַנד און אויף זיך אַליין דורכפילן אָט דעם שוידער פון צוזען ווי:

צעשאָסן איז דער ציפערבלאַט פון קלויסטער־זייגער,
די ווייזערס פּענדלען נאָך אויף נאַקעטע געדערעם —

ניט אַלע מאָל איז דיין ליד שווער און אומעטיק. זייער אָפט ביסטו לייכט און אפילו סענטימענטאַל־לייכט. אָבער דאָס לעצטע געפיל איז ניט אָן איינגעבירגערטער ביי דיר. דאָס קומט מער פון דיין גוטמוטיקייט, פון דיין מורא, אַז דאָס איינצווימען זיך זאָל דיך ניט מאַכן אומנאַטירלעך... ביסטו בעסער מקריב מיט אַ סענטימענטאַלן שמייכל.

•

אָבער איך בין זיך מודה, אַז אַלצדינג האָב איך אין דיר ליב. דאָס אַליין, וואָס איך קאָן אַזוי אָפנהאַרציק רעדן מיט דיר, ווייזט מער דיין גוטמוטי־קייט און מענטשלעכקייט, ווי מיין מוטיקייט. אַנדערש וואָלט איך אַזוינס ניט געוואַגט...

וו. לאַצקי־בערטאָלדי / אַ יונגער בעל־זכרונות

אונדזער ליבער גאַסט, דניאל טשאַרני, איז געקומען צו אונדז אין שליחות פונעם „דובנאָוו־פאָנד", וואָס גיט אַרויס די „אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע אין יידיש". ער האָט מוחל געווען אויפן ספּעציעלן כבוד פון אַ יובל־באַנקעט, נאָר דאָס באַדייט ניט, אַז מיר פון אונדזער זייט מעגן אויך מוחל זיין אויף זיין כבוד. דעריבער ווילט זיך עס איצטער זאָגן אַ פּאָר ווערטער, ווי אַ מין הקדמה צום היינטיקן „ענציקלאָפּעדיע־אָוונט", וועגן דניאל טשאַרנים דיכטען אין ליד און פּראָזע.

דניאל טשאַרנים ליריק איז אינספּירירט פון אַ לייכט־גראַציעזער, חנעוודיקער און שטיפעריש־ער מוזע, וואָס אונדז ווילט זיך אַרומטראָגן זי אויף די הענט. ניט אומזיסט האָט ער זיין ערשטן באַנד לידער אַ נאָמען געגעבן „לייכטע פערזן". ס'איז די תקופה פון סעגאַלאָוויטשן, פון איינהאָרנען מיט זייער „איך־פּאָעזיע", ווען אויך דניאל טשאַרני האָט געלאָזט הערן זיין שטים. מוט האָט זיך דעמאָלט געפאָדערט פאַר אַ יידישן דיכטער, ווען ער האָט געזונגען ניט וועגן כלל, ניט וועגן נאַציאָנאַלן צער און סאָציאַלן ווייטאָג, נאָר פּשוט וועגן זיך אַליין.

פונדעסטוועגן איז דערפון ניט געדרונגען, אַז אַלע טעמעס פון דניאל טשאַרנים דיכטען זענען לייכטע. אדרבא, אייניקע פון זיי זענען דורכגעזאַפּט מיט דעם טראַגישן ערנסט פון לעבן. דניאל טשאַרני באַווייזט אַ פּאָעטישע קונסט, ווען ער טוט אָן אַ טראַגישע טעמע אינעם לבוש פון „לייכטע פערזן".

איך קען מיר ניט פאָרשטעלן אַ מער טראַגישן אָנהויב פאַר אַ ווערק, ווי די ערשטע פּאָר אַריינפיר־שורות צו זיין „משפחה־כראָניק":

„דער טויט האָט אַ פּאַך געטון מיט זיין שוואַרצן פליגל איבער מיר, ווען איך בין נאָך אין וויג געלעגן. דעם טאַטנס גסיסה־זיפצן האָבן זיך איינגעביסן אין די חבלי־לידה פון מיין מאַמען און מיין שטים איז עד־היום אַן אָפּקלאַנג פון אָט דיביידע ווײַ־געשרייען".

און אָט האָט דניאל טשאַרני די דאָזיקע טעמע אין דער פאָרעם פון אַ גראַציעזן „יתום־ליד" אַריינגענומען אין זיין לידער־זאַמלונג און אוועקגעשטעלט אין שפּיץ פון זיינע „לייכטע פערזן"...

טויט — און לייכטקייט? יאָ, פאַר אַ פּאָעט איז דאָס מעגלעך. ס'איז פּונקט אַזוי, ווי עמעצער וואָלט אייך אונטערטראָגן אַ טרויעריקע בשורה

מיט אַ שמייכעלע אויף די ליפּן. פילט איר דעם שמייכעלע, וואָס נעמט אָפּ ביי דער טראַגישער געשעעניש איר ערנסטקייט און מאַכט זי שפּי־לעוודיק.

און ווען מען קען מיט „לייכטע פערזן" זיך פאַרמעסטן אויפן טויט, קען מען אויך פּרוּוון מיטן אייגענעם לייכט־גראַציעזן פערז אָנטון אין אַ לבוש דעם געדאַנק פון דער געטלעכער מענטשהייט, וואָס מיט איר שטרע־בן, צו וויסן און פרייהייט, רויבט זי דעם פייער פון הימל:

עס טרעפט אַ מינוט —
און די וועלט ווערט דיר טייער,
ס'פּרוּווט זיך דיר האָבן פּראָמעטעאוס רוט
און רויבן דעם פייער
פון הימלישע ספערן,
אַז ליכטיק זאָל ווערן
אין אַלע פיר עקן —
און זאָלן זיך געטער פאַר מענטשן דערשרעקן!
עס טרעפט אַ מינוט...

פאַרשטייט זיך ממילא, אַז אַן אמת־דאַנקבאַרן שטאָף פאַר אַ „לייכטן פערז" געפינט דניאל טשאַרני אין די „שטיפעריש־עראָטישע" לידלעך, וואָס ווערן געזאָגט און געזונגען פון מיידלעך און ווייבלעך אין יידישע שטעט און שטעטלעך.

נאָר טאָמער פאַלט אַריין אין די הענט אַ מער שווערע טעמע, ווי אַ שטיי־נער — די באָלשעוויסטישע אָקטאָבער־רעוואָלוציע — קליגט זיך דניאל טשאַרני מיט זיין „לייכטן פערז" אַראָפּצונעמען פון איר די שווערקייט און איר צוגעבן אַ ראָמאַנטישע גראַציע. אילוסטראַציע: „מאָסקווער געסלעך":

און כ'וואָלט איצטער גערן
אין ערגעץ אַ קאַמער
דערציילט זיי אַ מעשה
פון סערפּ און פון האַמער,
צי אפשר דערקלערט זיי
די לעצטע דעקרעטן.
און כ'וואָלט בשעת מעשה
אַ קעצעלע גלעטן...

און אָט אַזוי איז דניאל טשאַרני גובר מיט פּאָעטישער גראַציע די האַ־מעטנע שווערקייטן און טראַגישע ערנסטקייטן פון לעבן און ווייזט אונדז

שטענדיק אַ פריילעכן פּנים. ער איז דערמיט מקיים זיין פּאַטעישן אני מאמין, וואָס ער האָט אונדז אַנטפּלעקט אין אַ פּאָר „לייכטע פערזן“:

דאָס, וואָס קלעמט ביי מיר אין האַרצן
וועל איך קיינעם זאָגן:
שטילן, טיפן טרויער
דאַרף מען פאַר זיך טראָגן.

דאָס, וואָס בליט ביי מיר אין האַרצן —
קאָנען אַלע וויסן —
טראָג איך פרייד און ליבע —
זאָל די וועלט געניסן.

און אָט האָט דניאל טשאַרני געמאַכט די וועלט געניסן פון אַלע אַנשיקעניש[ן] אין זיין לעבן, און לייענט איר זיין ממש אימהדיקע „משפּחה־כראָניק“, חידושט איר זיך איבערן כּוח פון לייכטן הומאָר, וואָס קען גובר זיין די טרויעריקסטע פאַקטן פון לעבן.
אויב איר ווילט וויסן דעם קוואַל פונעם דאָזיקן הומאָר, דאַרפט איר האָבן אין זינען: דניאל טשאַרני האָט געזען אין זיין לעבן פילע, גוטע און אמתע מענטשלעכקייט ביי זיין מאַמען און ביי די ברידער. אויך די פרויען־וועלט האָט אים באַוויזן דעם צערטלדיקן שמייכל פון איר צווייענדיקן יאַנוס־פּנים.
דער יובילאַר אַליין דערציילט אונדז וועגן דעם אין זיין „משפּחה־כראָניק“.

•

אַ יונגער, גאָר אַ יונגער בעל־זכרונות. פון אונדזער דור. דאָס איז אַ נייס און שווין פאַר זיך אַליין אַן אויפטו. אונדזער דור האָט אַזוי שטאַרק געלעבט, מיט אַזאַ גיכקייט און רעוואָלוציאָנערישן אימפּעט, אַז ניט קיין צייט איז אונדז פאַרבליבן אויף צוקוקן זיך צו זיך אַליין און אָפּגעבן פאַר זיך און פאַר דער וועלט אַ חשבון, ניט קיין גלייכע ליניע האָט זיך גע־קאָנט אויסטיילן פון אונדזערע פאַרצווייגטע און פאַרפּלאָנטערטע לעבנס־זיג־זאַגן. צי קאָנען אָבער געמאָלט זיין מעמואַרן, וואו דאָס אַלצדינג פעלט, וואו מען קאָן זיך ניט דערשלאָגן צו אַ לעבנסטיל, וואו וואַנדערונגען און איבערקערענישן, שווימענדיקע אויפברויזן און פינצטערע תהומען פאַר־פּולן די ביאָגראַפיע פון אַ דור? וואו איז דער רו־פּונקט, וואו דער ברעג, פון וואַנען מען קאָן זיך לאָזן שווימען און וואו אַהין מען זאָל קאָנען דערשווימען? דניאל טשאַרני האָט מיט מוט זיך גענומען צו אַ שטיקל

אַרבעט, וואָס איז פֿאַר אונדזער דור נאָך ניט אויפֿגעטון געוואָרן. ער וויל אָפּצייכענען די ליניע פֿאַר אונדזער תּקופֿה, אָנהויבנדיק פֿון די ניינציקער יאָרן אין פֿאַבריקן יאָרהונדערט און דערפֿירנדיק זיין „כראָניק" ביז די סאַמע לעצטע טעג מיט אירע פֿריש־צאַפּלדיקע געשעענישן.

אָט פֿאַר דער ריזיקע אַליין קומט אים אַ יישר כּח. און מען מוז מודה זיין, אַז ער האָט מיטגעבראַכט פֿאַר זיין אַרבעט סגולות און מעלות.

קודם כּל אַ ליבשאַפֿט צום אמת. אַזאַ מין ליבשאַפֿט איז נוטה צו אכזריות. אפֿילו בנוגע צו זיך אַליין. דער אמתער בעל־זכרונות שאַנעוועט קיינעם ניט, ניט די אייגענע, ניט די פֿרעמדע, ניט זיך אַליין. דניאל טשאַרני האָט דעם מוט פֿון אויפֿריכטיקייט, וואָס באַפֿרייט זיך פֿון כּל־ערליי ענגאַ־איזמען, קרובֿהשע, פּאַרטייאישע, ליטעראַריש־ברודערישע און סתּם געזעל־שאַפֿטלעכע מיט זייערע כּוונות, נטיות, פּניות, איינגעפֿונדעוועטע אני מאַמינס אָדער אָפּגעבליאַקעוועטע מיינונגען. ער דערציילט אונדז פּשוט וועגן אַלצדינג, קיין זאַך ניט פֿאַרבאַהאַלטנדיק. אַ צווייטע מעלה: ער איז ניט סענטימענטאַל. ער באַשרייבט טראַגישע געשעענישן און איבער־לעבונגען מיטן קאַלטן סטיל פֿון אַ פּראָטאָקאָליסט. ווען ניט ווען איז ער זיך מתּיר הינטער אַ זאַץ מיט אַן אויסדערציילטן מאָוימדיקן פֿאַקט אַוועקצושטעלן אַ פּאָר פּינטעלעך. דאָס איז אַלץ. און אין דער אמתן? וואָס קאָן און טאָר שוין אויפֿדעקן אונדזער דור? אַ דריטע מעלה: דניאל טשאַרני איז דער מוזיניק אין דער משפּחה טשאַרני, וואָס האָט אונדז גע־געבן אַ שמואל ניגער און אַ ברוך וולאַדעק — טוער און אויפֿטוער אין יידישע געזעלשאַפֿטלעכע באַוועגונגען און גייסטיקע שטרעמונגען. ער, דער מוזיניק, איז דערביי פֿאַרבליבן דער „לײדיק־גייער", דער „צוקוקער" פֿון יענעמס לעבן — אָדער קורץ גערעדט, ער איז פֿאַרבליבן דער „פּאָעט". און אָט מיטן ניצוץ פֿון פּאָעטישן צוקוקן זיך איז ער צוגעגאַנגען צו זיין צייט און פֿאַרשריבן אירע דאַטעס. מיט דער עניוות פֿון אַן אמתן כראָ־ניקער.

•

דערווייל איז אַרויס דער ערשטער טייל: די קינדער־יאָרן. דאָס איז דער ברעג פֿון יענער זייט: דאָס יידישע שטעטעלע מיט איר האַק און פּאַק, מיט איר אָרעמקייט, דחקות, פּלאָגענישן, קרענק, רפֿואות, סגולות, משוגעים, איינרעדענישן, צונעמענישן, אָט פֿון דעם ברעג וויל זיך דניאל טשאַרני לאָזן שווימען. אַביסל זענען מיר באַקאַנט זיינע כּוונות. איך קאָן אים נאָר ווינטשן, אַז ער זאָל דערשווימען און אַן שעמעוודיקייט אונדז באַווייזן זיין יבשה.

לייבוש לעהרער / אַ ביאָגראַפיע פון אַ דור

דאָס דאָזיקע בוך איז אַן אויטאָביאָגראַפיע פון אַ מענטשן און אַ ביאָגראַפיע פון אַ דור, אַ געוועב פון פאַקטן און געשעענישן, מיט וועלכע מיר זענען נאָך אַלע גאַנץ גוט באַקאַנט. און דאָך איז דעם שרייבער על־פי רוב געלונגען ניט פאַרפירט צו ווערן פון די פאַלשקייטן, וואָס לויערן און פאַרכאַפּן מיט אַ באַצווינגנדיקער קראַפט יענע, וואָס פאַרנעמען זיך מיט שרייבן וועגן „אמתע פאַקטן“.

די ביאָגראַפישע שרייב־פאָרעם איז אין אַלגעמיין דורכגעגאַנגען דריי ליטעראַרישע עפּאָכעס. לכתחילה איז דאָס געווען בלויז אַ פאָרעם פון געשיכטע. עס איז אַ סברא, אַז אפילו פלוטאַרך, דער באַרימטער ביאָגראַף פון 46 גריכן און רוימער, האָט ניט איינגעזען די נפקא מינה צווישן שרייבן ביאָגראַפיעס פון איינצלנע גדולים און שאַפן אַ געשיכטע פון פעלקער אָדער קולטורן.

שפּעטער האָט די ביאָגראַפישע פאָרעם געזוכט צו פאַרפיקסירן אַרויסשטאַרצנדיקע טיפּן, שפּיציקע און עקסטרעמע זייטן פון אַ מענטשלעכן כאַראַקטער. ממילא האָט אַזאַ שרייבער געהאַלטן פאַר נויטיק אונטערצושטרייכן דאָס אומגעוויינלעכע, דאָס אַנדערשטיקע און אפילו דאָס סענסאַציאָנעלע. אַזעלכע ווערק זענען, למשל, די אויטאָביאָגראַפיעס פון בענווענוטאָ טשעליני און קאַסאַנאָוואַ. אָבער דער פאַרלאַנג צו באַפרידיקן קינסטלערישע אימפּולסן דורך דער ביאָגראַפישער, אָדער אויטאָביאָגראַפישער פאָרעם, דאָס איז אַ מאָדערנע דערשיינונג אין דער וועלט־ליטעראַטור, כאָטש דאָרט איז דאָס שוין גענוג איינגעפונדעוועט און געוואָרן אַ טראַדיציע.

ביי אונדז אין דער יידישער ליטעראַטור, האָבן זיך אויטאָביאָגראַפיעס גענומען מערן ערשט אין די לעצטע צוויי צענדלינג יאָר, און האָבן זיך על־פי־רוב געשטעלט היסטאָרישע אָדער לעבנס־שטייגערישע אויפגאַבעס. קיין ריינע טיפּן־ביאָגראַפיעס (מיט אפשר איין איינציקער אויסנאַם) זענען ביי אונדז כמעט ניטאָ, דערפאַר אָבער פאַרמאָגן מיר עטלעכע לעבנס־באַשרייבונגען פון קינסטלערישן מין. צו אָט דעם מין געהערט אויך דניאל טשאַרנים „באַרג אַרויף“.

טשאַרני איז אַ מיטגליד פון אַ פאַמיליע, פון וועלכער עס איז אַרויסגעקומען אַן אָנגעזעענער, יידיש־ליטעראַרישער טריומוויראַט. ער אַליין,

דער דיכטער, ש. ניגער, דער קריטיקער און ב. וולאַדעק, דער שרייבער און געזעלשאַפטלעכער טוער. פון די אַלע איז טשאַרני דער ייִנגסטער, דער מוזיניק. געוויינלעך שרייבט מען אויטאָביאָגראַפיעס אין די עלטערע יאָרן. עס איז פאַרבונדן מיט אַ געפיל פון וועלן מאַכן אַ סך־הכל פון אַ לעבן, פון זען זאַכן פון אַזאַ לוויטערער דיסטאַנץ, אַזוי ווי מען וואָלט שוין אַליין דערביי ניט געווען, און פון אַן איבערצייגונג, אַז מען קען שוין נעמען די וועלט און זיך אַליין מיט אַ מין פאַרענדיקטער, פילאָסאָפישער רואיקייט. טאָ ווי קומט עס, וואָס גראָד דעם מוזיניק איז באַפאַלן דער יצר־הרע צו שרייבן, ווי ער רופט עס, „בלעטלעך פון אַ לעבן“? ווי קומט עס, וואָס אַזאַ יונגער מענטש זאָל דערפילן אין זיך די גרייטקייט פאַר אַזאַ אויפגאַבע?

ווען מיר לייענען די שורות און די צווישן־שורות פון אָט דעם דורכגעוואָרעמט־אינטערעסאַנטן בוך, פאַרענטפערט זיך דאָס רעטעניש פון זיך אַליין. דניאל טשאַרני איז געבוירן געוואָרן קראַנק מיט זייער ערנסטע סימפטאָמען, וואָס מאַטערן אים דאָס גאַנצע לעבן. ער האָט שטענדיק געלעבט אין אַן אַטמאָספערע פון אָפּשפּרעכענישן, שוידערלעך־אָבערגלויבישע סגולות, רפואות, דאָקטוירים, און אָפּעראַציעס. ניט בלויז די מאַמע, מיט איר האַרציקער ליבע און פיינעם גראָדן שכל, נאָר אויך די שוועסטער און די פיר ברידער, און אַלע אַנדערע משפּחה־מענטשן און קרובים האָבן תמיד איבער אים געציטערט. ער האָט באַקומען אַ ספּעציעלע מאָס וואַרעמקייט פון אַ פאַמיליע, וואָס האָט זיך אַזוי אויך אויסגעצייכנט מיט אַ טיפער אינעווייניקסטער ליבע און צוגעבונדנקייט.

אויף טייל קינדער ווירקט אַזאַ לאַגע זייער שעדלעך. זיי ווערן נאָך מער קרענקלעך, קאַפּריזנע, מען קען זיך פון זיי קיינמאָל ניט אויסקויפן, און וואַקסן אויס סאָציאַל הינטערשטעליק. אָבער ביי טשאַרנין איז פאָרגעקומען גאָר אַן אַנדערער פּראָצעס. דער פאַקט, וואָס זיינע עלטערע ברידער, ניגער און וולאַדעק, האָבן זיך פרי אַרויסגעריסן פון דער היים און גענומען שפּילן אַן אָנגעזעענע געזעלשאַפטלעכע און ליטעראַרישע ראָלע, האָט געררייצט זיינע אַמביציעס, געטריבן אים צו אומאָפּהענגיקייט און זעלבסטשטענדיקייט. דאָס צוזאַמען מיט די פיזישע ליידן, וואָס האָבן פאַרביטערט זיין לעבן, און די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן, וואָס האָבן אים איינגעקלאַמערט אין געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג, האָבן אָנגערעגט זיין אַנטוויקלונג און פרי געטריבן זיינע אינעווייניקסטע כוחות צו אַ מין איבער־דערוואַקסנקייט און איבער־רייפקייט. ערשט איז מיר קלאָר געוואָרן די באַזונדערע פאַטערלעכע ראָלע, וואָס אָט דער גאַנץ־יונגער מענטש שפּילט שוין לאַנג אין אונדזער ליטעראַטור, און ממילא אויך דאָס גע־

מיט און די אַטמאָספערע, וואָס באַהויכן די רייכע בילדער און די פּאַר־שידנאַרטיקע טיפּן פון זיין „באַרג אַרויף“.

אַן אויטאָביאָגראַפיע איז פון תמיד אין געפאַר צו פאַרשטעלן מיט זיך די גאַנצע סביבה, וואָס ער קומט אויפדעקן. ווען ער האָט נאָך צוויי ברידער פון אַזאַ קאַליבער ווי וולאַדעק און ניגער, איז נאָך גרעסער די געפאַר, אַז צוליב די דריי געקליבענע בוימער זאָל מען שוין קיין שפּור פון וואַלד ניט זען. אָבער דאָ האָט טשאַרנין געראַטעוועט אי זיין קינסטלערישער חוש־הריח, אי זיין געלייטערטע רייפקייט. עס גייען אויף פאַר אונדז סצענעס און בילדער געשריבן מיט אַזאַ ווארעמען אָטעם, אַזוי שפּאַר־נעוודיק קאָמפּאַקט, און מיט אַזאַ פאָלקסטימלעך־חנעוודיקער שפּראַך, אַז די היסטאָרישע פּינקטלעכקייט און די פאַקטישע אמתדיקייט גייען אונדז שוין מער ניט אָן. ווען עס וואַרפן זיך ניט דורך אַזעלכע נעמען ווי ניגער, וולאַדעק, בערטאָלדי, דאַווידאָוויטש, סיגנאַלאָוסקי — אַלע מענטשן, וואָס מיר קענען אַזוי גוט — וואָלטן מיר אָפּט פאַרגעסן, אַז דאָס איז טאַקע ניט מער ווי אַ „כראָניק“, ווי דער שרייבער רופט אָן זיין בוך מיט זיין כאַראַקטעריסטישער פּשטות.

דאָס ווערק ווערט צעטיילט אויף דריי חלקים: „משפּחה־כראָניק“, „פּאַרטיי־כראָניק“ און „רייזע־כראָניק“. די דאָזיקע באַשיידענע נעמען קלינ־גען ווי זיי וואָלטן אַנטהאַלטן בלויז פאַרמעלע דאָקומענטן פון אַן עפּאָכע דאָס איז אָבער אַ פאַלטשער איינדרוק. אַזעלכע קאַפּיטלען ווי „וועלף“, „די וועלפישע רביצין“, „שוועסטער עלזע“, „מאַגאַ ליזע“ און „אין שוים פון דער יונגפרוי“, אָדער דער הומאָר פון אַזאַ קאַפּיטל ווי „די געשלעכט־פראַ־גע“, אָדער דער פיינער פּסיכאָלאָגישער קוק אויף דעם מערקווירדיקן פּראָבלעם פון „פּאַרטיי־עגונות“, אַזעלכע קאַפּיטלען וועלן תמיד בלייבן עכטע מוסטערן פון קינסטלערישער אויטאָביאָגראַפיע.

מען דאַרף אָבער, פון דער אַנדערער זייט, ניט מיינען, אַז טשאַרנינס בעלעטריסטישער צוגאַנג, פאַרשטעלט אָדער פאַלסיפיצירט יענע אומגע־הויער־אינטערעסאַנטע צייט פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע פון 1905. גראָד פאַרקערט, זיינע קינסטלערישע אימפּולסן האָבן בולט און לעבעדיק אַרויסגערוקט דאָס, וואָס זעט אויס צו זיין אומוויכטיק, זייט־טיק, פאַרביישוועבנדיק, איז אָבער אַזאַ קרעפטיקער, געשטאַלטיקער כוח אין אויפשוואונג פון מענטש און צייט. צוזאַמען מיט דעם, וואָס איז היסטאָריש אָנגעזעען און הויך־שטימיק, האָט ער מיט באַזונדערן חשק אַרויסגעפירט דעם שטילן, „אומבאַקאַנטן זעלנער“ — סיי אויפן פעלד פון מענטשלעכע פיגורן, סיי אויפן פעלד פון סצענעס, פאַקטן און פּאַסירונגען — אַט יענע אומבאַקאַנטע זעלנער, וואָס אָן זיי קען גע־

שיכטע בכלל ניט געזעען ווערן, ניט וויסנשאַפֿטלעך און ניט קינסטלע־ריש. ביי די, וואָס האָבן אַליין דורכגעלעבט יענע גרויסע היסטאָריש־געוואָרענע צייט, וועט טשאַרנים ווערק אַרויסרופֿן אי די פֿרייד פֿון באַקאַנטשאַפֿט, אי די פֿרייד פֿון אַנטפּלעקונג. עס איז די פֿרייד פֿון יענע מאָמענטן, ווען דאָס אויג גיט זיך פּלוצעם אַן עפֿן אויף ברייטער און מען דערזעט דעם וויטן פֿאַרנעם פֿון אַ נאָענטער וועלט.

אַ בוך וואו מעשה און פֿאַקט דאַרפֿן זיך אַזוי אינטים קאָמבינירן, איז שווער, אַז דער אויסקלייב זאָל תמיד געראָטן; בפֿרט נאָך — ווי מיר דערוויסן זיך פֿון דער הקדמה — ווען דער שרייבער האָט געדאַרפֿט פֿון אַ גרעסערן און פֿאַרטיקן כתב־יד אַרויסנעמען „די מער בעלעטריס־טישע עפּיזאָדן". און אויב דער דאָזיקער, אָפֿט גאַנץ בולטער חסרון, זעט זיך ניט אָן צו־שאַרף, נעמט זיך עס, מיין איך, פֿון געוויסע אייגנ־שאַפֿטן, מיט וועלכע טשאַרני צייכנט זיך אויס. דאָס דערקלערט אויך פֿאַרוואָס מיר ווערן קיינמאָל ניט שאָקירט, כאָטש עס רעדט זיך דאָרט אַזוי פֿיל וועגן פֿאַרשידענע חולאתן און ניט־אָנגענעמע שפּיטאָל־בילדער. אָבער, ווי געזאָגט, טשאַרנים ליטעראַרישע אייגנשאַפֿטן פֿאַרגלעטן דאָס אַלץ. איך האָב דאָ אין זינען די אייגנשאַפֿטן, וואָס דערמאָנען אין ע. מ. רעמאַרקן.

רעמאַרק הויבט אָן זיין ווערק מיט עטלעכע ווערטער, וואו ער דערציילט, אַז ער וויל באַשרייבן אַ דור, וואָס כאָטש ער לעבט נאָך, איז ער אָבער חרוב געוואָרן פֿון דער מלחמה. נאָך אַזעלכע רייד וואָלט מען געקענט מיינען, אַז מיר גייען דאָ לייענען אַ בוך, וואָס שרייט מיט באַנומענע קולות וועגן טויט און שרעק און חורבן. אָבער ווי ליב עס איז די אַנ־טוישונג וואָס קומט נאָך דעם, ווייל פּונקט ווי ביי רעמאַרקן — אַזוי אויך ביי טשאַרנין, האָבן די וויי־געשרייען זיך געלייטערט דורך יאָרן פֿון אַן אינטענסיוו און געדיכט־פֿאַרביק לעבן פֿון האַרץ און קאָפּ, און זענען פֿאַרוואַנדלט געוואָרן — אונטערן צודעק פֿון זייער איבער־רייפֿקייט — אין אַן איידעלען, אָבער אָפֿנהאַרציקן צוגאַנג צו אַלץ אין דער וועלט, אַפֿילו צו זיך אַליין און זיינע נאָענטסטע. עס האָט זיך פֿון זיי אויסגעשפּונען אַ דינער הומאָר, וואָס מאַכט ווייכער און גלאַטיקער אַלע שטעכיקע דראָטן, וואָס רינגלען אַרום מענטשן און געשעענישן, און אַזאַ פּשוטע, וואַרעמע, דורכדרינגנדיקע מענטשלעכקייט, אַז עס טוט אייך הנאה ווען איר פֿילט זי נעבן זיך.

איך ווייס ניט, צי „באַרג אַרויף" איז טאַקע אַ פּאַסיקער נאָמען פֿאַרן דאָזיקן ווערק. איך פֿיל אָבער, אַז אין דער יידישער קינסטלערישער אויטאָביאָגראַפֿיע איז עס בלי ספֿק אַ באַרג אַרויף.

יעקב לעשצינסקי / דער פיל-געשטאַלטיקער

ס'קלינגט אַזוי קאָמיש, וואָס איר, נאָך גאָר אַ קונדס, זייט שוין אַ בעל יובל. איר האָט שוין הינטער זיך טאַקע אַ גאַנץ פערטל יאָרהונדערט אַרבעט.

מיר האָט זיך זייער און זייער געוואָלט אָנשרייבן אַן אַרטיקל וועגן אייך — איך האָב אַרויסגעקוקט און אַרויסגעקוקט אויף דער מוזע און זי קומט ניט! זי איז ביי מיר אַזוי געוואוינט זיך צו באַווייזן נאָר ביי די גרויסע צאָלן און דאַטעס און 30 יאָר שאַפן איז ביי איר צו ווייניק.

אַ פּאָר מאָל האָב איך געפּרוּווט מיין ניכטערע מוזע דאָך צווינגען מיר העלפן, נאָר איך מוז זאָגן, אַז איר זענט אויך שולדיק אין מיין דורכפאַל. איר זענט צופיל געשטאַלטיק, צו פאַרבנרייך און איר שרעקט אָפּ מיין מוזע, וואָס איז געוואוינט צו טרוקענע מאכלים...

אין אמתן: הויבט מען אָן פון אייער נשמה־פאַך — אייער דיכטונג — בין איך דאָך, פאַר קיין שום מענטשן ניט געדוכט, ניט קיין מבין אויף די דאָזיקע זאַכן; האָב איך געמיינט, אַז אַלץ פובליציסט און זשורנאַליסט זענט איר מיין קאָלעגע און איך וועל דאָ קענען אָנטאַפּן אַ גראַדע ליניע אין אייערע מיינונגען, אין אייערע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס — האָב איך דערזען, אַז אויך דאָ זענט איר מער קינסטלער און דיכטער, ווי געזעלשאַפט־לעכער קעמפער און פירער.

דעריבער איז מיר שווער געווען אויך דאָ צו שרייבן, ווי מיר פשוטע בשר־ודמס שרייבן. און איך מיין, אַז דאָס בעסטע איז אייך פשוט זאָגן חבריש און פריינדלעך: איר זאָלט נאָך אַ סך, אַ סך יאָרן זיין אַזוי מונטער, פריש און אַזוי פיל־געשטאַלטיק־שעפעריש, ווי אין די לעצטע צען יאָר זינט איך האָב אייך נאָענטער דערקענט. זאָלן אייך אייערע הענט געשטאַרקט ווערן און אייך געבן די מעגלעכקייט אויך ווייטער אַזוי געטריי און איבערגעבן, מיט דער גאַנצער נשמה און מיטן גאַנצן האַרצע דינען אונדזער גרינגן וואָגן, וואָס איז אַזוי שווער, ווייל ער שטעקט נאָך אין אַ טיפן זומפּ פון מיטלאַל־טערלעכער ירושה און מאָדערנער אַסימילאַציע.

און געבענטשט זאָלן זיין אייערע הענט, וואָס זענען תמיד גרייט צו העלפן יעדן קאָלעגע, שטיצן יעדע ליטעראַטור-התחלה, באַגיסן יעדע קולטור־שפּראָצונג!

עלטערט אייך צוזאַמען מיט אייער שוואַרץ־חנעוודיקער חייהן מיט געזונט און אָן צרות.

ש. מאָראַווויטש / אַ בוך פון אַ גרויסן קינסטלער

ווען איך האָב מיט עטלעכע יאָר צוריק געהאַט איבערגעלייענט דניאל טשאַרנים „משפחה־כראָניק" (קלעצקין־פאַרלאַג, ווילנע, 1927) — האָב איך ערשטנס באַוואונדערט די טיפע קינדער־פּסיכאָלאָגיע, מיט וועלכער ער דרינגט אַריין אין זיין אייגענער קינדערישער נשמה און צווייטנס — דעם מוט, וואָס דער שרייבער פאַרמאָגט ביים דערציילן וועגן זיך, וועגן זיינע פּעטערס און מומעס און וועגן אַלע אַנדערע איינצלנהייטן פון זיין אייגענעם לעבן.

איך דערמאָן זיך, אַז ווען איך האָב צום ערשטן מאָל געהאַט איבערגע־לייענט טשאַרנים „משפּחה־כראָניק" — בין איך אויפגעשפּרונגען מיט דער פראַגע: „פון וואַנען ווייסט דער שרייבער אַזוי גוט די טרויעריקע געשיכטע פון מיין אייגענער קינדהייט? ער שילדערט דאָך מיינע איי־גענע צרות, מיין אייגענעם יתום־לעבן!" און כ'האָב זיך פונאַנדערגע־וויינט. אָט יענע טרערן האָבן מיך פאַרקרובט מיט דעם מחבר פון בוך.

איצט איז דערשינען דניאל טשאַרנים אַ צווייט בוך אונטערן טיטל: „באַרג אַרויף", וואָס האָט ווידער אַרויסגערופן אין דער גאַנצער יידישער קריטיק פון גאָר דער וועלט די בעסטע מיינונגען. עס וועט ניט זיין איבערגעטריבן, ווען איך וועל זאָגן, אַז טשאַרנים „באַרג אַרויף" איז אַ יחיד במינו אין דער יידישער ליטעראַטור. ניט נאָר זיין „משפחה־כראָ־ניק", נאָר אויך — די „פּאַרטיי־ און רייזע־כראָניקס" פאַרמאָגן אַ קולטור־ און סאָציאַל־היסטאָרישן ווערט. אויסער דעם אַלעמען פאַרמאָגט דניאל טשאַרני די ספּעציפישע פעאיקייט צו קענען כאַראַקטעריזירן מיט עטלעכע געציילטע ווערטער אַ מענטש, אַ בילד, אַ געשעעניש און זיי שטעלן זיך פאַר דיר אַוועק, ווי לעבעדיקע.

ס'איז אַ גרויסער שאָד, וואָס טשאַרנים ליבע, גוטע מוטער לעבט ניט מער! ווען זי וואָלט געקאָנט איבערלייענען כאָטש עטלעכע קאַפּיטלען פון איר מוזיניקס בוך — וואָלט זי געזען, אַז ניט נאָר איר שמואל (ניגער) וואָס איז שוין „פון קינדוויז אָן געווען אַ פילאָסאָף". און ניט נאָר איר ברוך (וולאַדעק) — „וואָס קאָן דען ניט אונדזער ברוך", נאָר אַז אויך אפילו איר דאָניע — „דער געטשקע" און „פליאגע" איז אויסגעוואַקסן אַ גרויסער קינסטלער.

ווי איר עפנט נאָר אויף דאָס בוך, גיט אַ ווײַ אויף אײַך מיט אינטימער פיעטעט צו דער פאַרגאַנגענהייט: — צו דער מאַמען, דער אלמנה, וואָס איז פאַרבליבן מיט זעקס קינדער, איין טאָכטער און פינף זין ווי „פינף פינגער פון איין האַנט"; צום טאַטנס מצבה, וואָס איז באַוואַקסן מיט מאָך, מיט דער רירנדיקער אויפשריפט: „ביי דעם שטיין פון דיין מצבה צייל איך תמיד מיינע יאָרן" (ד. טשאַרני איז געבוירן געוואָרן, בעת זיין טאַטע איז געשטאָרבן); צו די ברידער, וועלכע דאָס בוך איז געווידמעט „מיט דאַנק און ליבשאַפט" — און בכלל צו אַלץ, וואָס אָטעמט מיט פאַרגאַנגענהייט, קינדער־יאָרן און יוגנט, שטעטל און היים.

דניאל טשאַרני איז אַ קינד פון זיין צייט און פון זיין מיליע — און ווי אַ קינד פון דער בכבודיקער, ערלעכער, איידעלער, שיער ניט „אַריסטאָקראַטישער" יידישער אָרעמקייט אין קליינעם פאַרמלחמהדיקן שטעטל, וויל ער קיין איינעם פון די פעדעם, וואָס בינדן אים מיט זיין היים און מיט זיין מאַמען, ניט איבעררייסן, מעג עס זיין דער קלענסטער, ניט פאַרלירן אפילו אויף זיין שפּעטערדיקער וואַנדערונג איבער דער וועלט — און ער טראָגט דאָס מיט זיך, ווי אַ קמיע, ווי אַ הייליקן אָנדענק אומעטום, וואו דער פּאָליטישער שטורעמווינט טראָגט אים אַוועק אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק, ניט לאָזנדיק אים אין ערגעץ זיך איינבירגערן.

דער זעלבער אינטימער טאָן פּילט־אוים אַלע אַנדערע עפּיזאָדן פונעם בוך, וואו די פאַמיליע נעמט ניט קיין דירעקטן אָנטייל — אַ שטייגער, די ליבע־עפּיזאָדן און ליטעראַרישע יוגנט־זינד, מיט וועלכע דער דיכטער פלעכט דורך זיין דערציילונג וועגן זיך; און אפילו די לאַנגע, טרויעריקע געשיכטע וועגן דאָניעס קראַנקייט (ריכטיקער — קראַנקייטן בלשון רבים) וואָס ווערט איבערגעגעבן מיט אַלע פּרטים און פיטשעווקעס, און זי ווערט געשילדערט אַזוי פּשוט און אינטים, מיט אַזאַ אירנערלעכער באַציאונג צו איר גאַנצן פאַרלויף. די דאָזיקע אינטימקייט איז דער גרונט־שטריך פון דניאל טשאַרנים כאַראַקטער און אויך דער גרונט־טאָן פון זיין ליטעראַרישן אינסטרומענט.

אַדאַנק דעם טאַקע איז טשאַרנין געלונגען אויפצוכאַפּן די סאַמע דינסטע שטריכן פון זיין צייט און סביבה — און מען מוז צוגעבן, אַז דאָס

לעבן גופא, וואָס ער שילדערט, גיבן ביידע געגנוג רייכן און אינטערעסאַנטן שטאָף פאַר אַ סאָציאָלאָגיש בילד פונעם יידישן לעבן פאַר דער וועלט־מלחמה, באַזונדערס פונעם לעבן פון דער אָרעמקייט, וואָס האָט זיך גע־ראַנגלט ניט נאָר מיט די שלעכטע לעבנס־באַדינגונגען, נאָר אויך מיטן טויט אין דער געשטאַלט פון כלערליי קראַנקייטן און יסורים, שטאַרק פאַרשפרייטע ביי דער ניט־אויפגעקלערטער, אָנגעליטענער יידישער מאַסע.

•

היסטאָריש איז דאָס בוך אַ בילד פון דער לעצטער גרויסער תקופה אינעם יידישן לעבן — פון די לעצטע 30 — 40 יאָר, ד״ה פון יענעם גרויסן קרייצוועג, וואו עס טרעפן זיך די וויכטיקסטע פּראָצעסן אינעם יידישן לעבן פאַר דער לעצטער צייט. קינסטלעריש און פסיכאָלאָגיש ליגט דאָס בוך אויפן גרויסן שליאַך פון דער קלאַסישער ליטעראַטור און טראָגט אויך אַלע וויכטיקערע סימנים פון אירע גרונט־ווערק — סיי דעם פאָלקסטימלעכן הומאָר און סיי די אויטאָ־איראָניע, סיי די רעאַליסטישע טיפּן־שילדערונג און סיי דאָס בילד פון פּרימיטיוון פאָלקס־לעבן מיט אַלע זיינע טראַדיציעס, אַבערגלויבנס און רגילותן, א י י ד ע ר עס איז פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין פאָלקלאָר... אפילו די אינטימע פסיכאָלאָגיע פון אָט דעם קלוגן, פּריציייטיק־דערפאַרענעם קינד, וואָס האָט זיך אַזויפיל אָנגעליטן, דערמאָנט אַזוי שטאַרק אָן דעם „קלאַסישן״ יידישן יינגל מאָטל פּייסי דעם חזנס, וואָס „אים איז גוט, ווייל ער איז אַ יתום״; און אויך די מאַמע, וואָס ווינט אָפּט וועגן דער „פליאַגע״ (טשאַרני גיט אוים אַלע זיינע צונעמענישן!) דערמאָנט שטאַרק אין מאָטל פּייסים מאַמען מיט די פאַרווינטע אויגן. די רעמיניסצענצן — דאָס זענען (מיר שטרייכן עס אונטער) ניט קיין ליטעראַרישע, נאָר לעבנס־רעמיניסצענצן — זענען זייער שטאַרק, ווייל זיי געהערן צו איין מקור. אַזעלכע בילדער, ווי די סגולה מיטן אַרויפלייגן די הענט פון אַ טויטן אויפן קינדס אַקסלען, זענען מיט די וואָרצלען איינגעוואַקסן אין דער רעאַליסטישער פאָלקסטימלעכער טעמאַטיק פון דער קלאַסישער יידישער ליטעראַטור — און בלויז דער מאָדערנער לירישער פינאַל טיילט־אָפּ די שילדערונג פון די עלטערע:

„פון דעמאָלט אָן פיל איך, ווי דער טויט האָט זיך מיט זיין גאַנצער שרעק אָנגעהאָנגען אויף מיינע אַקסלען, און עד־היום איז מיר דער קאָפּ אַביסל געבויגן צו דער ערד, ווי כ'וואָלט געטראָגן אַ שווערע משא״.

דער וויטערדיקער טייל — „פאַרטיי־כראָניק״ — איז שוין אַ סך נאָענטער צו אונדזער היינטיקער צייט און פאַרמאָגט טאַקע אַ סך ווייניקער פאַר־רונדיקטע בילדער און אַ סך ווייניקער קלאַסישקייט. אַקעגן־זשע איז דער

דאָזיקער טייל רייך אין געשטאַלטן פון טשאַרנים היימישן, פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן וועלטל: שרייבער, פּובליציסטן, פּאַרטיי־פירער, רעדנער, אינטעליגענטן פון די פּאַרטיי־קרייזלעך און סתם־מענטשן, וואָס האָבן ליב געהאַט אַרום אָט די אַלע, ווי דער שטייגער איז, זיך אַרומצודרייען. אויך דאָ איז כאַראַקטעריסטיש די „משפחהדיקייט", דער פאַמיליערער, היימישער צוזאַמענבונד מיט אַלע געשילדערטע מענטשן — און אויך דער אינטימער צוגאַנג צו זייערע וועלטן. די „פּאַרטיי־כראָניק" נעמט אַרום ענגע קרייזן — ווייל בלויז די אָנפירנדיקע — פון דער געוועזענער ס"סישער פּאַרטיי און טיילווייז אויך פונעם אַמאָליקן „בונד" און אַנדערע פּאָליטישע גרופּירונגען. די מאַסע איז דאָ ניטאָ — בלויז דער אויבערשטער שיכט, די אינטעליגענץ, וואָס הונגערט גאַנץ געשמאַק, אָבער ניט אַזוי שרעקלעך ווי די אַרבעטער־מאַסע און (אַזאַ איינדרוק באַקומט זיך אַלנפאַלס) ניט מיט אַזאַ ערנסט ווי־זי... באַזונדערס איז דאָס נוגע די קרייזלעך אין אויסלאַנד. די ס"ס האָבן טאַקע בכלל געהאַט אַ קליינע מאַסע און זענען באַשטאַנען ס'רוב פון אינטעליגענץ — און דעם „בונד" קען טשאַרני ווייניקער און ווייס צו דערציילן ס'רוב וועגן זיינע נאָענטע (אַ שטייגער ב. וולאַדעק) וואָס זענען געווען טעטיק אין „בונד". וועגן אָט די אַלע מאַמענטן, איז די „פּאַרטיי־כראָניק" פּובליציסטישער, ווייניקער קינסטלעריש פון דער „משפחה־כראָניק" — זי איז מער פראַגמענטאַריש און צופעליק, בעת די „משפחה־כראָניק" שילדערט אַ ק ע מ ע ר ל, אַן אָרגאַניש קעמערל פונעם ג אַ נ צ ן יידישן מאַסן־לעבן מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר צוריק.

אָבער טשאַרני שרייבט ניט קיין געשיכטע, נאָר מעמואַרן — דאָס הייסט בלויז דאָס, וואָס ער האָט אַליין איבערגעלעבט, און אויך פון דעם, וואָס ער האָט איבערגעלעבט און באַשריבן, קאָן דער היסטאָריקער פיל לערנען.

טשאַרנים מעמואַרן זענען אַרויסגעוואַקסן פון צוויי מקורים: פונעם היסטאָרישן און פונעם לירישן — אַ סינטעז פון געשיכטע און פון דיכטונג, פון פאַקטן־געטרייער כראָניק און פון סובלימירטן ליריזם. דאָס בוך פאַרמאָגט אי די נויטיקע פּינקטלעכקייט פון אַ היסטאָרישן דאָקומענט, וואָס מעג רואיק גענומען ווערן אויפן וואָרשטאַט פונעם געלערנטן, אי דער רייץ פון אינטימער דיכטערישקייט, וואָס אַנטפּלעקט די סאַמע פאַרבאָרגנסטע און דיסקרעטע איבערלעבונגען פונעם יחיד, ווי אַ קינד פון זיין צייט.

•

בלויז וועגן דעם, וואָס איז געזאָגט געוואָרן, איז טשאַרנים מעמואַרן־בוך ניט קיין דורכשניטלעכער באַנד זכרונות, נאָר אַן אויסגעשפּראָכן ב ע־

לעטריסטישע פֿאָרעם פֿון אַן אויטאָביאָגראַפֿיע, וואָס וועט בלייבן אַ קרן אין דער יידישער ליטעראַטור.

עס איז אָבער פֿאַראַן נאָך איין וויכטיקער מאָמענט, וואָס ליגט זיין שטעמפּל אויפֿן בוך: די פּערזענלעכקייט פֿונעם מחבר, וואָס ווערט אָנטפּלעקט אין די עטלעכע הונדערט זייטן און וואָס דערוועקט ביים לעזער אַ געפֿיל פֿון — צוטרוי, סימפּאַטיע און צוגעבונדנקייט צו זיך.

דאָס איז שוין גאָר אַ זעלטענע דערשיינונג, וואָס דאַרף אַליין און פֿאַר זיך, ניט אָפּהענגיק פֿון די פּאַסירונגען גופֿא, שטודירט און געפּאָרשט ווערן דורך דער קינדער־פּסיכאָלאָגיע.

דער וועג פֿון אַ ליידנדיק קינד — אַ קראַנקען פֿון ערשטן טאָג אָן, אַ „פֿליאַגע", אַ „געטשקע", אַ „פּאַרקויפֿטן" — וואָס דניאל טשאַרני האָט דורכגעמאַכט; דאָס שטענדיקע נויטיקן זיך אין דער מאַמעס שוץ און די צוגעבונדנקייט צו איר; די באַדערפֿעניש צו האָבן אינטימע פֿריינד און די שטאַרקע געזעלשאַפֿטלעכע דיספּאָזיציעס, און פֿון דער צווייטער זייט דער איידעלער הומאָר, די פֿיינע, סובטעלע באַציאונג צו מענטשן, די שטילקייט און באַשיידנקייט פֿון דעם דאָזיקן מענטשן מיטן אָנגעליטענעם שמייכל אויפֿן פּנים — דאָס אַלץ האָט אויסקריסטאַליזירט אין אים אַ מילדן, באַשיידענעם, גוטמוטיקן כאַראַקטער, וואָס האָט אים דערוואָרבן אַ סך פֿריינד, ניט נאָר צווישן באַקאַנטע, נאָר אויך צווישן די אומבאַקאַנטע לעזער פֿון זיין בוך.

פֿאַראַן בילדער אין דעם בוך, וועלכע ווירקן מיט אַ באַזונדערע קראַפֿט אויף קינדער און יונגטלעכע, וואָס זענען בטבע אויפֿנעם־פֿעאיקע פֿאַר ליידנדיקע אין זייער עלטער, איידער די דערוואַקסענע, און ס'וואָלט כדאי געווען זיי אַריינצונעמען אין די שול־כרעסטאָמאַטיעס פֿאַר אונדזערע קינדער, וואָס זענען זייער שפּירעוודיק אויף יעדן אינטימען טאָן.

און עס איז גאָר קיין חידוש ניט, וואָס וועגן טשאַרניס בוך האָבן זיך אָפּגערופֿן ניט נאָר די קריטיקער און רעצענזענטן, נאָר אויך ניט קיין פּראָפֿעסיאָנעלע שרייבער — לעזער פֿון ווייטע מקומות, ביבליאָטעקן אין פּוילישע און גאַליציש שטעט און שטעטלעך, קינסטלער, שטודירנדיקע יוגנט און געזעלשאַפֿטלעכע טוער.

דער מילדער, גוטמוטיקער שמייכל, וואָס קוקט אַרויס דורך דעם ליידנדיקן בליק, דאָס אינטימע און פּערזענלעכע, וואָס טשאַרני האָט אין זיינע מעמואַרן פֿאַרוואַנדלט פֿאַרן גרונט־טאָן, די איינפֿאַכקייט און דער אומיטלבאַרער אויסדרוק פֿון זיינע איבערלעבונגען — האָבן אים דערוואָרבן די סימפּאַטיע פֿונעם פֿאָלקס־לעזער אין ניט קיין קלענערער מאָס, ווי דאָס סאָציאַלע בילד, וואָס קומט צום אויסדרוק אין „באַרג אַרויף".

יודל מאַרק / ער ווייסט דעם סוד

ער — דאָס איז אונדזער בעל־יובֿל, וואָס איז אין זיין ליבער פּשטות אַזוי ניט ענלעך צו אַ בעל־יובֿל. ער — דאָס איז דער טייערער פריינד דניאל טשאַרני.

ער ווייסט דעם סוד ווי צו זיין אינטערעסאַנט פאַרן עולם. ער איז פּשוט און ער איז אינטערעסאַנט — דאָס איז די פאָרמולע פאַר דניאל טשאַרנין. וואָס ער זאָל אייך ניט שרייבן — צי אַ קורצע נאָוועלע, צי אַ לענגערע דערציילונג, צי זכרונות, צי אַ לעבנסשטייגער־ראָמאַן, צי אַ בילדל, צי אַ קאָרעספּאָנדענץ — אומעטום איז די שפּראַך גרינג און פאַרשטענדלעך פאַר אַלע לייענער, דער אינהאַלט איז באַטעמט און לייכט פאַרדיילעך, און עס פעלט ניט יענער כּישוף־געווירץ, וואָס דערלאָזט ניט, מען זאָל קענען אין מיטן אוועקוואַרפן זיינע אַ קאָרעספּאָנדענץ אָדער זיינע אַ דערציילונג, ס'פעלט ניט דאָס כּישוף־געווירץ, וואָס גיט צו חן זיינעם אַ פען־ווערק, אַזוי ווי אַ גוטער, ליבער שמייכל באַצירט אַ מענטשלעכן פּנים.

און דאָס איז דאָך, אויב איר ווילט, דער עיקר שבעיקרים — זיין אינטע־רעסאַנט. מען קען זיך ניט אויסלערנען אָט די קונסט. דורך רוטינע און געניטונגען טרעט מען ניט צו נאָענטער צו דעם. אין אַ פאַרשענערונג־קאַבינעט קען מען מאַכן ליפּן צונטער־רויט, ברעמען דין, ווי עס איז דער דין פון דער מאָדע.

אָבער גייט מאַכט חן אין אַ קאָסמעטישן סאַלאָן!

דאָס אייגענע איז מיט דער מאָדנער אייגנשאַפט, וואָס הייסט אינטע־רעסאַנט. דניאל טשאַרני איז געבענטשט מיט דער פעאיקייט צו שרייבן שטענדיק אינטערעסאַנט. אויב אפילו ס'איז אַ גוזמא דאָס וואָרט פון דעם פיינשמעקער אואיילד, אַז ביכער טיילן זיך ניט אויף גוטע און שלעכטע, נייערט בלויז אויף אינטערעסאַנטע און ניט־אינטערעסאַנטע, אויב ס'איז אַ גוזמא דאָס נעגליזשירן דעם אינהאַלטלעכן ווערט פון אַ בוך און נאָר קוקן אויף זיין פאָרעם, איז אינטערעסאַנט־זיין אַ וואוילע, אַ טייערע גאָטס מתּנה.

אַנדערע מאַכן זיך אינטערעסאַנט. מוזן זיי אָנקומען צו קונצן. אָבער דניאל טשאַרני איז די פּשטות אַליין. אָן דרש, אָן גריבלעניש, אָן אויבער־חכמות,

אָן גרים און אָן גרימאַסן. פּאַר אים פּאַסט דאָס גמרא־וואָרט: „ניט פאַרב, ניט שמינקע, נאָר פול מיט חן״, אַזוי ווי מען פלעגט, לויט דער לעגענדע, פאַרזינגען אויף חתונות פאַר יידישע כלות.

•

פון דניאל טשאַרני וויינט מיט אַ צווייאיקער פשטות:
מיט אַ פשטות פון עניוות און מיט אַ פשטות פון פּקחות.
זיין עניוות איז אַריין אין בלוט, כאָטש לכתחילה איז עס אפשר אַן אייגנ־שאַפט, וואָס שטאַמט פון די לעבנס־אומשטאַנדן: אַ מוזיניק (זיי האָבן דאָך אַ ספּעציעלע פּסיכאָלאָגיע, די מוזיניקס, ווי ס׳איז דאָ אַ פּסיכאָלאָגיע פון אַ בן־יחיד) וואָס איז עפּעס זייער מאַמיש — בלייבט קינדיש, פּרוזאיש, שעמעוודיק אין שאָטן פון עלטערע און באַוואוסט־געוואָרענע ברידער, זיין עניוות מאַכט אים פאַר איינעם פון אַ משפּחה, פון אַ דור, פון אַ פאָלק. אָבער זי באַוואָרענט אים פון אונטערשטרייכן דעם איך.
איך — איז ניט טשאַרניס שפּראַך, ביי אים איז שטאַרק דער מיר.
זיין פּקחות באַשטייט אין דעם ווייך־הומאָריסטישן באַנעמען די וועלט. ס׳לוינט צו זיין אין כעס אויף דער וועלט. ניט דאָס אייביק־קינדישע איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דניאל טשאַרנים וועלט־געפיל, נאָר דאָס אייביק־באָבישע. ווי אַן אַלטע, גוטע באָבע, איז דניאל טשאַרני אַלעמען מוחל, ער איז דער שטענדיקער סניגור, דער מלמד־זכותניק. און ניט וועגן ניט וויסן, אַז ס׳איז דאָ שלעכטס, נאָר וועגן פאַרשטיין, אַז שטורעמען מיט צאָרן איז ניט כדאי. דאָס איז ניט די חכמה, וואָס מאַכט האַמערן נייע וועלטן, נאָר זי מאַכט געמיטלעך, מאַכט מעגלעכער און דערטרעגלעכער אַט די וועלט, וואו מיר לעבן אָפּ דאָס שווערע פּעקלע יאָרן...

•

אָבער ס׳איז מאָדנע צו חקירהן זיך און צו געפינען תמציתן ביי אַזאַ נאָענטן מענטשן, ביי אַ ליבן פריינד. ס׳איז פיל נאַטירלעכער, פיל דניאל טשאַרנישער אים פשוט און אויפריכטיק צו ווינטשן אַל דאָס גוטס ביי דער איצטיקער יובל־פייערונג.
לאַנג לעבן זאָלט איר, פריינד טשאַרני!

ד״ר אַ. מוקדוני / קלאַסישע זכרונות פון אַ מוזיניק

דאָ האָבן מיר פאַר זיך אַ באַנד ממש קלאַסישע, יידישע מעמואַרן. דניאל טשאַרנים מעמואַרן קומען נאָך די שטרענגסטע פאָדערונגען פון מעמואַרן־שרייבעריי. ראשית האָבן מיר אין זיי אַ בילד פון אַן עפּאָכע אין יידישן לעבן, צווייטנס איז דער מעמואַרן־שרייבער אַליין אַ מענטש מיט באַזונדערע אייגנשאַפטן, און דריטנס האָבן מיר דאָ די בעסטע און אינטערעסאַנסטע משפּחה־כראָניק.

דניאל טשאַרני מאָלט פאַר אונדז די סאַמע ברויזנדיקע עפּאָכע אין דעם יידיש־רוסישן לעבן. די עפּאָכע פון יידישער, געזעלשאַפטלעכער, פּאָליטישער און קולטורעלער אויפוואַכונג.

עס איז די צייט, ווען דאָס קליינע שטעטל שיקט אַרויס אירע קינדער אין דער גרויסער וועלט אַריין בויען אַ ניי יידיש לעבן.

איין אָרעמע יידישע משפּחה אין דעם קליינעם שטעטעלע דוקאַר גיט דעם מאָדערנער יידישער ליטעראַטור און פּאָליטיק דריי קינדער אירע: איינער (ש. ניגער) ווערט דער קריטיקער פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור; דער צווייטער (ב. וולאַדעק) ווערט אַ פירער פון דער מאָדערנער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט און פּאָליטיק, און דער דריטער, דער מעמואַרן־שרייבער אַליין, ווערט דער פיינער ליריקער און דער „אַמבאַסאַדאָר" פון יידיש.

דאָס קליינע יידישע שטעטל האָט געשיקט אין די גרויסע יידישע שטעט אירע קינדער צו בויען דאָס נייע יידישע לעבן, ווייל דער גרויס־שטאָטישער ייד איז אָדער אַסימילירט געוואָרן, אָדער ער איז טיף פאַרזונקען געוואָרן אין גשמיות.

אַ ים מיט ניט־אויסגענוצטע ענערגיע, אַ תהום מיט ניט־פאַרטאַכלעוועטע לעבנס־זאַפטן האָט פאַרמאָגט דאָס קליינע, יידישע שטעטל און אַלץ האָט זיך אַריינגעגאָסן אין דעם ריכטיקן מאָמענט אין דעם אָפּהענטיקן און פאַרגליווערטן יידישן לעבן.

דניאל טשאַרני גיט אייך דאָ וואונדערלעכע כראָניק פון דער טשאַרני־משפּחה אין דעם קליינעם שטעטעלע; דאָ האָט איר די יידישע מוטער די עקרת הבית, וואָס טראָגט אויף אירע צאַרטע פרויען־פּלייצעס דעם גאַנצן יאָך, זי קען אירע קינדער ניט געבן קיין זאַט לעבן, קיין וואַרעמע

היים, זי פאַרמאָגט אָבער אַן אומאויסשעפּלעכן קוואַל פון ליבע און מיט דעם באַשיינט זי דאָס לעבן פון אירע קינדער.
אין דער דאָזיקער נויט און דחקות איז דאָ אַ ים מיט שיינקייט, די שיינקייט פון מסירת־נפש, פון גרויסער פאַראַנטוואָרטלעכקייט און די שיינקייט פון פשוטער, אָבער גרויסער ליבע.
דער מעמוארן־שרייבער אַליין איז דער מוזיניקל אין דער משפחה, ער איז געקומען אויף דער וועלט, ווען דער פאָטער פון דער פאַמיליע איז געשטאָרבן, ער איז אַ חוץ דעם געקומען אויף דער ליכטיקער וועלט אַ ביסל אַ צעניזוקטער.
דאָס אַלץ האָט זיך אָפּגעלייגט אויף דער פּסיכאָלאָגיע פון דעם מעמוארן־שרייבער.
דאָס שוואַכע קינד האָט זיך לאַנג געהאַלטן ביי דער מאַמעס פאַרטעך, און שפּעטער האָט עס זיך געטוליעט צו די ברידער.
האָט ער בייגעוואוינט דעם אויפקום פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור נעבן זיין ברודער ניגער. ער איז אויך אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם פּאָליטישן קאַמף פאַר דער ערשטער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד צוזאַמען מיט זיינע ברידער.
איז רירנדיק און פּאַטעטיש די ליבע פון שוואַכן ברודערל צו זיינע שטאַרקע ברידער.
אָבער דאָס שוואַכע ברודערל ווערט ביסלעכווייז אַ מענטש פאַר זיך, עס וואַקסט אויס אַ רירנדיקע פּערזענלעכקייט, אַ דיכטער און אַ קולטור־טוער אויף אַ גאַר אייגנאַרטיקן שטייגער.
דניאל טשאַרנים מעמוארן דערגרייכן ביז דעם אָנהויב פון דער וועלט־מילחמה.
דערציילט דניאל טשאַרני וועגן דער סאַמע ברוויזיקער עפּאָכע פון דעם יידיש־רוסישן לעבן, שטיל, מיט אַ גוטמוטיקן הומאָר, מיט קלוגקייט און מיט אָלימפּישער רואיקייט.
און אַזוי אינטערעסאַנט און פאַרכאַפּנדיק זענען זיינע אייגענע איבערלעבונגען, די איבערלעבונגען פון אַ מענטשן, וואָס שטייט כסדר אויפן ראַנד פון לעבן און טויט.
אין די דאָזיקע באַשרייבונגען דערהויבט זיך דניאל טשאַרני צו אמתער דיכטונג.
דניאל טשאַרני איז זייער אָפנהאַרציק אין די באַשרייבונגען פון זיינע ליבע־אַוואַנטורעס און סתם בנוגע זיין פּריוואַט־לעבן.
דאָס איז אויך אַ באַזונדערע קונסט, ניט אַלע קאָנען זיין אָפנהאַרציק — אָן פּניות און אָן וועלכע עס איז אויסרעכענונגען.

מיט זיין אָפּנהאַרציקייט גיט ער אונדז די מעגלעכקייט צו אַריינקוקן טיף, טיף אין דעם לעבן פון אַ מענטשן, וואָס זיין לעבן איז אַ וואונדער פאַר דאָקטוירים און אַ כשרע מציאה פאַר אים אַליין.
האָט איר דאָ לייכטזיניקייט און טיפן ערנסט, האָט איר דאָ שטיפעריש־קייט און קלוגע קנייטשידיקייט, האָט איר דאָ הומאָר און דורכזיכטיקע קוהלתדיקייט.
און איבער אַלץ הנדלט זיך אַ ליבע־צעפּעסטעטקייט, אַ רירנדיקע און אַ פּאַטעטישע צעפּעסטעטקייט פון אַ קראַנקן און געצערטלטן.
דאָס זענען, אמת, מעמוארן, אָבער עס איז אין דערזעלביקער צייט גאָר פיינע בעלעטריסטיק. וואָרעם, וואָס איז בעלעטריסטיק אויב ניט געלייטערטע שטיקער ווירקלעכקייט? דניאל טשאַרנים מעמואַרן זענען שטיקער ווירקלעכקייט, געריינקט פון דעם שטרוי און פון דער מעקענע, פון דער צופעליקייט און פון דער טאָג־טעגלעכקייט.
עס איז אַ בוך צום לייענען.
אַזעלכע ביכער וואָס פאַרמאָגן דעם רייץ פון דיכטונג און דעם תכלית־דיקן קערן פון געשיכטע, זענען זעלטן.

•

און איצט — וועגן אים אַליין — דעם יובילאַר.
דער מוזיניקל אין דער משפחה פון ש. ניגער און ב. וולאַדעק. דניאל טשאַרני, איז אַלט געוואָרן פופציק יאָר.
איך האָב זיך דערוואוסט וועגן דעם פון אַ קליינינקן, אָבער זייער פיי־נעם אַרטיקעלע פון ב. וולאַדעק און פון אַ ליד פון בעל־היובל גופא אין דעם אָקטאָבער־נומער „צוקונפט“.
דניאל טשאַרני איז אַ געפונענער פאַר זיין משפחה און אויך פאַר דער יידישער ליטעראַטור.
די ראָלע פון ד. טשאַרני אין דער יידישער ליטעראַטור איז די ראָלע פון אַ מאַנסבילשן שרה בת טובים.
ער איז אַלעמענס חבר און אַלעמענס פריינד, ער שרייבט אַלעמען בריוו־לעך און אַלע שרייבן אים בריוולעך.
ער איז אינטים מיט אַלע יידישע שרייבער, וואָס זענען צעזייט און צע־שפּרייט איבער גאָר דער וועלט.
ער האָט קיין היים ניט, ער, דער היימישער אומעטום, איז היינט אין בערלין, מאָרגן אין ווילנע און איבערמאָרגן אין פּאַריז...
ער וואָלט זיך גריילעך געוואָלט איינוואָרצלען אין איין לאַנד, אָבער ער איז היימלאָז און ער, דער לייבטער, דער שטילער און שמייכלענדיקער,

פאַלט באַלד צו לאַסט די גרויסע מעכטיקע מדינות און זיי שיקן אים כסדר ארויס.
אָבער עס איז ניטאָ קיין יידישער שרייבער אויפן כדור הארץ, וואָס זאָל ניט וויסן דעם אַדרעס פון דעם אַדרעסלאָזן דניאל טשאַרני.
און ער פאַרט פון איין לאַנד אין אַן אַנדערן מיט זיין גרויסן אַרכיוו פון בריוו און מיט די ווערק פון אַלע יידישע שרייבער.

•

ווען איר ווילט באַקומען אויסקונפט וועגן אַ שרייבער האָט איר ז. רייזענס לעקסיקאָן, אָבער ווען ז. רייזענס לעקסיקאָן קען אייך צופעליק ניט געבן קיין אויסקונפט, קענט איר שרייבן אַ פּאָסט־קאַרטל צו דניאל טשאַרנין און ער וועט אייך זיכער געבן אויסקונפט, מחמת ער איז דער פולסטער, לעבעדיקער לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור.
ד. טשאַרני איז אַ דיכטער און אַ זייער שיינער פּראָזע־שרייבער.
זיין אויטאָביאָגראַפיש בוך „באַרג אַרויף", וואָס אַ טייל איז דערשינען און אַ טייל דרוקט זיך אין „צוקונפט" איז איינס פון די פיינסטע מעמוארן־ביכער אין אונדזער ליטעראַטור.
ד. טשאַרני איז אינטים־אַפּנהאַרציק און וואונדערלעך גוטמוטיק אין זיינע זכרונות. אַחוץ דעם פאַרמאָגט ער אַ שטילן הומאָר און אַ שטילן פּאַטאָס. אָט די צוויי שרייבערישע ברכות גיבן צו זיינע ווערק אַ גאָר באַזונדערן, ליטעראַרישן חן.
ד. טשאַרנים זכרונות זענען ברייטער פון אַ סך אַנדערע זכרונות. אין זיינע זכרונות האָט איר, אַזוי גוט, ווי די געשיכטע פון אַ דור.
אַליין אַ מאַגנעטישע פערזענלעכקייט, וואָס איז פּערזענלעך באַפריינדט מיט אַ האַלבער וועלט מענטשן, איז ער דורך זיינע ברידער, ש. ניגער און ב. וולאַדעק, געקומען אין נאָענטער באַרירונג מיט די בעסטע פאַרשטייער פון דעם דור, זענען דעריבער זיינע זכרונות רייך און שפעדיק.

•

די לעצטע צייט וואוינט ער אין פּאַריז, פראַנקרייך האָט אים געעפנט אירע טירן.
ד. טשאַרני האָט שוין אַן אמתן אַדרעס, איז לאָמיר אים ווינטשן געזונט און לאַנגע יאָר צו דעם!

נחמן מייזיל / בלעטלעך פון אונדזער לעבן

דניאל טשארני באצייכנט זיין נײַ ווערק „בארג ארויף" מיט אַן אונטער־קעפּל „בלעטלעך פון אַ לעבן", אָבער אין אמתן זענען זיינע זכרונות פיל מער — עס זענען בלעטלעך פון אונדזער יידיש לעבן פאַר די לעצטע 30 — 40 יאָר. ער האָט זיך באַמיט ביי יעדן עפּיזאָד און עטאַפּ אין זיין אייגן לעבן אויפצושטעלן אַ בילד פון דעם אַרומיקן לעבן, פון דער אַרומיקער סביבה. וואקסן דעריבער אַרויס זיינע „בלעטלעך" פון דעם אייגענעם, ענגן טשאַרני־רשות אין דעם ברייטערן רשות־הרבים. אין די אַלע ערטער און קאַפּיטלען, וואו ער שילדערט זיך גופא, איז טשאַרני ביי אים אַ געשטאַלט, אַ טיפּ, צו וועלכן דער מחבר באַציט זיך מיט דער זעלבער אָביעקטיוויקייט און מיט דעם זעלבן שמייכל ווי צו אַנדערע זייטיקע.

דאָס בוך באַשטייט פון דריי טיילן: „משפּחה־כראָניק", „פּאַרטיי־כראָניק" און „רייזע־כראָניק". אומעטום איז דניאל טשאַרני נאָר די אַקס, אַרום וועלכער עס דרייען זיך אַלע פּאַסירונגען, אָנגעהויבן פונעם שטעטעלע דוקאָר מיט אַלע זיינע געשטאַלטן — מלמדים, שכנים, פעטערס, מומעס — ביז העט־ווייט אין דער גרויסער, ברייטער וועלט — ווילנע, ווין, בערן, זשענעווע, וואו עס טרעטן שוין אַרויס באַוואוסטע יידישע שרייבער, טוער און פּערזענלעכקייטן. מיט זיי אַלע האָט דניאל טשאַרני אין פאַרשידענע צייטן פון זיין לעבן געהאַט אַ ענגע, אינטימע באַרירונג. טשאַרני מאָלט זיי אַלעמען מיט אַ גוטמוטיקייט פון אַ האַרציקן מענטש און מיט אַ שמייכל פון אַ גוט געמיט. דערביי גיט ער די כאַראַקטעריסטישע שטריכן און צייכנט אומעטום לעבעדיקע געשטאַלטן און מאָלט לעבעדיקע סיטואַציעס: ער וויל זיך ניט אין זיינע מעמואַרן ספּעציעל גרויס מאַכן, און פירט ניט צו און פירט ניט אָפּ אַלץ אין לעבן צו און פ ו ן זיין אייגענער פּערזאָן, ווי עס טרעפט אָפט אין מעמואַרן. ער איז, אדרבא, אָפטמאָל צו זיין אייגענער פּערזאָן אומברחמנותדיק. ער פאַרבאַהאַלט ניט אויס אין זיין לעבן קיין פּרטים, קיין פאַקטן, וואָס אַנדערע וואָלטן זיי פאַרהוילן און פאַרטושט. ער באַמיט זיך אַרויסצובאַקומען פונעם פאַרגאַנגענהייט־קוואַל דאָס עיקרדיקסטע, דאָס וועזנטלעכסטע, וואָס קאָן באַשיינפּערלעכער אויסמאָלן די סביבה, די סיטואַציעס, אין וועלכע עס איז געוואַקסן די יידישע יוגנט אין דער צייט

פון דער רעוואָלוציע, און שפּעטער — אין די יאָרן פון רעאַקציע אין רוסלאַנד און אין אויסלאַנד. ווי אַ רויטער פאָדעם ציען זיך איבערן ווערק די צוויי הויפּט־עלעמענטן אין טשאַרנין — טשאַרני דער חולה און טשאַרני דער דיכטער. פון אָט די צוויי הויפּט־שטריכן וואַקסט אויס בהדרגה דער כאַראַקטער און די געשטאַלט דניאל טשאַרני. דער פּאַרטיי־מאַן, דער געזעלשאַפטלעכער טוער איז ביי אים בלויז אַ טפל. איז זייער אינטערעסאַנט, ווי די אַ צוויי עיקר־עלעמענטן באַווירקן כסדר דעם לעבנס־גאַנג פון טשאַרנין. דורך זיי נעמט ער אויף די אַרומיקע וועלט, קומט אין קאָנטאַקט מיט מענטשן, פּאַסירונגען, געשעענישן. דאָקטוירים און שפּיטאָלן, שרייבער און רעדאַקציעס פאַרנעמען אין בוך אַ באַדייטיקן אָרט — דאָס איז די אייגנטלעכע וועלט, אין וועלכער ער דרייט זיך כסדר.

און נאָך אַ וויכטיקער שטריך — די משפּחהדיקייט. דאָס בוך עפנט זיך מיט אַ ווידמונג „מיינע ברידער — מיט דאַנק און ליבשאַפט", אינעם ערשטן בויגן איז אַריינגעקלעפּט דאָס בילד „ברכה טשאַרני — די מאַמע", און ביי די לעצטע זייטלעך איז דאָס בילד פון „דעם טאַטנס מצבה".

•

מיט פיל פּיעטעט מאָלט טשאַרני זיין מוטער, די משפּחהדיקע צוגעבונדנקייט פון די ברידער און שוועסטער. צו די וואונדערבאַרע מאַמעס אין דער יידישער ליטעראַטור האָט דניאל טשאַרני אַריינגעבראַכט נאָך אַ האַרציקע יידישע מאַמע, וואָס פאַרמאָגט די רירנדיקסטע אייגנשאַפטן. די אַלע בלעטלעך אין דעם ערשטן טייל דערמאָנען אונדז די האַרציקסטע בלעטלעך פון פרץ הירשביינס „מיינע קינדער־יאָרן". די זעלבע טיפע באַשיידנקייט, די זעלבע אָרעמקייט, אָבער סאַראַ אינערלעכע עשירות פון האַרציקייט, טרייקייט, און סאַראַ ציכטיקייט, וואָס איז גובר די אָרעמקייט, די חשבות! אָנשטאָט אַ שרייענדיקע, קבצנישע אָרעמקייט — אַ פאַרבאַהאַלטענע, אַ מיוחסדיקע. די ערשטע איז באַהאַנגען מיט שמאַטעס, טרייבט צו טאַרבע, די צווייטע — איז אַ שטאָלצע, אַ ווירדיקע. דניאל טשאַרני מאָלט די אָרעמקייט אין זייער שטוב אייגנאַרטיק, שטאַרק, אָבער באַנוצט קיינמאָל ניט קיין ביליקע פאַרבן און אויסדרוקן. און דער רושם איז דעריבער זייער אַ שטאַרקער. אינטערעסאַנט איז געגעבן דאָס שטעטל מיט די אַלע קליינשטעטלדיקע טיפּן — די מלמדים, רבנים, משוגעים, אָריגינאַלן. פון קליינשטעטל קומען מיר צוזאַמען מיטן יינגל טשאַרני צו די גרעסערע שטעטלעך, וואו עס הויבט זיך שוין אָן די

„פּאַרטיי־כראָניק". עס וויקלט זיך פונאַנדער די רעוואָלוציאָנערע, יידישע באַוועגונג, וואָס נעמט אָן אומעטום דעם ספּעציפיש־יידישלעכן כאַראַקטער. דאָס אַלץ ווערט דערציילט פון דניאל טשאַרנין לעבעדיק, בילדעריש. זיינע ברידער — ש. ניגער און ב. וולאַדעק — זענען געווען פון די אָנגעזעענע טוער אין ס"ס און אין „בונד", און דאָס האָט אים געגעבן אַ צוטריט אין „לפני ולפנים" פון די אַרבעטער־קרייזן. דער משפּחה־מאָטיוו איז אויך ווייטער דער גרונט־מאָטיוו ביי טשאַרנין. און אַזוי אויך דער דריטער טייל, וואו עס וואַקסט אויס די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור — אויך דאָ ווערט זי געגעבן אין דעם משפּחהדיקן כאַראַקטער. עס זענען געגעבן פּיל אינטערעסאַנטע שילדערונגען לכתחילה פון דעם „פּאַרטיי־ירידי" און שפּעטער — פון דער רעאַקציע־צייט, פון די ירידה־שטימונגען און פון דעם יאוש, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די יידישע פּאַרטיי־טוער. דאָ האָבן מיר קאַפּיטלען זייער וויכטיקע, וואָס כאַראַקטעריזירן טרעפלעך דעם געמיט־צושטאַנד אין דער יידישער וועלט ביי די אַרבעטער און ביי דער יידישער אינטעליגענץ. עס קומען שפּעטער שילדערונגען פון דער יידישער ליטעראַרישער ווילנע פון יענער צייט, עס טרעטן אויף פאַר אונדז שרייבער און פּאָליטישע טוער, וועלכע האָבן געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף דער יידישער ליטעראַטור אין יענער צייט און אין יאָרן שפּעטער. און נאָך ווילנע קומט דאָס יידישע ווין, וואָס איז געוואָרן אַן עיר־מקלט פאַר די ס"סישע טוער און די סיימיסטן. און פון ווין פירט דער וועג אין דער שווייץ, צו די סטודענטישע קרייזלעך, צו די בערנער און זשענעווער יידישע קאָלאָניעס, וואו עס האָט זיך געשמידט דער סאָציאַליסטישער און נאַציאָנאַלער יידישער גייסט און געדאַנק. אין דעם בוך זענען אויסער אַ ריי „עמך"־מענטשן, אַרבעטער, „אומבאַקאַנטע זעלנער" געגעבן אין פאַרשידענע סיטואַציעס און אין פאַרשידענע צייטן פּיל באַקאַנטע שריפטשטעלער און טוער.

•

זייער רירנדיק דערציילט דניאל טשאַרני וועגן זיין פריינדין סאָניע ליפּשיץ, אַ טשעקאַווער טיפּ פון אַ יידישע אַרבעטאָרין.
דאָס בוך לייענט זיך מיט אַ שטאַרקער פאַרינטערעסירונג.

ל. נ. מנחם / מיט מזל זאָלט איר לעבן

שטיל, אָן טאַראַראַם, אָן טומל לויכט די געשטאַלט פון דניאל טשאַרנין אין דער יידישער ליטעראַטור.

דאָס איז דער יינגסטער פון די באַרימטע דריי טשאַרני-ברידער, וועלכע האָבן יעדער, אויף זייער וועג, מיט פיל ליבע און איבער־געבנקייט זיך אָפגעגעבן דער יידישער ליטעראַטור און דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט: ב. וולאַדעק, ש. ניגער און ד. טשאַרני. דער לעצ־טער, דער איצטיקער בעל־יובל, צייכנט זיך אויס מיט זיין עלעגאַנץ און טיפן ערנסט. וואו נאָר עס באַוועגט זיך עפּעס אין דער יידישער אימ־פּעריע, הערט זיך דאָרט דאָס שטילע, אָנגענעמע, בכבודיק קול פון דניאל טשאַרנין. זיין ארבעט איז צעוואָרפן אין אַלע צייטונגען און זשורנאַלן, וואו נאָר יידיש ווערט געדרוקט.

עס איז אונדזער שאַנד, וואָס אין דער צייט, ויען טאָג־אַרטיקלען און גלאַט שרייבערייען ווערן אָפּגעהיט און איינגעבונדן אין בוך־טאָוולען, זענען די האַרציקע, מענטשלעכע ווערטער פון דניאל טשאַרנין צע־וואָרפן און צעשפּרייט אין צייטונגען און זשורנאַלן, וואו זיי גייען פאַר־לוירן. אָבער ניט דאָס בין איך איצט אויסן. איך וויל בלויז צוגעבן מיין וואונטש צום וואונטש פון די טויזנטער יידישע לייענער, צו לייענען דניאל טשאַרנים שאַפונגען פאַר לאַנגע, לאַנגע יאָרן. אין אונדזער צייט זענען פופציק יאָר דער אָפּשלוס פון יוגנט־פּעריאָד און איצט ערשט קאָן ער זיך מער אָריענטירן און אונדז מהנה זיין מיט די פרוכטן פון זיין זייער באַגאַבטן טאַלענט, אַן אָנגעזעענער און באַדייטיקער זייל אין דער אימפּעריע יידיש.

און מיטן גאַנצן האַרצן ווינטשן מיר ד. טשאַרנין: מיט מזל זאָלט איר לעבן! די יידישע ליטעראַטור דאַרף אייער ערנסטקייט, איבערגעבנ־קייט און באַגאַבטקייט.

וו. מער / אַ באַרעכטיקטער וואונטש

אין דער יידישער מעמואַרן־ליטעראַטור פֿאַר די לעצטע עטלעכע יאָר פֿאַרנעמט דער „באַרג אַרויף“ פֿון דניאל טשאַרנין — דעם מחבר פֿון די לידער־ביכער „לייכטע פֿערזן“ און „אונטערוועגס“ בלתי ספק דעם סאַמע אָריגינעלסטן פּלאַץ. שוין דער ערשטער טייל פֿון די מעמואַרן — די „משפּחה־כראָניק“ — וואָס איז דערשינען מיט אַ יאָר אַכט צוריק, האָט שוין געהאַט אָנגעזאָגט וועגן אַ ברייטן פֿאַרנעם פֿון אַ גייסטרייכן אינטעליגענטן דערציילער, וועלכער שמידט צו דעם לעזער ניט נאָר מיט דער פּאָבולע אַליין, נאָר אויך — און דאָס איז טאַקע דער עיקר — מיט דעם צוגאַנג צו איר.

די „משפּחה־כראָניק“ איז אַ דיכטערישע טראַנספּאָזיציע פֿון דניאל טשאַרנינס איבערלעבונגען אין די קינדער־יאָרן. דער הומאָר, מיט וועלכן דניאל טשאַרני דערציילט וועגן זיינע קינדער־יאָרן, איבער וועלכע ס'האָט שוין פֿון דעם ערשטן מאָמענט אָן געפּלאַטערט דער טויט. די זוניק־רואיקע אויסשטראַלונג, מיט וועלכער דניאל טשאַרני באַלויכט די סביבה זיינע און, ענדלעך, די אומטיטלבאַרקייט מיט וועלכער דניאל טשאַרני גיט איבער דעם לויף פֿון די געשעענישן — פֿאַרראַטן אונדז גלייך, אַז מיר האָבן דאָ צו טון ניט מיט אַ געוויינלעכן מעמואַריסטיק־ווערק, נאָר מיט אַ ווערק, וואָס לויט זיין גאַנצן מהות געהערט עס צו דער שיינער ליטעראַטור.

די סוביעקטיוויזאַציע פֿון דעם מעמואַריסטישן שטאָף, דאָס דורכזאַפּן אים מיט אַ שטילן ליריזם און דאָס באַטראַכטן די גאַנצע וועלט דורך די ברילן פֿון אַ פּאָעט — האָבן דניאל טשאַרנינס „משפּחה־כראָניק“ פֿאַרוואַנדלט אין אַ דורכויס קינסטלערישן ווערק.

דער זייער וואַרעמער אויפֿנעם פֿון דניאל טשאַרנינס „משפּחה־כראָניק“ האָבן אָנגערעגט דעם מחבר צו פּובליקירן און אַרויסצוגעבן אין אַ באַזונדערן בוך די וויטערדיקע צוויי טיילן פֿון זיין מעמואַרן־כראָניק — די „פּאַרטיי־כראָניק“ און „רייזע־כראָניק“ — אונטער דעם אַלגעמיינעם טיטל „באַרג אַרויף“, וואָס איז דערפֿירט געוואָרן ביז צו דעם אויסברוך פֿון דער וועלט־מלחמה.

דניאל טשאַרנינס „באַרג אַרויף“ איז אַן אויטאָביאָגראַפֿישער ראָמאַן, אַ

לירישע דערציילונג וועגן דער אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג פון דעם דיכ־טערס שעפערישן טאַלענט.
אין אַ מייסטערהאַפטער פּראָזע דערציילט אונדז טשאַרני וועגן זיין שטעטל, וועגן זיך, אַ קרענקלעך קינד, וואָס האַלט זיך שטענדיק אָן דער מאַמעס פאַרטעך, וועגן דער ס"פישער באַוועגונג אין אַמאָליקן רוסלאַנד (ווילנע, אגב, פאַרנעמט אין טשאַרנים מעמוּאַרן אַ סך אָרט) וועגן זיינע פּאָעטישע ערשטלינגען אאַז"וו.

•

פאַרביק און בילדעריש, גלייכצייטיק אָבער מיט אַ טיפן אַריינדרינגען שילדערט אונדז דניאל טשאַרני די ליטעראַרישע אַטמאָספער פון דעם אינטערעסאַנטן פעריאָד אין דער געשיכטע פון דער מאָדערנער יידישער קולטור, דעם וואוקס און פונאַנדערבלי פון דער יידישער ליטעראַטור און פון די געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען ביי יידן. פאַר דעם קומענדיקן היס־טאָריקער פון דער יידישער ליטעראַטור וועלן די באַשרייבונגען פון די באַגעגענישן מיט די שרייבער נאָמבערג, רייזען, שלום עליכם און אַנדערע האָבן אַ דאָקומענטאַרישן באַדייט.
דניאל טשאַרנים „באַרג אַרויף" לייענט זיך אין איין אָטעם. די מעמוּאַרן האַלטן דעם לעזער געשפּאַנט, ווי ס'וואָלט געווען אַ סענסאַציאָנעלער קרימינאַל־ראָמאַן. ערטערווייז אַמיזירן זיי מיט זייער אַנעקדאָטישקייט, ערטערווייז רייצן זיי און אָפטמאָל רירן זיי ביז טרערן. אין דער ליטעראַ־רישער פּראָדוקציע פון די לעצטע יאָרן פאַרנעמען דניאל טשאַרנים מע־מוּאַרן אַ וואָגיקע פּאָזיציע.

•

צום מחבר שטעלט אַרויס זיין לעזערשאַפט אַ באַרעכטיקטן וואונטש, אַז ער זאָל ניט צו לאַנג לאָזן וואַרטן אויף דעם המשך פון זיינע זכרונות, אויף דעם ווייטערדיקן גאַנג פון זיין פאַרביק לעבן, אויף זיינע ווייטער־דיקע וואַנדערונגען „באַרג אַרויף".

ש. ניגער און דניאל טשארני אין ווילנע 1904

ש. ניגער / אפשר איז אויך דאָס איבעריק?

דאָס, וואָס קלעמט ביי מיר אין האַרצן,
וועל איך קיינעם זאָגן:
שטילן, טיפן טרויער
דאַרף מען פאַר זיך טראָגן —

— — — — — — — — — — — — — — —

איך האָב עס אָפּגעשריבן פון אַ ביכל „לייכטע פערזן" (פאַרלאַג „קולטור", ריגע, 1925) פון דניאל טשאַרני. אין דעם זעלביקן ביכעלע שטייט:
כ'האָב די ליבעם און די ליבסטע
איינגעצווימט אין פערז און גראַמען,
ווייל די ליבע לאָזט זיך צוימען
ווען ס'פאַרגייען אירע פלאַמען —

— — — — — — — — — — — — — — —

און כ'האָב נאָך אַ סך אַנדערע „לייכטע" און געלייטערטע שורות געפונען אין די „לייכטע פערזן", אָבער דער מענטש, וואָס האָט זיי געלאָזט אַרויס־שטראַלן פון זיינע לײדן, איז מיר צו נאָענט, אַז איך זאָל קאָנען שרייבן וועגן זיי, ווי אַ שרייבער אָדער ווי אַ לעזער. און עס קאָן זיין, אַז אַט די עטלעכע ווערטער זענען אויך איבעריקע...

•

כ'וואָלט גערן געשריבן וועגן דניאל טשאַרנים „באַרג אַרויף", אָבער מיט וואָס בין איך זיכער, אַז פון משפּחה־כ ר אַ נ י ק וועט ניט ווערן משפּחה־ק ר י ט י ק?

ד״ר מ. סודארסקי / דער דיכטער און כלל־טוער

אין זיין פיינעם עסיי, געווידמעט דעם פופציק־יאריקן יובילייַ פון באַוואוסטן, יידישן קינסטלער מאַרק שאַגאַל, אַנטפּלעקט אונדז פריינד טשאַרני צוזאַמען מיט שאַגאַלס יובילייַ, אויך דעם סוד, אַז דאָס יאָר 1887 איז געווען אַ זייער מזלדיק יאָר פאַר דער יידישער ליטעראַטור און קונסט. עס איז געווען ממש אַ גערעטעניש אויף ליטעראַרישע און קינסטלערישע טאַלענטן ביי אונדז און ד. טשאַרני רעכנט אויס אַ גאַנצע רשימה פון יידישע שרייבער, דיכטער, קינסטלער און קולטור־טוער, וואָס זענען געבוירן געוואָרן אין דעם יאָר.

מיר וואָלטן געוויינלעך באַדאַרפט און אויך געקאָנט מיט רעכט פייערן זייער יובל, ווייל יעדער פון זיי האָט אַריינגעטראָגן אין אונדזער קולטור זיין אייגנאַרטיקס, האָט באַרייכערט מיט זיין יצירה אונדזער ליטעראַטור און קונסט, וועלכע זענען אַ דאַנק די געשאַפענע פון זיי אַלעמען גייסטיקע אוצרות שטאַרק אויסגעוואַקסן און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאַרשידנפאַרביקן, בליענדיקן גאָרטן, וואָס האָט אָנגעהויבן צו טראָגן בשפע צייטיקע און זאַפטיקע פרוכט.

עס איז באמת איינגעטרעטן די תקופה פון בליצייט אין אונדזער ליטעראַטור און קונסט, דורך וועלכער עס האָט זיך אַנטפּלעקט אין זיין גאַנצן שיין דאָס אינדיווידועלע פנים פון אונדזער פאָלק. פון דעם נייעם מין העלד פון אונדזער ניי־צייט מיט אַלע זיינע ווייעניש און נשמה־איבערלעבענישן.

די אַלע רעפּרעזענטאַנטן פון דער גלענצנדיקער תקופה האָבן אויפגעהויבן אונדזער ליטעראַטור און קונסט אויף אַ גאָר הויכער מדרגה און האָבן געשאַפן אַרום זיך אַ גרויסע מחנה ווירדיקע תלמידים, אָנהייבער, יונגע טאַלענטן, פון וועלכע אייניקע שטייען שוין איצט ניט אַפּ פון זייערע פאָרגייער. זיי אַלע האָבן זיבער פאַרדינט, אַז דאָס פאָלק וועמען זיי האָבן געדינט אַ לעבן לאַנג מיט זייער פען, נשמה און האַרץ — זאָל אויף אַ וועלכן ס׳איז אופן פאַרצייכענען זייערע יובילייען.

צו דער פלעיאַדע יובילאַרן געהערט אויך דער אַלעמען גוט־באַקאַנטער און ליבער שרייבער און דיכטער דניאל טשאַרני. אין זיין גרויסער באַשיידנקייט אָבער האָט ער, אַפּנים, פאַרגעסן אויך זיך אַריינצושטעלן אין דער אויסגערעכנטער רשימה שריפטשטעלער־יובילאַרן. ער, גלייך ווי

די איבעריקע זיינע קאָלעגן, האָט געהאַט דאָס גליק געבוירן צו ווערן אין דעם מזלדיקן יאָר 1887, און סוכות צייט איז געוואָרן פופציק יאָר, זינט ד. טשאַרני האָט דערבליקט די ליכטיקע וועלט, און 30 יאָר, זינט ער האָט אָנגעהויבן צו שאַפן אויף דעם פאַרצווייגטן געביט פון דער יידישער דיכטונג און ליטעראַטור און אויף דעם ברייטן פעלד פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט.

און דערמיט איז ד. טשאַרנים יובילעי נאָך מער אָנגעלייגט ביי אונדז — ער איז מער ווי שריפטשטעלער און דיכטער, כאָטש ער פאַרנעמט אין אונדזער ליטעראַטור מיט זיין פיין געשליפענעם עסיי, מיט זיין הומאָרפולער דערציילונג, מיט זיין געטאַקטן סטיל פון זיינע קורצע קינסטלערישע פערזן און אומגעהויער אינטערעסאַנטע מעמואַרן, איינעם פון די בכבודיקסטע ערטער. טשאַרני זוכט זיינע אידייען, וועלכע ער פורעמט אויס ביים שרייבטיש גלייך צו פאַרווירקלעכן אין לעבן, באַקליידן זיי אין לבוש פון טאַט. און מיר זעען אים טאַקע שוין גאָר אין די יונגע יאָרן ווי אַן אַקטיוון טוער אין „אָפּע", „יעקאַפּאַ", „אָרט", „אָזע", „היצעם", וכדומה. אומעטום טראָגט ער אַריין זיין איבערגעבנקייט פאַר דער זאַך, זיין גאַנצן ברען און אימפּעט, ווייל אין יעדער טאַט זיינער זעט ער פאַרווירקלעכט אַ טייל פון זיין שליחות, וואָס ער טראָגט אויף זיך אין דער וועלט און דעריבער שטראַלט פון אים מיט אַן אומבאַגרענעצטן אָפּטימיזם, וואָס טיילט אים אָזוי אויס פון דעם גאַנצן אַרום.

און נאָך אַ שליחות האָט גענומען אויף זיך פריינד טשאַרני, וועלכע ער פילט אויס בלב ונפש. — ער איז געוואָרן דער פאַרמיטלער, דער פאַרבינדער צווישן אַלע אונדזערע קולטור־ישובים, דער „אַמבאַסאַדאָר", ווי מען האָט אים אָנגערופן, פון אונדזער „יידיש־לאַנד". עס איז ניטאָ כמעט קיין איין יידישער קיבוץ, קיין איין פּען־מענטש, וועלכער זאָל ניט שטיין אין אַ ברייוולעכן אָדער פּערזענלעכן קאָנטאַקט מיט ד. טשאַרנין. פון זיין „וואַנדערנדיקן שרייבטיש" דערוויסן מיר זיך וועגן נייע יידישע אויסגאַבעס, אין די פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך פון דער יידישער צעשפּרייטקייט. פון זיין „שרייבטיש" ווערן מיר געוואויר וועגן דעם קאָלאָסאַלן וואוקס פון דער יידישער ליטעראַטור און יונגער דיכטונג. אַלע פעדעם ציען זיך פון טשאַרנים באַרימט־געוואָרענעם שרייבטיש און אַלע הערצער פון אונדזערע יונגע דיכטער שטרעבן צו טשאַרנין.

געבוירן אין דעם מאָמענט, ווען זיין פאָטער האָט אויסגעהויכט זיין נשמה אין דער אייביקייט האָט טשאַרני אין זיך איינגעזאַפּט די פלאַמיקע ליבע פון זיין איבערגעבענער מוטער און די פאָטערלעכע וואַכזאַמקייט פון זיינע געטרייע, עלטערע ברידער ש. ניגער און ב. וולאַדעק. מיט דעם

געפיל פון פּאַטערלעכקייט באַגייסטערט ער און באַפליגלט די יונגע יידי־שע דיכטער און אָנהייבער — און ניט איינעם פון זיי האָט ער געראַטע־וועט פון פּאַקטישן און גייסטיקן „זעלבסטמאָרד" און אַרויסגעפירט אויף דעם ברייטן שליאַך פון אונדזער ליטעראַטור.
ד. טשאַרני איז דער פּאַטער און צוגלייך חבר פון אונדזערע יונגע יידישע טאַלענטן, אַ דערציער פון אַ נייעם, יונגן דור, אָנהייבער־שרייבערס און זיין יובילײ וועט געוויס אַרויסרופן ביי זיי אַלע און אַלע זיינע פריינד און חברים פון אומעטום, אַוואו דער פּולס פון יידישן קולטור־לעבן קלאַפּט מיט זיין פולער קראַפט, די וואַרעמסטע געפילן און געפינען דעם געהע־ריקן אָפּקלאַנג.

•

און ס'איז עפּעס ווי סימבאָליש, וואָס דניאל טשאַרנים יובילײ פאַלט צונויף גראָד מיט דער דערעפענונג פון דעם יידישן קולטור־קאָנגרעס אין פּאַריז, אַוואו טשאַרני לעבט און שאַפט לעצטנס.
טשאַרני איז טיילווייז יאָרנלאַנג געווען דער פּאַרקערפּערער פון דער אידייע פון יידישן קולטור־קאָנגרעס און דערמיט איז ער איינער פון זיי־נע פּאָרגייער.

•

דער יונגער אימפּעטפולער טשאַרני איז שוין פופציק יאָר אַלט געוואָרן און האָט שוין הינטער זיך דרייסיק יאָר פון ליטעראַרישן שאַפן און געזעל־שאַפטלעכער טעטיקייט.
אָבער ער איז נאָך ניט מיד. פול מיט ענערגיע און שאַפונגס־דראַנג גייט ער דרייסט און מיט זיכערע טריט אויף זיין וועג פון ליטעראַרישן שאַפן און קולטור־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט אַלץ באַרג אַרויף.
לאָמיר אים ווינטשן נאָך פיל לאַנגע יאָר צו שפּרייזן אַזוי ווייטער באַרג־אַרויף און דערגרייכן די געוואונטשענע הויך, פון וועלכער ער זאָל נאָך מיט מער זיכערקייט און געוויסהייט זיך קענען רואיק זאָגן, אַראָפּקוקנדיק אויף זיין אָפּגעגאַנגענעם וועג: ניט אומזיסט איז געווען מיין אַרבעט לטובת מיין פּאָלק און די בעסטע און ערלעכסטע אידעאַלן פון דער מענטש־הייט, וועלכע איך האָב טריי געדינט מיט מיין פּען און טאַט.
פריינד און חבר דניאל טשאַרנין — אַ האַרציקן מזל־טוב.

י. סיגעל / נאָך מער ווי אַן אויטאָביאָגראַפיע

דניאל טשאַרני האָט אָנגעשריבן אַ בוך מיטן נאָמען „באַרג אַרויף“, וואָס איז לויט מיין מיינונג, אַ נייע זאַך אין דער יידישער ליטעראַטור. די נייקייט באַשטייט אין דעם, וואָס דאָס איז ניט קיין געוויינלעכער בוך און באַהאַנדלט ניט קיין געוויינלעכע טעמע. דער שרייבער גיט אונדז אַ בילד פון אַ פערטל יאָרהונדערט שטורעמדיקן און אינטערעסאַנטן לעבן. ער באַהאַנדלט די תקופה פון שטורעם און דראַנג, פון רעוואָלוציאָנערן אויפבראָז און פון מפלהס, דאָס אַליין וואָלט שוין זיין אינטערעסאַנט, אָבער אין דעם פאַל איז פאַראַן נאָך וויכטיקערעס און אינטערעסאַנטע־רעס. דער שרייבער מיינט ניט אונדז צו געבן אַ בילד פון יענער רעוואָ־לוציאָנערער עפּאָכע. דאָס קומט ביי אים אַרויס ממילא.

טשאַרני שילדערט אין דעם בוך זיין אייגן לעבן און דאָס לעבן פון זיין משפחה און פון דער גאַנצער אַרומיקער סביבה. ער האָט הויפּטזאַכלעך אין זינען געהאַט צו דערציילן אונדז די געשיכטע פון זיין לעבן. אָבער אַרויסגעקומען איז מער ווי אַן אויטאָביאָגראַפיע אָדער אַ משפחה־כראָ־ניק; עס איז אַרויסגעקומען אַ פולשטענדיק און העכסט־געלונגן ווערק, וואָס וועט פאַרנעמען אַן אויבן אָן אין דער יידישער ליטעראַטור. אַזעלכע ווערק זענען ניט בלויז אין דער יידישער ליטעראַטור נאָר אין דער וועלט־ליטעראַטור אַ זעלטנהייט.

טשאַרני דערציילט אונדז מיט אַלע איינצלהייטן וועגן וואוקס און אַנט־וויקלונג פון דעם „בונד“, ס״ס און די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען פון יענער צייט, אַזוי גוט ווי דעם צושטאַנד פון דעם יידישן שטעטל, די פרומקייט, די אָפּגעלאָזנקייט, די אָרעמקייט, די צעבראָכנקייט און די האָפענונגסלאָזיקייט. דאָס אַלץ ווערט ביי אים געשילדערט אין קלאָרע און אין העלע פאַרבן. זיין שפּראַך איז איינפאַך, זיינע זאַצן קורץ און שאַרף, און די געדאַנקען קלאָר און דייטלעך. ער פאַרנעמט זיך ניט מיט קיין טיפע אָפּהאַנדלונגען פון שווערע פּראָבלעמען. ער גיט אונדז אַ בילד נאָך אַ בילד פון פאַסירונגען, פון קאַמף, פון אויפשטאַנד, פון רע־וואָלוציאָנערע דרייסטקייט, און פון איינצלנע העלדן־טאַטן און אויפ־טואונגען. ביים לייענען דעם בוך דוכט זיך אייך, אַז איר לעבט דאָס אַליין אַלץ איבער, אַז וואָס ער שרייבט איז גילטיק ניט בלויז פאַר זיין שטעטל, נאָר פאַר אַלע שטעטלעך פון דעם געוועזענעם צאַרישן רוסלאַנד פון וואַ־

נען מיר קומען. יעדער מענטש לעבט פאַר אייערע אויגן. ער שרייבט ניט פון קיין אויסגעטראַכטע טיפּן, ער שרייבט וועגן מענטשן, וואָס האָבן געלעבט און געווירקט און געשפּילט אַ ראָלע אין יענער צייט. אַ רייע גרויסע פיגורן וואַקסן אויס פאַר אונדזערע אויגן, צווישן זיי, זיינע צוויי ברידער, ניגער און וולאַדעק, מען טאָר אָבער ניט מיינען, אַז ער שטעלט זיך אָפּ בלויז וועגן זיי. אמת, ער שרייבט וועגן זיי מער ווי וועגן אַנדערע, אָבער איר פילט, אַז דאָס איז ניט איבערגעטריבן, ווייל ער גיט אונדז אַן אויסגעצייכנטן באַגריף ווי אַזוי די צוויי ברידער זענען פון גרויס אָרעמקייט, אָן אַ טאַטן, נאָר מיט דער צערטלעכקייט פון זייער זעלטע־נער מוטער, אויסגעוואַקסן צו פאַרנעמען אַזעלכע וויכטיקע ערטער אין דעם יידישן, סאָציאַליסטישן, געזעלשאַפטלעכן און שריפטשטעלערישן לעבן. איך האַלט, אַז נאָכדעם ווי מען לייענט איבער וועגן זייער קינדהייט און דערציאונג, קאָן מען זיי ריכטיק אָפּשאַצן און פאַרשטיין. ווי גע־זאָגט, זענען זיי אָבער ניט די איינציקע שטייגנדיקע פיגורן אין דעם בוך. עס דערשיינען פאַר אונדז אַלע וויכטיקע פירער פון דער ס"ס־באַוועגונג און פון „בונד" און אויך די איינפאַכע, מאַסאָווע מענטשן, פון וועלכע מאַנכע האָבן זיך דערהויבן צו דער שטופע פון העלדישקייט.

איינע פון די שטאַרקסטע ווירקונגען, וואָס דאָס בוך האָט געמאַכט אויף מיר, איז, וואָס אונדזער העלד, דניאל טשאַרני, באַקלאָגט זיך ניט אויף זיין צרהדיקן געזונט. ער רעדט וועגן דעם אָביעקטיוו און אָפט מאַכט עס אויף אייך דעם איינדרוק ווי ער וואָלט דערציילט וועגן אַן אַנדערנס קראַנקייט און ניט וועגן זיינע. און צו דעם אַלעם פאַרמאָגט ער אַ גע־זונטן הומאָר און אין די טראַגישסטע מאָמענטן קאָן ער זיך דערלויבן אַ לאַך אָדער אַ שטיף צו טון. דאָס אַליין איז שוין אַ גרויסע זעלטנהייט. דאָס מעמוארן־בוך „באַרג אַרויף" איז דערווייל אַן אָנהויב. דאָס ווערק וועט בלייבן אומפאַרענדיקט, אויב ער וועט ניט פאָרזעצן זיינע איבער־לעבונגען און פאַסירונגען זינט דער וועלט־מלחמה ביז צו דער איצטיקער צייט. דאָס מאַטעריאַל דאַרף זיין ניט ווייניקער אינטערעסאַנט און שפּאַ־נענדיק ווי דאָס מאַטעריאַל, וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט און עס איז אונדז אַזוי שיין און איינדרוקספול איבערגעגעבן אין דעם דערמאָנטן בוך. די, וואָס ווילן גענויער זיין באַקאַנט מיט יענער עפּאָכע פון די ערשטע רוסי־שע רעוואָלוציע ביז דער וועלט־מלחמה, וועלן מוזן אָנקומען צו „באַרג אַרויף". דאָס וועט זיי העלפן בעסער צו פאַרשטיין די מענטשן און די פּאַ־סירונגען פון יענער צייט.

צעציליע סלאָפּאַק / דער שמייכלענדיקער וואַנדערער

דניאל טשאַרני פאַרמאָגט אין זיך עפּעס אַזוינס, וואָס רירט און דערהויבט. אין זיין געזעלשאַפט פאַרגעסט מען אין דער זייער טרויעריקער ווירקלעכקייט און מען ווערט דערהויבן ביז צו די איידלסטע, מענטשלעכע שפּירונגען.

דער „עפּעס", וואָס טשאַרני פאַרמאָגט — איז געווים דער אייביקער שמייכל זיינער. זיין שמייכל באַטראַכט די וועלט, וואָס רינגלט אים אַרום, זיין שמייכל באַנשמהט אַלע ווערק זיינע. אין טשאַרנים שמייכל זענען פאַראַן אַלע שאַטירונגען פון אומרו און טרויער, פון בענקשאַפט און איראָניע, פון שאַפונגס-פרייד און לעבנס-לוסט, אָבער אין אַלע פאַלן שפּירט מען זיין גרויסע ליבע און פריינדלעכקייט צום מענטשן.

צווישן די יידישע שרייבער — און אפשר ניט נאָר צווישן די יידישע שרייבער אַליין — זענען פאַראַן זייער ווינציק אַזעלכע שאַפערישע נאַטורן, ביי וועמען דאָס שאַפערישע און דאָס מענטשלעכע זאָלן זיך צונויפגיסן אין אַזאַ פולער האַרמאָניע, ווי ביי טשאַרנין. אָט דער ספּעציפישער שטריך פון זיין אינדיווידואַליטעט האָט, זיכער, געלייגט אַ בולטן חותם אויף זיין גאַנצן שאַפן און ער האָט אָן שום ספק דעצידירט וועגן טשאַרנים ניט־דורכשניטלעכן אָרט אין דער ליטעראַרישער וועלט.

דעם וועג פון זיין שאַפערישער עוואָלוציע האָט טשאַרני אָנגעהויבן מיט פּאָעזיע. די ליריק איז געווען פאַר זיין דורכויס-ראָמאַנטישער און טרוימערישער נאַטור די נאָענטסטע פאָרעם. דורך דער ליריק האָט טשאַרני געקענט צום סובטעלסטן אויסזינגען זיין נשמה, וואָס ווערט געפּייניקט דורכן פייער פון ניט-געשטילטער בענקשאַפט.

אָבער ווי נאָר טשאַרנים שפּירונגען און אָבסערוואַציעס האָבן זיך אָנגעהויבן אויסברייטערן און טיפער ווערן — איז אים די ליריק געוואָרן צו ענג. האָט ער זיך אָנגעהויבן באַנוצן אויך מיט דער פּראָזע. אָבער אויך די פּראָזע זיינע איז געזונג ריטמיש און דיכטעריש, ווייל ער האָט אין דעם רעאַליסטישן פּראָזע-געוועב אַריינגעשנירלט זיין פאַנטאַזיע-שוואונג, וואָס איז פול מיט סודות און רמזים.

ס'איז געווים ניט צופעליק, וואָס טשאַרנים ערשטע פּראָזע-ווערק זענען געווען מעשהלעך פאַר קינדער. שפּעטער אַביסל האָט ער אָנגעהויבן שעפּן זיין טעמאַטיק פון די אייגענע זכרונות-קוואַלן, וועלכע שפּרודלען

אויך מיט אַ פֿאַנטאַסטיש־אויסזעענדיקערווירקלעכקייט ווי די מעשהלעך פֿון טויזנט און איין נאַכט.

טשאַרנים פּראָזע איז זאַפטיק, קערנדיק, פֿאַרביק, וויברירט מיט דעם ריטם פֿון ניט־געפּעלשטן לעבן.

אין דעם ערשטן טייל פֿון זיינע זכרונות לעבט טשאַרני אויף די וויזיע פֿון זיין געבוירן־שטעטל אין ווייס־רוסלאַנד. מיט איידעלן סענטימענט און מיטגעפֿיל באַלעבט טשאַרני די גרויע און שווערע ווירקלעכקייט, וואָס איז אָנגעגאָסן מיט טראַגישער האָפֿענונגסלאָזיקייט און מעלאַנכאָליע. מיט אַ ברייטן פֿאַרשטענדנישפֿולן שמייכל קוקט ער דורך דער פּערספּעקטיוו פֿון דער צייט אויף די מענטשן און דער סביבה, אין וועלכער ס'איז פֿאַרביי זיין אָנזונגיקע קינדהייט.

טשאַרני איז פֿאַרליבט אין די פּשוטע, אומבאַהאָלפֿענע און אָפּטמאָל אפֿילו — קאָמישע מענטשן. די דאָזיקע פֿאָלקס־מענטשן זענען אים נאָענט און טייער. אפֿשר טאַקע דערפֿאַר, ווייל זיי זענען שרעקלעך אומבאַהאָלפֿן, טרויעריק און פֿאַרגליווערט־פּאַסיוו. טשאַרני איז דאָך שטענדיק אויף דער זייט פֿון די שוואַכע און באַעוולטע. ער גייט שטענ־דיק אַהין, וואו ער גלייבט, אַז ער וועט קאָנען העלפֿן און אויפֿמונטערן.

בכלל איז טשאַרני שטענדיק אונטערוועגס. פֿון דער פֿריסטער יוגנט אָן איז טשאַרני געוואָרן אַ וואַנדערער, אַ וואָגלער.

דער נע ונד־גורל זיינער האָט געוואָלט, אַז גראָד ערב דער וועלט־מלחמה זאָל זיך טשאַרני אומקערן פֿון אויסלאַנד קיין רוסלאַנד, וואו ער האָט דורכגעמאַכט די מלחמה־יאָרן און דיביידע רעוואָלוציעס אין רוס־לאַנד. אין 1924סטן יאָר וואַנדערט ער ווידער אוים קיין אויסלאַנד און ס'הויבט זיך אָן פֿאַר אים אַ נייער וואַנדער־לעבן. בערלין, פּאַריז, ריגע, ווילנע, וואַרשע און ווידער אַמאָל — פּאַריז. אָבער אומעטום, וואוהין ער זאָל ניט קומען און פֿון וואַנען ער זאָל ניט אַוועקגיין — באַגריסט ער זיך מיט אַ שמייכל און ער זעגנט זיך מיט אַ שמייכל. ער זעט אוים, ווי די היימלאָזיקייט זיינע וואָלט געוואָרן זיין היים... ווער ווייסט, אפֿשר טאַקע איז אין אָט דעם וואַנדער־גורל זיינעם פֿאַרשטעקט טשאַרנים גרויסע דיכטערישע לעבנס־מיסיע?

אַלע יידישע סביבות אין גאָר דער וועלט נויטיקן זיך אין דער לויטער־קייט פֿון טשאַרנים דיכטעריש־פֿילאָסאָפֿישן שמייכל, וואָס טרייסט און דערוואַרעמט, וואָס מונטערט אויף און דערמוטיקט און וואָס דערנענט מענטשלעכע הערצער פֿון גאַנץ־פֿאַרשידענע שיכטן און קרייזן.

זאָל ער לאַנג לעבן, אָט דער שמייכלענדיקער נע ונדניק אונדזערער!

גרשון פּאָמעראַנץ / אַ ספר צום לייענען און לערנען

אין געצײלטע עטלעכע שורות האָט וולאַדעק, פאַר דער גאַנצער ייִדישער וועלט, געגעבן אַ גרויס בילד פון דעם ייִדישן שרײַבער — דניאל טשאַרני. ב. וולאַדעק האָט דעם ייִדיש־לייענער איבערגעענטפערט דעם שליסל:

— נאָט, עפנט און ווייסט ווען איר וועט דאָרטן טרעפן. קיין שום קריטיקער וואָלט אַזוי אַמתדיק ניט געקאָנט פאַרשטעלן דניאל טשאַרנין, ווי ס'האָט געטון ב. וולאַדעק אין „די צוקונפט", ניו־יאָרק, אָקטאָבער 1937. איצט, האָבנדיק שוין דעם שליסל צו דער אינטימער דניאל טשאַרני־וועלט — קאָן פאַר אונדז אָפענער זײַן דער גאַנצער דניאל טשאַרני־וועג אין דער ייִדישער ליטעראַטור. ס'ווערט פאַר אונדז קלאָר דער „לייכטער פערז" פון טשאַרנים אָנהייב אין דער וועלט פונעם ייִדישן ליד. ס'ווערט פאַר אונדז פאַרשטענדלעך זײַן „אונטערוועגס", וואו אין עטלעכע לידער לעבט פאַר אונדז דניאל טשאַרני אויף אַ וועלט, אַ גאַנצע און ער ווערט אונדז נאָך נאָענטער:

און כ'ליב אַזוי די בעטן, די נע ונדנע בעטן,
סע שמעקט פון זיי מיט ליבע, צאָנווייטאָג און זאָרגן.
און זאָל זיך אויך מײַן האַרץ, מײַן וואַנדער־האַרץ פאַרקנעטן
מיט אָט די אַלע ווענס פון נעכטן און פון מאָרגן.

בשעת מיר ווייסן, אַז: „באַרעמהאַרציקע שוועסטערן האָבן הונדערטער מײַלן גאַזע פאַרברויכט צו באַנדאַזשירן זײַנע וואונדן" — ווייסן מיר איצטער אָפּצושאַצן און זיך צו וואונדערן אויפן ליכטיקן שמייכל, וואָס רוט אויף אַלץ, וואָס דניאל טשאַרני האָט ביז איצט געבויט אין דער ייִדישער ליטעראַטור. מיר פאַררייסן אונדזערע קעפּ צו דעם „באַרג אַרויף" פון טשאַרנים וועלט און מיר הייבן די אַקסלען: וואָס פאַר אַ גבורה עס האָט דער דאָזיקער מענטש, ווײַבאַלד ער האָט געקענט מיט אַזעלכע שוואַכע, פיזישע כוחות אָט אַזוי אַ גיי טון!

דניאל טשאַרני גייט אין אונדזער ייִדישן לעבן שוין גאָר ניט ווי קיין חלוש. אדרבא, לאָמיר עפענען זײַנע ספרים, לאָמיר לייענען! אומעטום איז דניאל טשאַרני אַ ת ו ש ב. צווישן פּאָעטן איז ער אַן אייגענער. אמת, ער אַליין האָט ניט קיין סך לידער געשריבן. אָבער די לידער זײַנע, וואָס ער האָט ביז איצט פּובליקירט פאַרמאָגן אין זיך אַלע עלעמענטן פון פּאָעטיש־

קייט. ניט נאָר „פּערזאָן" און „גראַמען" זענען דניאל טשאַרנים לידער! „יע־דערע פון זיי איז ענלעך צו דער מאַמען" און מיר פילן אין דניאל טשאַרנים ליד, אַז אַ אָ ר ע נ ט ל ע כ ע האַנט האָט זיי געשריבן. אַ מ ע נ ט ש האָט די לידער ג ע ל ע ב ט. אין די פּראַגעס זיינע:

זאָל איך שווייגן — ווער וועט דען מיין שטומען צער דערשפּירן?
זאָל איך שרייען — ווער וועט דען מיין וויגעשריי דערהערן?

דערהערן מיר די פּראַגעס פון א ו נ ד ז ע ר ד ו ר, וואָס האָט דניאל טשאַרנין אַזויפיל מאָל געשטעלט צו נסיונות, און ניט איינמאָל אים גע־וואָלט פאַרפירן אויף די וועגן פון יאוש.

טשאַרני אָבער לאָזט זיך פון דעם יאוש קיינמאָל ניט פאַרפירן.

אויפן שוועל פון זיין איין און פופציקסטן יאָר ענטפערט ער אַזוי מונטער און גבורהדיק זיין אייגן לעבן:

פופציק יאָר מיינע, ווי פופציק הויכע לייטערס
הויבן מיך נאָך העכער פון מיין אייגן לעבן! —
וועל איך היינט ניט זאָגן קיין יזכור נאָך די טויטע,
וועל איך בעסער זאָגן: — מיט מזל זאָלט איר לעבן!

אַט דעם באַוואוסטזיין פון טשאַרנים „פופציק יאָר מיינע", די רייפקייט צו קאָנען אַריינקוקן אין פּנים פון אַ ז ע ל כ ע פופציק יאָר און זיי דערזען, ווי „פופציק נסים", אַט די אויפגעלויטערטע קלוגשאַפט רעדט צו אונדז אַרויס פון דעם דניאל טשאַרני־ספר: „באַרג אַרויף".

אין זיין „באַרג אַרויף" האָט זיך דניאל טשאַרני צוגעקריגן צו די סאַמע קוואַלן פון דעם יידישן פאָלקס־לעבן. ער האָט דורך ז י ך, דורך זיינע עלטערן, שוועסטער, ברידער, קרובים און אַ גאַנצע הברותא אייגענע און פרעמדע, וואָס האָבן געלעבט אין זיין סביבה — געגעבן אַ קולטור־היסטאָריש בילד פון אַזאַ גרויסער עפּאָכע אין דעם יידישן לעבן. ווען אפילו מיר וואָלטן נאָר דערזען, פון וואַנען עס נעמט זיך דער חוט המשולש, ווי שמואל ניגער, ברוך וולאַדעק און דניאל טשאַרני — וואָלט פאַר דער קולטור־געשיכטע פון אונדזער פאָלק „באַרג אַרויף" געווען אַ גרויס בוך. ווען מיר זאָלן אָבער חוץ דעם, נאָך צורעכענען, אַז אין „באַרג אַרויף" האָבן מיר אויך נאָך אַ גרויסן בלאַט קולטור־געשיכטע פון אַ באַשטימטער צייט און ניט טאָקע פון סתם אַ צייט, נאָר פון אַן עפּאָכע, וואָס האָט צוגעפירט דאָס יידיש לעבן צו נייע אָנהויבן און מיר געפינען אויך די געשיכטע פון אַ גאָר גרויסע צאָל מענטשן, וואָס יעדערער פון זיי האָט אויף זיין באַזונדערן שטייגער געבויט דעם יידישן און אַלגעמיינעם לעבן

פון אונדזער תקופה — וואָקסט אויס דער „באַרג אַרויף“ אין אַ גאָר וויכטיקן קולטור־דאָקומענט. אויך דער סטיל פון בוך און דער גאַנצער אופן, ווי אַזוי טשאַרני בויט זיינע „כראָניקעס“ ווערט אונדז אַזוי נאָענט און אינטים, אַז ס'ווילט זיך דעם דאָזיקן ספר לייענען און לערנען אָן אַן אויפהער. פון יעדן בלאַט זיינעם אָטעמט מענטש און קינסטלער.

•

ס'וואָלט געווען ניט מער, ווי רעכט צו דערמאָנען ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט דניאל טשאַרנים „האַלטן דעם דופק פון דער יידישער ליטע־ראַטור“. דוכט זיך, ניטאָ אַזאַ שרייבער אָדער אַ בוך אין יידישלאַנד — אַז דניאל טשאַרני זאָל זיך וועגן דעם ניט אָפּרופן. דאָ האָט דניאל טשאַרני אַ גרויסן קאָנקורענט — זיין עלטערן ברודער — שמואל ניגער. ניט איין מאָל דוכט זיך, אַז דער גורל האָט אַזוי געפירט: דאָס, וואָס דער עלטערער ברודער איז אַזוי שטאַרק פאַרנומען מיט דער גאַנ־צער יידישער לעטעראַטור און עס פעלט אים צייט פאַר אַלעמען — איז ממלא דניאל טשאַרני...
האַלט טאַקע דניאל טשאַרני דעם דופק פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַלע לענדער און זיינע „ליטעראַרישע עקסקורסיעס“ זענען ניט פון קיין קלענערן ווערט, ווי זיינע אַנדערע אַרבעטן. דניאל טשאַרני מאַכט וואַ־רעמער, היימישער, פאַרבינדט יידישע שרייבער און ווערק און ער בענטשט אונדזער גרויסע שרייבער־משפחה אין איר עלנטקייט.
יאָ, דניאל טשאַרני האָט זיך אַריינגעטון אין דער יידישער ליטעראַטור מיט לייב און לעבן. ס'איז גוט, וואָס אין אונדזערע טעג ווייסן מיר, אַז אויף דער וועלט איז פאַראַן אַזאַ מ ע נ ט ש און אין אונדזער שריי־בער־משפחה — אַ ז אַ נ אָ ע נ ט ע ר!

•

אונדזער לעבן איז צעשלאָגן. פון אומעטום יאָגט אַזאַ וויסטקייט. ניטאָ וואו זיך אַהינצוטון. אַלטע און נייע לוחות ליגן צעבראָכן און דאָס היי־ליקסטע פון אונדזער דור — ד ע ר נ יי ע ר מ ע נ ט ש האָט זיינע הענט פאַרבלוטיקט אין זיין ברודערס בלוט און פון אַלע זייטן בלאָזט מיט רציחה און שגעון — איז וואו זאָל מען זיך באַהאַלטן, אויב ניט אין דעם ספר? דאָרט זוכן מיר טרייסט, דאָרט זוכן מיר זיך!
איז גוט, וואָס צווישן אַלע ספרים געפינען זיך אויך די ספרים פון דניאל טשאַרני.
מען געפינט אין זיי טרייסט, מען געפינט אין זיי זיך!

א. מ. פוקס / א מעשה בגימל אחים

זיין אין פּאַריז און ניט זען דניאל טשאַרנין?

ביי אַלע מניעות און שוועריקייטן — וואָלט דאָס געווען אַ זייער ניט גלייכע זאַך.

דאָס אינערלעכע, גייסטיקע ציט צו אים און ס'גיט ניט קיין מנוחה ביז וואַנען מען באַגעגנט זיך מיט אים פּנים אל פּנים.

מען מוז אַרויספאָרן צו אים מחוץ לעיר. עס איז געווען אַ היים־שטוי־ביקער זומער־טאָג, וואָס האָט געשמעקט מיט צעפייערטן זאַמד און צעקאָכטער סמאָלע. עס זעט אָבער אויס, ווי אַ סימבאָל, וואָס ווי נאָר מען קומט אָן צו אים — דערשפּירט מען זיך, ווי אין גן־עדן. אין אַ גרינעם, פרישן וואַלד — אַ קליין הייזקעלע צווישן בלומען און ביימער, דאָס איז זיין זומער־פּלאַץ.

ווי תמיד איז דניאל טשאַרני עפּעס „ניט מיט אַלעמען". מען טרעפט אים האַלב־אַנגעלענט, ווי אויף אַ הסיבה־בעט — ניט פון וואוילטאָג מסתמא. ער איז אָבער אַ פריידיקער, אַ יום טובדיקער גלאַנץ פלאַמט אויף אין זיי־נע גראָ־בלאָע, שטילע און קלוגע אויגן, בעת מען גיט זיך אָפּ שלום־עליכם. זיין צימער — אַן אמת קלייזל: ספרים, ביכער, פּאַפּירן און צייטונגען „אויף טיש און אויף בענק"...

אין אַ קליינער, איבעריקנס, זייער וואוילינקער שרייב־מאַשינקע, וואָס רופט באַלד ארויס מיין קנאה — איך בין זיך מודה — שטעקט אַן אָנגעהויבן בלעטל פון אַ נייעם קאַפּיטל „משפּחה־כראָניק". ס'פאַרגלוסט זיך מיר תיכף אַ לייען־טון די געטאַקטע שורות, אַ כאַפּ־טון, כאָטש עטלעכע נייע פּסוקים פון דעם וויכטיקן ווערק זיינעם. נאָר אַזוי ווי דאָס פּאַסט זיך ניט פאַר אַ גאַסט — באַהערש איך מיך און לייג עס אָפּ אויף שפּעטער, כאָטש די האַרציקע אינטימקייט אינאיינעם מיט דער ערנסטער בעלעטרים־טישער פאַרבן־רייכקייט פון די דאָזיקע זכרונות וועקן דעם גייסטיקן איני־טערעס.

אַ גייסטיקער קאָפּ אַנטפּלעקט זיך — ביי מיין גאַנצער באַשיידנקייט — פאַר מיין מבינותדיקן בליק — שאַרפע פּנים־שטריכן, סמנים פון ליידן, איינגעקאַרבטע צייכנס פון גרויסן לעבנס־צער און פון נאָך גרעסערן און פריידיקן עול החיים.

דאָס איז דער עונש ושכר פון שעפערישן מענטש, וואָס סוף כל סוף האַלט ער די וואָג פון עטישער באַשטימונג און הומאַניטאַרע התחייבותן.
אָן איידלמאַן איז דער, וועמען מיר באַקומען ליב אויפן ערשטען בליק, נאָר מען איז פונדעסטוועגן פּאַרזיכטיק און געמאָסטן מיט די רייד. מען גע־טרויט ניט דעם צד שכנגד. מיט אַ האַרבן כיוון באַפּעסטיקט מען נאָך שטאַרקער די מויער, וואָס שטייט שוין בדרך הטבע צווישן מענטש און מענטש. די ווערטער פאַלן גרינג־וואָגיקע און אויסשפּירנדיקע. זיי זענען געגליכן צו די ערשטע „לייכטע קלעפּ צווישן „פּרייזפייטערס", וואָס באַ־צוועקן דערווייל בלויז צו באַטאַפּן איינעם דעם אַנדערנס כוח פון די מוסקולן. דעם עיקר אָבער באַהאַלט מען, מסתמא, פּאַרט אויף אייביק שוין. דאָס איז דאָס אייגנגע פּעקל, אַזוי צו זאָגן. די אינדיווידועלע, גייסטיקע לאַסט, וואָס ליגט שווער אויף די געבויגענע האַלדז־און־נאַקנס.
איך קוק אויף דניאל טשאַרנין. איך קוק אים אָן לענגער און דרייסטער. עס פאַלט מיר איין: מזמור לאסף... אַט אַזוי זענען זיי אוים, די טיף־פילנדיקע ליריקער. דאָס זענען זיי! אַט אַזוי האָט מסתמא אויסגעזען אויך יענער משורר, אסף. מיט גאָטס חסד פון דער שירה זענען געצייכנט זייערע איידעלע, פרומע למדן־שטערנס.
עס זענען דאָך די שטילע, האַרציקע, טיף־דורכגעפילטע און טיף־דורכגע־ליטענע לידער, די שיינע, געטאָקטע פערזן דניאל טשאַרנים, וואָס האָבן אַריינגעטראָגן אין דער יידישער פּאָעזיע אַן אייגנאַרטיקן, מעלאָדישן סטיל און אַ פיינעם קאָלאָריט, וואָס האָט זיין נאָמען אַוועקגעשטעלט אין דער מזרח־וואַנט פון די בעסטע און ווערטפולסטע דיכטער.
זיינע לידער־זאַמלונגען האָבן תמיד אין מיינע אויגן אַ גאַנץ באַזונדערן חן. אַ שטילע גילדן־האַרבסטיקע רייפקייט.
פּונקט אַזוי פיינפילנדיק ווי זיינע שירים און אפשר טאַקע וועגן זיין שטילן, טיפזיניקן ליריזם זענען אויך געמייסטערט די בילדער פון זיין פּראָזע אין דער „משפחה־כראַניק".
דער תוכן פון אַט דעם ווערק איז איינער פון די סאַמע וויכטיקסטע, גייס־טיקע קאָמפּאָנענטן פונעם יידישן קולטור־לעבן אין אונדזער עפּאָכע. עס איז אַ געדאַנקלעכער און וואָרט־קינסטלערישער המשך פון מענדעלעס „שלמה, ר' חיימס" און פון דעם בעלעטריסטישן מעמואַרן־ווערק „בלע־טער פון מיין לעבן" פון אַב. קאַהאַן. ס'איז אַ באַרייכערונג פון דער זכרונות־ליטעראַטור מיט אַ וואָגיק ווערק פוןברייטן פאַרנעם. די דאָזיקע אידעאיש־ערנסטע גרינטלעכקייט איז דיזעלבע מעלה, וואָס מיר געפינען זי ביי זיין ברודער — ש. ניגערס ליטעראַטור־קריטיק. אויך אין דניאל טשאַרנים ליריק דאָמינירט אָפּט דער עטיש־סאָציאַלער גרונט־מאָטיוו, ווי

ביי זיין צווייטן ברודער — ב. וואָלאַדרעקס יוגנט־דיכטונג. ב. וואָלאַדרעקס גייסטרייכע פּראָזע (אין דעם געזאַמלטן באַנד שריפטן, דערשינען צו זיין 50יאָריקן יובל) באַזירט הומאַניסטיש־אידעאָלאָגיש אויף זיין רעוואָלוציאָנערער אַקטיוויטעט, איז בילדעריש אין איר פראַגמענטן־אויסדרוק פון וואָרט־קינסטלערישער דינאַמיק.

דניאל טשאַרנים געשילדערטע איבערלעבונגען אין דער „משפחה־כראָניק" איז געבונדן אין דער סביבה פון אידילישער היימישקייט, איז אַ מין סינטעז צווישן ש. ניגערס פּאַרטיפּטקייט און ב. וואָלאַדרעקס דינאַמיק.

ס'איז די שעפערישע גייסטיקייט פון אַ משפחה פון יידישע קולטור־טרעגער בירושה פון דורות. זיי זענען פאַרשידן אין דער פאָרעם און תוכן, אָבער קרוביש אין זייער אידעאישער גאַנצקייט.

ווי דער יינגסטער פון די דאָזיקע דריי ברידער, וואָס פאַרנעמען אַזאַ אָנגעזעענעם פּלאַץ אין דער יידישער ליטעראַטור און אין דעם קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן, איז ער אָנגעזאַפּט מיט זכרונות און מעשהלעך.

דערציילט מיר דניאל טשאַרני, אַז „ווען אַלע דריי ברידער פלעגן זיך באָדן אין טייך, וואָס אונטערן שטעטל — האָט דער עלטסטער פון זיי — מוליע (שמואל ניגער) געהאַט אַ טבע צו „גרונטעווען" זיך, אַראָפּלאָזן זיך אינטערן וואַסער צום דנאָ און אַרויסברענגען אַ פולע זשמעניע מיט זאַמד און פיינפּאָלירטע וואַסער-שטיינדלעך. באַניע (ברוך וואָלאַדרעק) — דער מיטלסטער האָט ליב געהאַט צו שווימען דוקא אַנטקעגן שטראָם מיט דער גבורה פון אַ לייב, בעת ער — דניאל טשאַרני, דער יינגסטער, ניט קאָנענדיק שווימען — האָט זיך געשפּילט אין אַ „וואַסער־מיל", געמאַכט, הייסט עס, שוימיקע קרייזן אַרום זיך און זיך געפרייט מיטן שוים און מיט די וואַסער־בלעזלעך".

זיי זענען שוין אַלט געוואָרן צו פופציק יאָר, די לעגענדאַרע ג אַחים. פריער שמואל ניגער, דערנאָך — ב. וואָלאַדרעק און איצט — דער ליטעראַרישער מוזיניק, דניאל טשאַרני.

ס'איז אָפּגעשפּאַנט אַ מהלך אין לעבן, אַ מהלך, וואָס לייגט אַרויף זיין חותם אויף דעם חשבון הנפש פון די גייסטיקע און הומאַניטאַרע התחייבותן. דער חשבון איז, אויסגעבאַלאַנסירטער, ערלעכער און גערעכטער. צומערשט האָב איך געווינטשן אריכת ימים, מזל און ברכה דעם ערשטן יובילאַר — שמואל ניגערן, דערנאָך — דעם צווייטן בעל יובל — ב. וואָלאַדרעקן און אַצינד טו איך דאָס בלב תמים און מיט צוגעבונדענער ליבשאַפט צו דעם יינגסטן פון זיי — צו דניאל טשאַרנין.

מעשה בגימל אחים... אַ שיינע און אמתע מעשה. פאָלקסטימלעך, ווערטפול און האַרציק נאָענט! אַ מעשה נפלא...

לאטע פידלער־מלאך / דניאל טשאַרני ביים שרייבטיש

מען זאָגט — אַ מענטש דערקענט מען ביי דער אַרבעט — און איך מיין, אַז אַ דיכטער ביים שרייב־טיש.
איך האָב געהאַט דאָס פאַרגעניגן צו זיין אַן אָפטער אריינגייער צו דניאל טשאַרנין אין הויז. און איך האָב ניט איינמאָל געהאַט די זכיה צו טרעפן אים ביים שרייב־טיש, ביי דער אַרבעט. און איך מוז זאָגן, אַז איך האָב געהאַט אַ גרויסן נחת רוח צו פאַרברענגען אַ גייסטרייכע שעה מיט אים אין דער אַטמאָספערע פון שאַפונג און גייסט.
דניאל טשאַרני איז ניט קיין אָנגעכמורעטער פּאָעט, וועמענס „מוזע" ווערט געשטערט פון אַ פרעמד אויג. אדרבא ואדרבא, ער איז גאָר אַן אויפגע־רוימטער ווען מען טרעפט אים אין יענע מינוטן פון שעפערישער אַרבעט. ער וועט אייך מיט באַגייסטערונג איבערלייענען דעם נאָר וואָס אָנגעשרי־בענעם אַרטיקל. ער וועט אייך מיט קינדערישער פרייד אין די אויגן דער־ציילן וועגן אַלע נייע אויסגאַבעס, וועלכע זענען אָקאָרשט אָנגעקומען מיט דער פּאָסט. און באמת, צורירנדיק זיך נאָענטער צו זיין שרייב־טיש, האָב איך געהאַט דאָס געפיל ווי איך שפּאַן איבער לענדער און קאָנטי־נענטן.
— אַן אַלמאַנאַך פון אויסטראַליע. „נייע וועלט" פון פּאַלעסטינע. „מעק־סיקאַנער שריפטן". אַ יובל־נומער פון אַרגענטינע. אויסגאַבעס פון אַפרי־קע, פון בראַזיל, פון מאָסקווע, בירע־בידזשאַן, און נאָך און נאָך.
ניו־יאָרק, וואַרשע, פּאַריז וואוינען ממש ביי דניאל טשאַרנין אויפן שרייב־טיש. נאָר דעם חשובסטן אָרט פאַרנעמט ווילנע.
טשאַרני אָטעמט אין פּאַריז מיט ווילנער לופט, מיט ווילנער רעאַל־גימנאַזיע, מיט יונג־ווילנער יידישער דיכטונג, מיטן יידישן וויסנשאַפט־לעכן אינסטיטוט, מיט ווילנער קונסט און מאַלעריי. און האַלט אויף אַלץ אַ וואַכעדיק אויג. בכלל איז ביי אים אַלץ וויכטיק, וואָס אין יידישן לעבן קומט פאָר, וואָס אין דער יידיש־קולטורעלער וועלט ווערט געטון און אויפגעטון.
ווי אַן אמתער קינסטלער ווערט ער באַגייסטערט פון יעדער דערגריי־כונג און איז שטענדיק האַפערדיק.
אין פּוילן רודפט די מאַכט דאָס יידישע שול־וועזן. אָבער אין שטעטעלע היידוציסאַק בויט מען אַ שול־בנין. (עס איז ניטאָ צו באַצאָלן קיין דירה־

געלט, בויט מען אַ הויז. אַ ברירה האָט מען?) און דניאל טשאַרני זעט אין דעם אַ נס. אַ נס ניט מן השמים, נאָר מן הארץ...
אַ באַזונדער וואַרעם אָרט פאַרנעמט ביי טשאַרנין די שטאָט וויטעבסק, פון וואַנען עס שטאַמט מאַרק שאַגאַל. און ניט נאָר אויפן שרייב־טיש, נאָר טאַקע אין האַרצן.
זיין גאַנץ צימער איז אָנגעפילט מיט אַרבעט און ברכה.
ברכה פון אַרבעט און שאַפונג, סיי זיין אייגענע, סיי פון זיינע קאָלעגן שרייבער, קינסטלער, אַ פּנים זיי פילן דאָס די אַלע יידישע שרייבער פון דער וועלט, אַז אין פּאַריז אויף נומער 6, רי לאַקרעטעל איז פאַראַן אַ באַשיידענער אַפּאַרטעמענט און אין צימער שטייט אַ שרייב־טיש, וועלכער איז פאַרלייגט ביזן סופיט מיט — „שטערן אויפן דאַך", „אַלטערלם קינדער־יאָרן", „פריידקע", „קענטאָקי", „רויטע פעלדער" און נאָך און נאָך. די קלאַסיקער שטייען קעגנאיבער אין אַ שענקל און שמייכלען... די „אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע אין יידיש" האָט איר בכבודיק ווינקל, וועלכעס וואַרט אויף די וויַיטערדיקע בענדער.
נעבן שרייב־טיש זיצט אַ יונגער מאַן (עס האָט עמעצער אויסגעטראַכט, אַז דניאל טשאַרני איז אַלט געוואָרן פופציק יאָר) מיט טונקל־גרויע האָר, די רעכטע האַנט אייביק אין קעשענע. די לינקע אויפן טיש. בלעטערט און שרייבט.
מיט יעדער נייער אויסגאַבע, וואָס עס דערשיינט ערגעץ וואו אין דער וועלט ווערט טשאַרנים שרייב־טיש באַרייכערט. און ער אַליין ווערט שטאָלצער און מוטיקער. דאָס זענען דאָך גריסן פון זיין „יידיש־לאַנד", פון וואַנען ער, דניאל טשאַרני איז אַ חשובער בירגער.
אָבער ניט נאָר פרייד איז טשאַרנין באַשערט און ניט נאָר נחת האָט ער פון דעם וועלט־צעשפּרייטן יידיש־לאַנד.
עס טרעפט ניט זעלטן, אַז דאָס פּנים פאַרקרימט זיך אין יסורים.
אַ שלעכטע בשורה, עס פעלט ניט. קומען אָן בשורות אַזעלכע אַ סך, און אויך זיי טרעפן דעם וועג צו דניאל טשאַרנים שרייב־טיש, און פון שרייב־טיש צו זיין נשמה, צו זיין (וואונדער איבער וואונדער) לויטערן געמיט.
דאָרט האָט מען פאַרזיגלט אַ יידישע ביבליאָטעק. דאָ אַ שולע עקסמיטירט. אָדער סתם רדיפות.
טשאַרני ליידט אויך פון אַ ניט־געלונגענעם בוך. פון אַ ניט־געראָטענעם פערז, פון אַ מיטלמעסיקער דערציילונג. ער איז ניט נאָר איינער פון אונדזערע גאָר אָנגעזעענע שרייבער און קריטיקער, ער איז אויך איינער פון די זעלטנסטע אויפמערקזאַמע לייענער. ער פאָלגט נאָך די אַנטוויקלונג

פון יעדן שרייבער. ער היט דעם וואוקס פון די יונגע און וועגט און מעסט דאָס נייע, קינסטלערישע וואָרט.

מ'קען זאָגן אויף אים, אַז ער כּאָוועט די יידישע ליטעראַטור.

דניאל טשאַרני אַליין איז אַ ליריקער אויך אפילו אין זיין פּראָזאַ.

טשאַרני האָט קיינמאָל ניט פאַרוואָרפן זיין דיכטעריש געצייג פון פערז און ליד, ווי עס טון דאָס די מערסטע פּראָזאַאיקער.

דאָס קומט, מיין איך, דערפון, וואָס ער איז ניט קיין פּראָזאַאיקער, נאָר אַ דיכטער אין פּראָזע.

לייענסט דאָס בוך „באַרג אַרויף", און דו וואונדערסט זיך, ווי לייכט עס קומט דיר אָן צו שפּאַנען דעם גאָר ניט־לייכטן וועג פון באַרג אַרויף. אָבער דו שפּאַנסט אים גערן.

דער מחבר נעמט דיך אָן פאַר דער האַנט און ער פירט דיך איבער בלע־טער פון נאָענטן עבר. ער ווייזט דיר דאָס וויגעלע פון דער היינטיקער רעוואָלוציע, און ניט נאָר פון דער רוסישער רעוואָלוציע, נאָר אויך, און טאַקע דער עיקר דעם איבערבראָך אין דעם יידישן לעבן.

צי קאָן מען דען זאָגן, אַז איבער געשיכטלעכע געשעענישן איז זיך גוט צו גליטשן ?

פונדעסטוועגן לייענענדיק „באַרג אַרויף" האָט מען דאָס געפיל ווי מען שיפלט זיך איבער אַ קלאָר, שטיל וואַסער, וואָס גראָבט טיף.

•

עס איז צום באַוואונדערן די גוטמיטיקע איראָניע מיט וועלכער טשאַרני שרייבט וועגן זיך אַליין (וועגן דער „פליאַגע" דאָניע). אַזוי צו שרייבן דאַרף מען טאַקע האָבן אַ כוח אין זיך — און טשאַרני האָט עס.

נאָר זאָל מיר דער לייענער ניט חושד זיין, אַז איך וויל דאָ מיט די פּאָר ווערטער געבן אָן אָפּשאַצונג וועגן דניאל טשאַרנים ווערק.

איך וויל נאָר אָנווייזן, אַז טשאַרני איז אַ דיכטער סיי אין שאַפונג, סיי אין פּערזענלעכקייט.

אַזאַ צעשטראַלטע האַרציקייט, אַזאַ ליבשאַפט ווי ער פאַרמאָגט עס אין זיך, פאַרמאָגן טאַקע גאָר גרויסע מענטשן. אַ הויכער, גרויער מאַן מיט אַ לויטערן שמייכל אַזאַ, וואָס דו דערפילסט די וואַרעמקייט, וואָס שטראַלט אַרויס פון אים.

דניאל טשאַרני האָט זיך אָוועקגעלאָזט אויף אַ קינסטלערישן וועג „באַרג אַרויף". ווייזט אויס, אַז פון אונטער זיינע פעדער־שפּרייזן וועט אַרויס־קומען אַ טרילאָגיע פון גאָר גרויסן פאַרנעם.

זאָלן צו זיין פופציק יאָריקן געבוירנס־טאָג געבענטשט ווערן זיינע טריט.

לעאָ פינקלשטיין / פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט

דניאל טשאַרני אַלס ליריקער האָט זיין באַשטימט אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור. עס איז שוין געוואָרן אַ פערטל יאָרהונדערט זינט ער האָט אָנגעהויבן שרייבן. אין אַלגעמיין האָט זיך טשאַרני איינגעוועבט אין סובטעלן ראָמאַנטיזם, וואָס ראַנגלט זיך מיט דער דינאַמיק פון דער רויער ווירקלעכקייט. זיין דיכטונג הויכט מיט איבערגעהילכטקייט. הגם ער איז נאָך יונג, באַלאַנגט ער פונדעסטוועגן צו דער „אַלטער" שול, וואָס שפּייזט זיך מיט די רעשטלעך פון דער אינדיווידואַליזירטער לבנהשקייט. ער איז אַ דורכויס ראָמאַנטישע נאַטור, זיין בליק איז שטענדיק געווענדט צו דעם פאַרגאַנגענעם, וועלכן ער אידעאַליזירט אויף אַ גאָר סענטימענטאַלן שטייגער, אונטער די קלעפּ פון דער רויער לעבנס־פּראָזע זוכט ער שוץ אין געצעלט פון פאַרחלומטקייט.

איצט האָבן מיר פאַר זיך זיינס אַ באַנד אויטאָביאָגראַפישע זכרונות, באַזירט אויף אַ געזעלשאַפטלעכע פאָן. די זכרונות, הגם זיי זענען פּראָזע־אַרטיק, בילדן זיי דאָך אַ המשך פון ראָמאַנטישן צאַצקען זיך מיט דעם פאַרשוואונדענעם, וואָס טשאַרני זוכט אויף לויט זיין שטייגער. זכרונות, וואָס צערטלען זיך מיט די פאַרשוואונדענע שאָטנס, אַנטפּלעקן דעם אויטאָרס לירישע סטיכיעס. דער סוזשעט איז זייער אינטערעסאַנט, ווייל ער איז זיך סומך אויף איבערלעבענישן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דעם שטורעם־ און דראַנג־פּעריאָד פון יידישן סאָציאַל־קולטורעלן רענעסאַנס. ער האָט אַליין מיטגעמאַכט דעם געבוירן־פּראָצעס פון דער יידיש־וועלטלעכער קולטור. די אינטערעסאַנטקייט פון דניאל טשאַרנים באַשרייבונגען נעמען זיך אויך פון דעם סביבה־מאָמענט. דניאל טשאַרני איז וולאַדעקס און ני־גערס אַ ברודער. דער ערשטער איז געווען אַ טוער פון „בונד" („דער צוויי־טער לאַסאַל") דער צווייטער איז געווען אַ באַדייטיקער טעאָרעטי־קער פון ס"ס און איז שפּעטער געוואָרן דער אָנערקענטער ליטעראַטור־קריטיקער. אַזוי אַרום איז טשאַרנין באַגעגענען אויסגעקומען זיך מיט באַדייטיקע פּערזענלעכקייטן.

אין ערשטן טייל „באַרג אַרויף" צייכנט דער אויטאָר אַ געטריי שטייגער־בילד פון יידישן לעבן אין ווייס־רוסלאַנד. ער שטאַמט פון אַ משפּחה יורדים, וואָס ליידט נויט. דערצו איז ער געווען אַ קרענקלעך ייִנגל. זיין לייב איז געווען באַדעקט מיט געשווירן, בלאָטערן און וואונדן, וואָס נאָר

ציגיינער און טאַטערן האָבן געוואוסט אַ שפּרוך צו זיי, אָבער ניט קיין היילונג.

כּדי צו פאַרזיכערן דעם „געטשקע" אַ בעסער מזל, האָט איר די מאַמע „פאַרקויפט" צו אַ מזלדיקן ייד אין שטעטל. די הצלחה פונעם דאָזיקן ייד איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיינע קינדער האָבן זיך שטענדיק אַרומ־געדרייט פון „די „כאַפּערס" העגט, און וואָס זיין „שטוב" איז געבליבן גאַנץ נאָך דער גרויסער שׂרפה אין דאָרף־גאַס. די מאַמע האָט פאַרלאַנגט פאַר די דאָזיקע „סחורה" אַזש פינף גראָשן. דער „קונה" האָט זיך אָבער איינגעטעקשנט און מער ניט געוואָלט געבן ווי דריי גראָשן. מען איז אַדורכגעקומען. דאָס יינגל איז געוואָרן דאָס גייסטיקע אייגנטום פון שטעטלדיקן בר־מזל.

שווערער קאַמף פאַר דער עקסיסטענץ, טריבע חדר־יאָרן. די מוטער־אַלמנה אַלס זעלבסטשטענדיקע סוחרטע. פון די דאָזיקע מאָמענטן איז צו־נויפגעשטעלט געוואָרן דאָס פאַרביקע ביאָר פון דעם אָקאָרשט אָפּגעהלשטן יידישן לעבנס־שטייגער.

•

דעם צווייטן טייל זכרונות האָט דער אויטאָר באַקעפּלט „פּאַרטיי־כראָ־ניק". עס הויבט זיך אָן אַ וואָגלעניש איבער מינסק און ווילנע. דאָס אַנט־שטיין פון דער פּאַרטיי ס"ס, הייסע דיסקוסיעס מיט די קעגנער, דער פּרואוו צו פאַרבינדן ציוניזם מיט סאָציאַליזם. רעוויזיעס און אַרעסטן, פּאַרטייאישע קאָמונעס אד"גל.

געהיימע מאַסאָוועקעס, אומלעגאַלע מאַי־דעמאָנסטראַציעס. ווילנע איז גע־וועז אַ רעוואָלוציאָנערער צענטער, יעדע פּאַרטיי האָט דאָרט אַרויסגעגעבן אַן אייגענעם אָרגאַן. עס זענען דאָרט אָפט פאָרגעקומען עפנטלעכע פּאַר־טיי־דיסקוסיעס צווישן וואָלאַדעקן און ניגערן, ד"ה צווישן „בונד" און ס"ס. עס דערגייט אָבער צו אַן איבערברוך. ניגער ציט זיך צוריק פון פּאָליטי־שער אַרבעט, ווידמענדיק זיך אינגאַנצן דער ליטעראַטור. די רעוואָלוציאָ־נערע באַוועגונג ברעכט זיך איין, איר אָרט הייבט אָן פאַרנעמען די קול־טור־אַרבעט ; עס שטאַרקט זיך די יידישיסטישע באַוועגונג „געשטאָרבן דער קלאַסן־קאַמף, זאָל לעבן דער נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיין !" די רעאַקציע־יאָרן האָבן פּאַרוקט אין אַ זייט די פּראָלעטאַרישע באַוועגונגען. דער מאַרקסיסטישער צוגאַנג צו נאַציאָנאַלע פּראָגעס איז איבערגעאַרבעט גע־וואָרן אין אַ נאַציאָנאַלן צוגאַנג צום מאַרקסיזם. עס האָט פונאַנדערגעבליט דער דעמאָקראַטישער יידישיזם. מען האָט שוין ניט געזונגען קיין רע־וואָלוציאָנערע לידער, מען האָט זיי פאַרביטן אויף פאָלקס־מאָטיוון.

ניט ווייניקער אינטערעסאַנט איז די „רייזע־כראָניק".

זייער פאַרביק באַשרייבט טשאַרני די יידיש־סאָציאַליסטישע עמיגראַציע אין ווין, די ס"סישע קאָמונע, צו וועלכער עס האָבן געהערט: טשערניכאָוו, לאַצקי־בערטאָלדי. ד"ר שאַץ־אַנין. עס איז אַן אינטערעסאַנט בילד פון בסדרדיקע ראַנגלענישן פאַר אַ נייער אידעאָלאָגיע. הונגער און נויט, געקניפּט מיט אינעווייניקסטער פרייד, וואָס דרינגט אַרויס פון טיפן גלויבן, אַז דער בין השמשות וועט לאַנג ניט אָנהאַלטן, אַז עס וועט ענדלעך אויפשיינען אַ העלערער מאָרגנשטערן. דער אויטאָר פירט אַדורך אַ גאַלעריע אָריגינעלע געשטאַלטן, שילדערנדיק דערביי די מענטשלעכע שוואַכקייט.

•

גאָר טשעקאַווע זענען די מעשיות וועגן דער יידישער קאָלאָניע אין דער שווייץ. אין זשיטלאָווסקים צייטן איז די שווייץ געווען דאָס וויגעלע פון יידיש־נאַציאָנאַלן רענעסאַנס. בעת טשאַרנים זיין אין דער שווייץ איז שוין געווען די צווייטע עפּאָכע. מען הויבט אָן צו באַגרינדן די יסודות פון דער יידישיסטישער באַוועגונג. עס פילט זיך שטאַרק די השפּעה פון ניגערן. טשאַרני באַקענט אונדז מיט אַ ריי קעמפּער, וואָס פאַרנעמען היינט־צו־טאָג פאַראַנטוואָרטלעכע, געזעלשאַפטלעכע, פּאָליטישע און ליטעראַרישע פּאָזיציעס.

•

אין אַלגעמיין גענומען איז טשאַרני אַדורכגעזאַפּט מיט דעם גייסט פון דער דעמאָלטיקער פּאָליטישער און ליטעראַרישער אַטמאָספער, וועגן וועלכער ער דערציילט אויפריכטיק און האַרציק. דער דערציילונגס־ריטם איז אַדורכגעפלאָכטן מיט לירישן הומאָר. אַ גרויסער שאָד, וואָס טשאַרני איז אַ ביסל צו עגאָצענטריש און אַבסאָרבירט איבערפליסיק דעם לייענער מיט זיין פּערזענלעכע מאָמענטן. אַלענפאַלס איז דאָס זייער אַן אינטערעסאַנטער שטאָף, וואָס קאָן באַפרוכפּערן דעם קומענדיקן היסטאָריקער.

נ. פראַנק / דער „משולח“

ווער געדענקט ניט דעם „משולח“ אין „דבוק“?

וואו מען גיט זיך אַ ריר, דאָרט וואַקסט ער אויס. אומעטום איז ער דאָ (אפילו דאָרט וואו ער איז ניטאָ). דאָ זאָגט ער אַ ווערטל, דאָ ציט ער אונטער אַ חשבון, דאָ איז ער עפּעס מסביר, דאָ דערציילט ער עפּעס. אומעטום האָט ער א ראָלע צו שפּילן, אומעטום אַ פונקציע אויסצופירן.

זיין מיסיע דויערט תמיד.

זי ענדיקט זיך קיינמאָל ניט.

זי פאַרפאָלגט אים.

אייגנטלעך — ווער האָט דעם „משולח“ פאַר אַ „משולח“ געמאַכט? קיינער ניט. עס דערקלערט זיך ניט. ער איז אַרויסגעוואַקסן פון דעם פאָלקס־באָדן, פון פאָלקס־גאָרטן, פון פאָלקס־בייט, גייט ער נאָך אומעטום דעם מענטשן, ווי זיין געוויסן, און רעדט פון אים ארויס, ווי זיין געוויסן. דניאל טשאַרני איז דער „משולח“ פון יידישן וואָרט. פון יידישן בוך. פון יידישן אלף בית.

ער איז אַ וואַנדערער ביים וואַנדערנדיקן יידישן פאָלק.

זיצט ער קיינמאָל ניט אויף איין אָרט. איז ער אין פאַריז ציט עס אים קיין ניו־יאָרק, קיין וואַרשע, קיין תל־אביב, קיין... איר ווייסט אליין ניט וואו.

גרויס איז דאָס יידישע היים־לאַנד, אָדער יידיש־לאַנד, ווי עס הייסט ביי אים. פאַר אים איז זי אָבער קליין. ער וויל תמיד זיין דאָרט וואו ער איז ניטאָ און קומט ער וואו ער וויל — וויל ער שוין אַנדערשוואו זיין...

דער „משולח“ פון יידישן וואָרט, פון דער יידישער ליטעראַטור. פון דער יונגער יידישער ליטעראַטור, וואָס וואַקסט נאָך, וואָס בליט נאָך, וואָס רייסט זיך צו לעבן און שפּראָצן.

ער איז נאָך פופציק יאָר... יונג, דניאל טשאַרני, און גרויס איז זיין טלית, אונטער וועלכן ער וויקלט איין אַלע קינדער פון דער יידישער ליטע־ראַטור. אַלע יונגע בר־מצוהס פון דעם יידישן וואָרט.

הערט ער, אַז ערגעץ־וואו וואַקסט אַ יידישער טאַלענט, שטרעקט ער באַלד אויס זיין האַנט אַהין, און נעמט אים אונטער זיין השגחה, ווערט צו אים אַ ליבער פאָטער, אַן אַפּיטרופּס, אַ באַשיצער. זאָגט איינער, ער־געץ־וואו פון די שרייבער און דיכטער א גוט וואָרט, זינגט ער אַ שיין

ליד, פאַלט עס באַלד אַריין אין אויער פון אונדזער ליבן דניאל טשאַרנין, וואָס האָט אין זיין פּאָטערלעכקייט עפּעס אזוינס, וואָס רופט זיך מוטער־לעכקייט, האַרציקס, צאַרטעס.
האָט איר אַמאָל געזען ווי דניאל טשאַרני בלעטערט אַ בוך? אַ קליין צאַרט ביכל לידער? ניין? האָט איר נאָך טשאַרנין ניט געזען. זיינע אויגן ברענען, פינקלען. ער ייִנגערט זיך. ער קוועלט. די דאָזיקע מינוט פון נחת באַצאָלט אים כפל כפלים פאַר אַלע זאָרג און צרות, וועלכע ער האָט פון זיינע קינדערלעך, די מתחילים, וואָס שטעלן זייער ערשטן שריט אויפן האַרטן באָדן פון דער יידישער ליטעראַטור.

•

אַ משולח איז ער געווען. אַ משולח איז ער פאַרבליבן. מען האָט וועגן אים געזאָגט, אַז ער איז דער אַמבאַסאַדאָר פון דער יידישער ליטעראַטור. דער זינען איז ריכטיק. דאָס וואָרט ניט. אַמבאַסאַדאָר איז צופיל פאַרבונדן מיט פּאָליטיק, מיט דיפּלאָמאַטיע. און דניאל טשאַרני איז שוין געווען פּאַטריאַרכאַליש, ווען ער איז נאָך גאָר יונג געווען. ער איז געבוירן גע־וואָרן דערמיט. „אַמבאַסאַדאָר" שיינט מיר, איז ניט קיין וואָרט פון זיינע ווערטער, ניט קיין אויסדרוק פון זיין לעקסיקאָן. פאַר אים איז פּאַסיקער און האַרמאָנישער — „משולח".
„משולח" געפעלט מיר בעסער פאַרן ליבן דניאל טשאַרני ווי „אַמבאַ־סאַדאָר".
דרייסיק יאָר „שליחות", דרייסיק יאָר וואַנדערונגען, דרייסיק יאָר נע ונד־לעבן.

•

דניאל טשאַרני איז אין פּאַריז אַ גאַסט. אַנדערש ווי אַ גאַסט קען ער בכלל ניט זיין. ער איז ביי אונדז און עס ציט אים שוין אַנדערשוואו. זיין אַר־בעטס־טיש איז פאַרוואָרפן מיט יידישע ביכער פון דער גאַנצער וועלט, פון אַלע עקן יידישער וועלט. דאָס איז זיין גרויסקייט, זיין שטאָלץ, זיין פרייד און לייד. זיין סטראַטעגישער פּלאַן. זיין אַרבעטס־טיש, וואו ער זאָל ניט שטיין, צי אין וואַרשע, צי אין ניו־יאָרק, צי אין אַרגענטינע — וועט תמיד פאַרבלייבן די אַטראַקציע פון דער גאַנצער יידישער ליטע־ראַטור. אַנהויבער שרייבער פון דער גאַנצער וועלט, ווייסן, אַז דניאל טשאַרני איז זייער אַדרעס. אַלע ליטעראַרישע פלעמלעך ציען זיך צו אים מיט ליבע, מיט דאַנקבאַרקייט...

יהודה פריד / זאב וואָלף טשאַרני

ווען איך האָב אייך ווידער אַמאָל דערזען אין קאָוונע, וואוהין איר זענט געקומען אין שיכות פון דער „אַלגעמיינער ענציקלאָפּעדיע אויף יידיש", דער העכסטער קולטור־בנין פון אונדזער פאָלק, האָב איך זיך נאָך אַמאָל דערמאָנט אין אונדזער קליין שטעטעלע דוקאָר, מיטן גרויסן, גאָר גרויסן, קיילעכדיקן מאַרק־פּלאַץ אויף וועלכן עס האָבן זיך געפּאַשעט גענדז, ענט־לעך, ציגן און — חזירים. די הייזער אַרום אַט דעם מאַרק־פּלאַץ זענען קליינע און נידעריקע. די יידן, וואָס וואוינען אין אַט די הייזער זענען אָן פּרנסה, דערשלאָגן און ווי פאַרשלאָפן. זיי אַלע בענקען נאָך אַ פּדיון, נאָך חיונה. גייען די דוקאָרער אָרעמע יידן אין שול אַריין בעטן צו גאָט אויף פּרנסה און מזונות פאַר זייערע ווייבער און קינדער. קום איך אויך אַריין אין מקום־קדוש און דערזע דאָרטן — ווייסט איר, וועמען?

איך דערזע דאָרטן אייער ליבן פאָטער, זאב וואָלף טשאַרני ז"ל. אַ ברע־נענדיקער חסיד, אין לעדערנע פּאַנטאָפל, אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע, אַרומגע־גאַרטלט מיט אַ דיקן, זיידענעם גאַרטל, זיינע ביידע הענט האַלט ער פאַר־לייגט אונטערן גאַרטל. אַזוי גייט ער אַרום, דער פאָטער אייערער, אין שול, פון איין וואַנט צו דער צווייטער, פאַרטיפט אין מחשבות... ער גייט אַרום און זינגט מיט חסידישער מתיקות.

זיין פיינע שטימע קלינגט געטלעך, שטאַרק און געשמאַק איבערן גאַנצן מקום־קדוש. — דערהערנדיק אייער פאָטערס הייליקע נגינה, פלעגט אויך מיך אַרומכאַפּן אַ קדושה. איך פלעג פאַרגליווערט בלייבן שטיין.

אָבער עס זענען שוין פאַרבייגעלאָפן איבער פערציק יאָר. אייער פאָטער, זאָל זיין אָפּגעשיידט, איז שוין לאַנג אויפן עולם־האמת, און איר, אייך צו לענגערע יאָר, איר גייט אַרום אַזוי איבער די גאַסן פון קאָוונע מיט דעמזעלבן חסידישן ברען און מיט דערזעלבער מתיקות פון אייער פאָ־טער. איר מאָנט און רופט אונדז אַלע צו נייע דערגרייכונגען.

ווי ענלעך איר זענט צו דעם פאָטער אייערן ע"ה — סיי אויסערלעך, סיי אינערלעך. דערזעענדיק אייך, דערמאָנט זיך מיר ווידער אונדזער קליין שטעטעלע דוקאָר מיט זיין גאַנצן, יידישן דלות...

אַט אַזעלכע זכרונות פאַרבינדן אונדז אַלעמען אין איין פאָלק, אין איין נאַציע און איך ווינטש אייך, מיין ליבער פריינד דניאל טשאַרני, אַז לאַנג לעבן זאָלט איר און געזונט זיין.

פרץ צונזער / אַ בוך פון טיפסטן נחת רוח

אונדזער צייט איז רייך מיט מעמואַרן־ליטעראַטור. גרויסע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע טוערס שרייבן זייערע זכרונות פון וועלכע מען זעט אַרויס פאַרגאַנגענע עפּאָכעס מיטן בליק פון אַ פויגל־פלי. דער שרייבער קוקט דאָרט אַראָפּ פון אַן אָלימפּישער הויך אויף דער סביבה, אויפן מענטש און אויף דער צייט...

אַן אַנדער געפיל באַקומען מיר לייענענדיק די בלעטלעך לעבנס־געשיכטע פון דניאל טשאַרנין. דאָ רעדט צו אונדז אַן אייגענער מענטש, אַ מענטש מיט די זעלביקע רגילותן און שוואַכקייטן וואָס מיר. טשאַרני איז אויף קיין איין האָר ניט מגזם, ער וויל זיך ניט אַרויסהייבן פון דער סביבה. דערפאַר טיילט זיך דאָס אַרומיקע אַזוי בולט אויס אויף דער פאָן פון דער עפּאָכע. דניאל טשאַרנים זכרונות זענען ניט קיין ווייט־פאַרלאָפענע. און דעריבער זענען זיי אונדז נאָענט און טייער.

דאָס גאַנצע ווערק קען איינגעטיילט ווערן אין דריי פּעריאָדן: קינדהייט — יוגנט — רייפקייט.

דורך די אַלע דריי פּעריאָדן פון זיין לעבן מאָלט דניאל טשאַרני דאָס „באַרג אַרויף"־שטייגן אויך נאָך פון זיינע צוויי ברידער שמואל (ש. ניגער) און באַניע (ב. וולאַדעק) אויפן פּאָליטישן און ליטעראַרישן געביט. מיט אַ ספּעציפישער פּשטות דערציילט אונדז דניאל טשאַרני פון דעם ערשטן דערשיינענעם עסיי ש. ניגערס ביז צו זיין ווערן רעדאַקטאָר פון דער „יידישער וועלט". צניעותדיק וויל ער זיך באַפרייען פון אונטער די ברייטע, רומפולע פליגלען פון זיינע באַרימטע ברידער, אָבער דאָס גיט זיך אים זעלטן איין אין דעם אָנהייב פון זיין דיכטערישן וועג — דאָ און דאָרטן באַגעגנט מען אים ווי ניגערס אָדער וולאַדעקס ברודער. אַ דאַנק טשאַרנין ווערן זיי אונדז אויך אינטים און נאָענט.

•

אין די יאָרן פון רעאַקציע, לויפט ער צוריק צו זיין מאַמען. ער וויל פאַרבלייבן אין שטעטל זיין גאַנץ לעבן, זיך פאַרשטעקן הינטערן אָרון קודש פון דער געמייערטער שול. ער טראַכט דאָן, ווי גוט עס וואָלט גע־ווען, ער זאָל קענען אַרויסשלאָגן פון זיך דאָס משוגעת, אַז ער מוז באַפרייען די וועלט, אַז ער איז באַשאַפן געוואָרן צו גאולה־צוועקן. ער איז אָנגע־

שטעקט מיט די איכה־מאַטיוון פון זיינע פריינד און קאַלעגן, מיט די „שטילע געזאַנגען", „אומעטיקע וועגן", „שוואַרצע רויזן", „תפילות פון אַ שוואַכן" און אַנדערע ליטעראַרישע פּראָדוקטן פון יענער יאושדיקער עפּאָכע, ווען אויף יעדן ליטעראַרישן אָוונט פלעגט מען דעקלאַמירן:

זיי זשע, קליין בעריאָזקעלע,
מתפלל אויך פאַר מיר!

אין יענעם פּעריאָד, ווען דער אינטעליגענט א. ווייטער האָט אָנגעשריבן זיינע ווערק, וואָס האָבן גערופן צום אַלטן ספר, צום אָרון הקודש, צו דער געמויערטער שול, איז דניאל טשאַרני אויך דורכגענומען געוואָרן פון די טרויער־שטימונגען.

אָבער ניט אויף לאַנג. ער קלאָגט אָן די אינטעליגענץ, וואָס פאַרלאָזט אין איילעניש די זינקענדיקע שיף און לויפט צו אַ יחידיש־קאַריערסטישן לעבן. ביי אָט דער באַשולדיקונג פאַלט דניאל טשאַרני אריין אין אַ עקסטרעם בנוגע דעם „יידיש" אויף וועלכן זי, די אינטעליגענץ, האָט זיך אַ וואָרף געטון. לויט דניאל טשאַרנין קומט אויס, אַז יידיש איז ביי איר געוואָרן אַ רעטונגס־גאַרטל צו קענען זיך אויפהאַלטן אויפן אויבערפלאַך פון „שוואַרצן ים".

בלויז וועגן דעם? „יידיש" איז דאָך פאַר דער אינטעליגענץ דעמאָלט געקומען ווי אַ רעזולטאַט פון ווייטאָגדיקער זעלבסטקריטיק. אויפגעהאָדעוועט און אַנטוויקלט אויף דער רוסישער שפּראַך און ליטעראַטור האָט די יידישע אינטעליגענץ, אין איר קאַמף פאַר אַ בעסערן מאָרגן, געלייגט די גאַנצע האָפענונג אויפן רוסישן פאָלק, אויפן אַלגעמיינעם קאַמף. דעריבער האָט זי געוואָלט צופּאַסן די יידישע אַרבעטער־מאַסן צו דער שפּראַך און ליטעראַטור פון דאָמינירנדיקן פאָלק. אין רעזולטאַט האָט עס געבראַכט צום איגנאָרירן די גייסטיקע באַדערפענישן פון דיברייטע יידישע אַרבעטער־מאַסן. כדי אַ פאָלק זאָל זיך קענען אויסלעבן דאַרף עס פאַרמאָגן אַ געשליפענע שפּראַך און אַ רייכע ליטעראַטור אויף אַלע געביטן. אָט דאָס האָט די יידישע אינטעליגענץ דערשפּירט ערשט אין דער צייט פון יאוש און זעלבסקריטיק.

וואָס שייך דער רעוואָלוציע גופא, דעם עצם קאַמף פון יענער עפּאָכע, איז עס אין די מעמוארן פון דניאל טשאַרנין כמעט ווי דורכגעלאָזן. אָבער מעמואַרן זענען ניט קיין געשיכטע, ידאָ האָט דער מחבר פרייען אויסוואַל. „באַרג אַרויף" איז אַ קינסטלעריש ווערק, געשריבן אין אַ לייכטן, שפּילעוודיקן, הומאָרפולן טאָן, פול מיט חן און צאַרטקייט. עס ווערט געלייענט מיט דעם טיפסטן נחת רוח.

א. ב. צעראַטאַ / דער דוקאַרער אין פּאַריז

שוין באַלד צוויי יאָר, ווי די וואַנדערנדיקע אַמבאַסאַדע פון דעם עקס-טעריטאָריאַלן יידישלאַנד האָט זיך אָפּגעזעצט אויף איינעם אַ רואיקן פּאַריזער געסל, ביים „פּאָרט דע ווערסאַיל".

דער גורל האָט געוואָלט, אַז „דער פינפטער" פון דער טשאַרני־משפחה, וואָס שטאַמט פון אַ גאָר קליינעם, ווייסרוסישן שטעטעלע דוקאָר זאָל ווערן דער וואַנדערנדיקער אַמבאַסאַדאָר פון אונדזער ליטעראַטור.

אַט זענען שוין געוואָרן דרייסיק יאָר זינט דער דוקאָרער — דניאל טשאַרני — איז אַ געטרייער און אומדערמידלעכער מיטבויער, קעמפער און גוט־וואָרט-זאָגער פון דער מאָדערנער קולטור-שאַפונג.

טאָג נאָך טאָג, נאָך זיין ערשטן טעפּעלע קאַווע באַלד אין דער פרי, מיט אַ פּאַפּיראָסל אין מויל, זיצט ער ביים שרייב־טיש, אויף וועלכן עס ליגן פון רעכטס — פּראָזאַ־ און פון לינקס — פּאָעזיע-מאַנוסקריפּטן, וואָס ער באַקומט פון אַלע עקן וועלט צום לייענען. אָבער קודם כל בלעטערט ער דורך די פרישע צייטונגען, זשורנאַלן און ביכער און קוקט דורך די מע־רערע בריוו, וואָס דער בריווטרעגער ברענגט אים יעדן אינדערפרי, ווי אַ מתנה פון יידישלאַנד.

דאָס זענען די ערשטע מאָרגן־שעהן פון זיין אַרבעט.

•

נאָכמיטאָג גייט ער אַוועק אין „דזשאָינט" צי אין „היאַס־ייקאַ", וואו ס'וואַרט שוין אויף אים אַ פולער טיש מיט צייטונגען, פון וועלכע ער שניידט אויס אַלע יידישע צרות...

ניט אומזיסט האָט זיין קאָפּ אַזוי פרי אָנגעהויבן צו זילבערן זיך.

•

זעלטן טרעפט אַ טאָג, אַ פאַרנאַכט, אַן אָוונט, אַז עס זאָל עמעצער ניט קומען צום דוקאָרער, אָדער טעלעפאָנירן, צי גאָר זיך ניט טרעפן מיט אים אויפן „מאָנפּאַרנאַס" ביי אַ זיצונג, ביי אַ באַראַטונג. ניטאָ אַ ליטעראַרישע אונטערנעמונג, אַ באַנקעט, אַז ער זאָל ניט מיטפּרעזידירן, מיטרעדן, עפּעס דערציילן. אָפט טרעפן זיך די פּאַריזער שרייבער מיט די כלל- און קולטור־טוער אין זיין באַשיידענער היים. דענסטמאָל הערט ער אויף צו קלאַפּן

אויף זיין שרייבמאַשין. ביי טעפּלעך קאַווע, וואָס די גוט־האַרציקע פרוי טשאַרני סערווירט — הייבט זיך אָן אַ שמועס וועגן וועלט־פּראָבלעמען און יידישע קולטור־דערגרייכונגען, וועגן שרייבער פון עלטערן דור און שרייבער יינגערע.

•

די יינגערע שרייבער, וואו זיי זאָלן ניט זיין, שיקן אים זייערע כתב־ידן און בעטן אים, ווי אַ גוטן ייד:

„... זייט אַזוי גוט, ליבער פריינד טשאַרני, לייענט איבער דעם כתב־יד און שרייבט אייער מיינונג". דער דוקאָרער לייענט. פאַר אַט דער אַרבעט גיט ער אָפּ אַ סך שעהן פון זיין פרייער צייט. ביז שפּעט אין דער נאַכט מאַכט ער באַמערקונגען צו יעדן צוגעשיקטן כתב־יד אָדער נייעם בוך. ער ווייסט, וואָס עס הייסט ביי אַ מחבר, נאָך דערצו ביי אַ יונגן, וואַרטן אויף אַ מיינונג וועגן אַן אָנגעשריבענער, נאָך־ניט געדרוקטער זאַך. זיינס אַן אָנדייט דערמוטיקט דעם שרייבער ווייטער צו שאַפן. נאָכן איבערלייענען — ענטפערט ער באַלד.

•

בריוו באַקומט דער דוקאָרער אָן אַ שיעור און מיט דער „רעזידענץ" פון יידיש־לאַנד, ווילנע, איז ער אין אַ כסדרדיקן קאָנטאַקט: אָנגעהויבן פון די פאָלקסשולן ביז צום ייוואָ. טשאַרנים בריוו־אַרכיוו האָט אַ גרויסן ליטעראַר־היסטאָרישן ווערט. דער קומענדיקער ליטעראַטור־היסטאָריקער וועט פונעם בריוו־אַרכיוו האָבן אַ שלל מיט אינטערעסאַנטע פּרטים וועגן יידישע שריי־בער — און בפרט פון דער משפּחה טשאַרני: ש. ניגער און ב. וולאַדעק.

•

ווער עס קומט פון יידיש־לאַנד קיין פּאַריז באַזוכט דעם דוקאָרער און גיט אים אָפּ גריסן האַרציקע, ווי צו אַן אמתן אַמבאַסאַדאָר. ער זאָרגט פאַר זיינע יידיש־לאַנד בירגער, אַז עס זאָל זיי ניט געשעען קיין שלעכטס. פאַר יעדן האָט ער תמיד עפּעס צו דערלייזיקן — דעם אַ טובה, אַ פּראָטעקציע, אַן אַנדערן — אַ אינטערווענציע און אַזוי כסדר.

•

און ס'טעפּעלע קאַווע גייט ניט אַראָפּ פון זיין שרייבטיש.

ד"ר י. ב. צפור / דאָס בוך פון היימישקייט

מעמוארן און כראָניקעס ווערן אין דער וועלט־ליטעראַטור באַטראַכט אַלס ווערק פון אַן אומגעהויערע וויכטיקייט. חוץ דעם, וואָס זיי שטעלן מיט זיך פאָר א דאַנקבאַרן מאַטעריאַל פאַר היסטאָריקער און וויסנשאַפטלער, זענען זיי ממש אַן אומאָפּשעצבאַרער אוצר פאַר דיכטער און פּראָזע־קינסטלער פון אַלע געביטן, וואָס באַגניגן זיך ניט בלויז מיט פעסטשטעלן טרוקענע געזעצן, נאָר באַמיען זיך צוריקצוברענגען אין באַוועגונג דאָס האַרץ פון אַן אָפּגעשטאָרבענער תקופה, איר צוריקצוגעבן בלוט און פלייש און זי אַוועקצושטעלן פאַר אונדזערע אויגן אַ לעבעדיקע, מיט אַלע אירע סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע דערשיינונגען און אייגנאַרטן, מיט אירע אידעאַלן און שטרעמונגען, מיט איר עקאָנאָמישן האַנדל־וואַנדל, און דערהויפּט מיט אירע אויסדרוקס־מעגלעכקייטן, ד"ה מיט איר לעבנס־שטייגער.

מעמוארן און כראָניקעס זענען אויף אַזויפיל ווערטפולער אויף וויפיל זיי שפּיגלען אָפּ די אינטימלעכקייט און די היימישקייט פון אַ סביבה אין אַ געגעבענער תקופה: מאַמענטן און שטריכן פון מענטשן. ווען זיי געפינען זיך אויסער יעדן געזעלשאַפטלעכן דרוק, און קענען פאַר אונדז דערשיינען אפילו אַן דעם קאָנווענציאָנעלן „האַלדז־טיכל".

צו די באַרופנסטע ווערק אויף דעם געביט געהערן: די מעמוארן פונעם קאַרדינאַל דע רעטץ, די מעמוארן פון סאַן־סימאָן, די קאָנפעסיעס פון זשאַן זשאַק רוסאָ, די מעמוארן פון היינען וכדומה.

אין דער יידישער ליטעראַטור זענען מעמוארן און כראָניקעס, פון גוטן מין, אַ יקר המציאות. ביכער וואָס רופן זיך מעמוארן זענען פאַראַן נאָך אפשר צופיל.

נאָר אייניקע זענען דאָ אַן אויסנאַם.

פעלט אָבער די דאָזיקע מחברים די באַגאַבונג פונעם דערציילער, דאָס אויג פונעם באַאָבאַכטער און איבער אַלעם — אויפריכטיקייט.

צו דער קליינער צאָל מעמוארן־ווערק וואָס אונדזער יונגע, יידישע ליטעראַטור פאַרמאָגט, ברענגט אונדז דניאל טשאַרני איצט צו זיין „באַרג אַרויף", אַ ווערק, מיט וועלכן ער שטייגט ווייט איבער זיינע פאַרגייער שוין דערמיט גופא, וואָס חוץ דעם זייער אינטערעסאַנטן מאַטעריאַל, טראָגט עס אין זיך דעם הויך פון אַ קינסטלערישער, צאַרטפילנדיקער

נשמה. א גרויסע מעלה אין דניאל טשארניס מעמוארן איז די ווארעמע אטמאספערע פון היימישקייט, פון פארטרוילעכער אינטימיטעט אין וועל־כער ער הילט איין די געשטאלטן און די געשעענישן, וואס ער באשרייבט, און מאכט זיי אונדז ברידערלעך נאענט. מיר לעבן מיט מיט די מענטשן פון דער פארצייטיקער תקופה, מיר אטעמען ממש די לופט פון יענער צייט. ניט א ווייניקער גרויסער מעלה, און אפשר די סאמע גרעס־טע, איז דער שטילער, פיינער הומאר, וואס שמייכלט ארונטער פון יעדן זאץ און אט די אפגעפליקטע „בלעטלעך פון א לעבן". דער דאזיקער צערט־לענדיקער הומאר איז פאר א ליריקער פון ד. טשארניס שניט, כמעט א רעטונגס־ברעט. ווייל דער ליריקער איז בטבע דורך און דורך סוביעקטיוו, און סוביעקטיוויטעט איז פאר א מעמוארן־שרייבער געפערלעך. א דאנק זיין פיינעם הומאר געלינגט עס אבער דעם ליריקער טשארני צו האלטן זיך עקשנותדיק אויף דער פלאך פון אן אביעקטיוון באאבאכטער און צו געווינען אונדזער פולסטן פארטרויען. מיר גלויבן אים, אט דעם דאזיקן „געטשקע" און „פליאגע" מיט זיינע טויזנט קרענק; מיר קריגן אים ליב צוזאמען מיט זיין מאמען ברכה, מיט זיינע ברידער, וואס זענען ווי „פינף פינגער אין א האנט" פון וועלכע ער, טשארני, איז „דער פינפ־טער"... מען וואלט אונדז זאגן, אז דער אויטאר גופא פילט, אז אין זיין הומאר ליגט דער גאנצער כח פון זיין אביעקטיוויטעט, און אז ער קלאמערט זיך אן אים מיט אלע זיינע נערוון, אפילו אין אזעלכע קאפיט־לען ווי „די פליטה פון דער רעוואלוציע", „יידישיזם", „פארטיי־עגונות" וכדומה, וואו עס דוכט זיך, אז אט וועט אים די אביעקטיוויטעט פאר־לאזן און זיין הומאר וועט זיך פארוואנדלען אין א שארפער סאטירע. ער באווייזט אבער זיך אליין גובר צו זיין און פארענדיקט די פאר אויבנ־דערמאנטע קאפיטלעך מיט פאלגנדיקע זייער הומאריסטישע שורות:

„נאך די פייערדיקע רעדעס וועגן יידישיזם און וועלטלעכער קולטור — פלעגט דער כאר פון „השחר", צי פון „הזמיר" אויסדונערן איבערן גאנ־צן זאל:

...דער מלך איז געשטארבן,
די מלכה איז פארדארבן,
די נעסט איז צובראכן,
דאס פייגעלע איז אנטלאפן..."

אין דער פאנטאזיע פונעם דיכטער דניאל טשארני, סימבאליזירן די דא־זיקע עטלעכע קורצע שורות פונעם פאלקס־לידל ניט ווייניקער, הגם אויף א הומארפולן אופן, דעם באנקראט פון דער דעמאלטיקער רעוואלוציא־

נערער באַוועגונג און די פּחדנישע דעזערציע פון דער יידישער אינטע־ליגענץ.

•

אויב פון היסטאָרישן שטאַנדפּונקט האָט דניאל טשאַרנים „באַרג אַרויף" אַ געהעריקן ווערט, האָט ער, פון ליטעראַטור־געשיכטלעכן שטאַנדפּונקט, נאָך אַ פּיל גרעסערן, אַ דאַנק דעם, וואָס דניאל טשאַרני איז ניט סתם אַ גוטער דערציילער, נאָר אויך אַ באַגאַבטער צייכענער פון טיפּן און כאַ־ראַקטערס און אַ זעלטענער מאָלער פון סביבה און אַטמאָספערע. זיין יע־דעם קאַפּיטל איז אַ קינסטלערישער גראַטעסק, געמאָלן מיט שטילע, אָבער עקספּרעסיווע פאַרבן, וואָס פאַנגען די אויפמערקזאַמקייט פונעם לייענער און דערלויבן אים ניט אַדורכצולאָזן קיין איינס פון דער דאָזיקער מערק־ווירדיקער בילדער־גאַלעריע.

באַזונדערס אינטערעסאַנט איז די דאָזיקע בילדער־גאַלעריע פאַר יונגע שרייבער, וואָס האָבן נויטיק זיך צו באַקענען מיט דער תקופה, וואָס דניאל טשאַרני באַשרייבט, און וואָס טראָגן זיך אַרום מיטן געדאַנק צו־ריק אַרויסצורופן צום לעבן, אין אַ קינסטלערישער פאָרעם פּערזענלעכקייטן און געשעענישן פון יענער צייט. אין דעם פּרט וועלן טשאַרנים מעמוארן פאַר זיי זיין אַן אמתער פּראָזשעקטאָר.

•

דעם איינציקן חסרון, וואָס די דאָזיקע מעמוארן פאַרמאָגן, איז זייער קורצ־קייט, ביי אַזעלכע גוטע באַגאַבונגען, האָט זיך דער מחבר געמעגט דער־לויבן צו זיין אַ ביסל מער פאַרשווענדעריש הן אין פאַקטן גופא, הן אין איינצלהייטן. דאָס בוך לייענט זיך מיט אַזויפיל אינטערעס, אַז עס פאַר־דריסט ממש, פאַרוואָס עס איז אַזוי קורץ. עס וואָלט זיך וועלן לייענען און לייענען. ווי דניאל טשאַרני אַליין פאַרזיכערט אונדז אָבער אין זיין הקדמה, איז „דאָס גאַנצע בוך ניט מער ווי אַ קיצור פון זיין מאַנוסקריפּט, וואָס דערווייל לאָזט ער זיך נאָך ניט פּובליקירן אין זיין גאַנצן פאַרנעם". לאָמיר האָפן, אַז עס וועט ניט לאַנג דויערן, און מיר וועלן דעם דאָזיקן „מאַנוסקריפּט אין זיין גאַנצן פאַרנעם", לייענען אַ געדרוקטן, און דאַן וועט מען ערשט פילן דעם גרויסן צושטייער וואָס דניאל טשאַרני האָט געבראַנגט דער יידישער ליטעראַטור מיט זיינע מעמוארן.

ר. צרפת / אונדזער אַלעמענס דוקאַר

אויב מען זאָל אָננעמען, אַז די יידישע ליטעראַטור איז די טעריטאָריע פון עקס־טעריטאָריאַלן פאָלק און אונדזערע שריפטשטעלער זענען די לאַנדווירטן, וואָלט איך געזאָגט, אַז דניאל טשאַרני איז ניט פון אונדזערע גרויסע גוטבאַזיצער, וועלכע פאַרמאָגן די צענדליגגער טויזנטער צענטנער תבואה און פאַרוואַרפן מיט זיי דעם מאַרק.

איך וואָלט אפילו געזאָגט, אַז דניאל טשאַרני איז ווייט פון די „קולאַקעס", ד"ה אַזעלכע מיטעלע פויערים, וואָס האָבן ליב אַרויפצוקריכן אויף אַ פרעמדער מעזשע, כדי צו האָבן נאָך עטלעכע הויפנס פאַרזייטע תבואה.

ניין, דער חבר טשאַרני איז ניט דער מענטש דערפון, ניט אין לעבן, ניט אין שרייבן. ער שרייבט, ווי ער לעבט און ער לעבט, ווי ער שרייבט: אַלץ אייגנס פון קיינעם ניט גענאַשט. שטיל, באַשיידן, אָן פּרעטענזיעס אויף וועלט־איבערקערענישן, לייכט, באַהאַרצט, באַחנט, מיט אַ מייסטער־האַפט־געשליפענעם פערז און מוסטערהאַפט געשליפענער שפּראַך.

ער דרשנט ניט און שטראָפט ניט, ער קלאָגט ניט און באַזינגט ניט. ער פיקסירט נאָר אַ בילד אָדער אַ שטימונג מיט געציילטע, אָבער געפּערלטע ווערטער. אַזוי איז ער אין זיינע שאַפונגען פון די יונגע יאָרן, אַזוי איז ער אין זיינע שפּעטערדיקע שאַפונגען. צום ביישפּיל: דער „צעשאָסענער צי־פערבלאַט", אַ ליד, וואָס באַשטייט סך הכל פון זעקס סטראָפעס, אָנגע־שריבן מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם, גיבן אַזאַ שטאַרקן און בולטן בילד פון דער רוסישער רעוואָלוציע, אַז בעת איר לייענט, וואַקסט אויס פאַר אייערע אויגן אַן אויסגעהאַקטע סקולפּטור.

•

די באַשיידנקייט פון דניאל טשאַרנין, דעם מענטש און דעם דיכטער דער־גייט אַזוי ווייט, אַז אין אַ ליד „ים־שווינדל" פון 1925 יאָר זאָגט ער:

איך האָב אויף דער יבשה נאָך קיינמאָל ניט געזען
אַזאַ פאַרווילדערטע רציחה, ווי ס'פאַרמאָגט דער ים.
ווען ס'וואָלט דערפון אַ צענטחלק פאַרמאָגט מיין פען —
וואָלט אויך מיין ליד געשטורעמט איבער פערז און גראַם.

און ווען איך גיב אַ טראַכט וועגן דער לייכטקייט און יוגנטלעכקייט פון

דניאל טשארניס פערזאָן, ווײַל איך ניט גלויבן, אַז ער פּערזיינט זיינע קער־נער שוין גאַנצע פינף און צוואַנציק יאָר.

פינף און צוואַנציק יאָר אַקערן און זייען אויף די פעלדער פון „יידיש־לאַנד", זייענדיק אַליין אַ נע ונדניק, אַ וואַנדרערער, אַ היימלאָזער. דאָך אָבער איז אויך אפילו אין זיינע שאַפונגען פון די לעצטע יאָרן ניטאָ קיין סימן פון פאַרביטערטקייט, נאָר פאַרקערט, אין אַ ליד „וואַנדער־בעטן" פון 1926 יאָר זאָגט ער:

כ'ליב אַזוי צו שלאָפן אין די וואַנדער־בעטן
פון כלערליי וואַגאָנעס, שיפן און האָטעלן,
מיט שווינדל־קאָפּ און אַקסל פרעמדע קישנס קנעטן
און שפּירן ווי מאַטראַצן פון מיין לייכטקייט קוועלן.

הערט נאָר, ווי לייכט, ווי יונג, ווי שעפעריש! און ווי ס'איז ניטאָ קיין שפור פון גאַליקייט און פּראָטעסט קעגן זיין לאַנג־יאָריקן נע ונד זיין.

•

ער איז נאָך גרייט בסדר זיך אַרומצוהוידן און אַרומצושפּרינגען ווי אַ סאַרנע, ניט געקוקט אויף דעם שווערן לאַסט פון פאַרלאָפענער 25 יאָרי־קער ליטעראַרישער און, אגב, אויך קולטור־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. אַזוי חלומען פון האָטעלן, באַנען און שיפן קען נאָר אַ יונגער מענטש, וואָס האָט אָקאָרשט געענדיקט גימנאַזיע און קען די וועלט נאָר לויט דעם אַט־לאַס, אָבער ניט אַזאַ מענטש ווי דניאל טשארני, וואָס קען שוין די וועלט און די וועלט קען אים. זאָלן אים זיינע אייגנשאַפטן בלייבן ווי טרייע באַגלייטער אויך אין זיין ווייטערדיקן שעפערישן לעבנס־וועג און זאָל ער נאָך לאַנג לעבן און שאַפן פאַר זיין דוקאָר, פּ א ר א ו נ ד ז ע ר אַלע־מענס דוקאָר.

לאַזאַר קאַהאַן / מיטן וואַנדערשטעקן אין האַנט

דריי ברידער זענען זיי. פּאָפּולערע, יידישע שרייבערס. פּאַרדינסטפולע אָפּיצירן פון יידישן קולטור־פראָנט. דניאל טשאַרני איז דער יינגסטער.

די עלטערע ברידער האָבן מיט יאָרן צוריק פאַרלאָזן די אַלטע היים, גע־זוכט, און אויך געפונען מער מזל אין דער גאָלדענער מדינה, מעבר לים. זיי האָבן זיך אויסגעזוכט אַ נייע היים און זיך אויך אויסגעקליבן נייע נעמען: ב. וולאַדעק און שמואל ניגער.

אָבער דאָס איז זיכער ניט דערפאַר, וואָס זיי האָבן געוואָרפן אַן אומחן אויף זייערע ירושה־נעמען. פּונקט ווי זיי האָבן ניט פיינט־געקריגן זייער אַלטע היים, אַזוי האָבן זיי זיך אויך ניט געשעמט מיט זייערע אַלטע נעמען, הגם דער היימישער נאָמען — טשאַרני — האָט ניט אינגאַנצן האַרמאָנירט מיט זייערע רעוואָלוציאָנערע גייסטער און מיט זייערע פריי־הייטס־קעמפערישע נאַטורן. זיי האָבן זיך שוין לאַנג געשיידט מיט זייער אַלטער היים, אָבער פיל פריער האָבן זיי זיך געזעגנט מיט זייער ירושה־נאָמען. און דאָס איז מסתמא געווען דערפאַר, וואָס זיי האָבן ביידע גע־אַרבעט אין אומלעגאַלע, אונטערערדישע פּאַרטייען אין צאַרישן רוסלאַנד. ב. וולאַדעק האָט געהערט צום „בונד" און שמואל ניגער — איז געווען אַ פירער פון ס"ס, און אין די צאַרישע צייטן האָבן אפילו פּאַרטיי־זעלנער געמוזט אָוועקוואַרפן זייערע אייגענע, פּאַקטישע נעמען. איבער־הויפּט זענען געצוואונגען געווען דערצו פּאַרטיי־אָפּיצירן. האָבן זיי זיך אויסגעזוכט פּסעוודאָנימען, פּאַרשטעלטע נעמען, און מיט די דאָזיקע אויסגעטראַכטע נעמען זענען זיי אַריין אין קאַבעדיקן, יידישן, רעוואָלו־ציאָנערן לעבן, גענומען פּלאַצן די יונגע יידישע ליטעראַטור און זיך אַזוי צונויפגעוואַקסן מיט זייערע פּסעוודאָנימען, אַז זיי האָבן זיך מער מיט זיי שיידן ניט געקאָנט.

אַן אַנדער מזל האָט אָבער געהאַט דאָניע, דער יינגסטער ברודער. אים איז ניט באַשערט געווען צו געפינען גליק אין דער נייער וועלט. ער איז געבליבן אין דער אַלטער היים און אויך זיין נאָמען ניט געטוישט. ער טראָגט די גאַנצע צייט, אויף אַלע זיינע וואַנדער־וועגן און וואָגלענישן דעם ירושה־נאָמען: טשאַרני.

•

דניאל טשאַרני איז געבליבן אין דער היים... עס רעדט זיך נאָר אַזוי. ער איז געבליבן אין דער „היים" — מסתמא ניט צוליב דעם, ווייל ער האָט זיך מיט זיין אַלטער היים ניט געקאָנט שיידן...
יאָ, ער איז געבליבן אין דער היים און כמעט זיין גאַנץ לעבן קיין היים ניט געהאַט. און אויך איצט איז ער אַ היימלאָזער.
אַ וואַגלער איז ער, אַן אייביקער וואַנדערער. קאָן זיין, אַז ער טראָגט אין זיך אַ אומרואיקן גייסט. קאָן זיין, אַז אין אים וואוינט אַ חשק און אפשר אויך אַ ליידנשאַפט צו וואַנדערן, ניט צו פאַרגליווערט ווערן אויף איין אָרט.
קאָן זיין. איך האָב אָבער דעם איינדרוק, אַז דניאל טשאַרני איז אַ וואַנ־דערער ניט מרצון, נאָר מאונס — מען לאָזט אים ניט זיצן אויף אַן אָרט. מען פאַרגינט אים ניט, פונקט ווי אַלע יידן, אַ שטיקל מקום־מנוחה. ער ווערט געטריבן, געיאָגט, ער ווערט גענויט צו וואַנדערן.
און פאַקטיש, ווער עס קען דעם רואיקן, שטילן, קוים איינגעבויגענעם דניאל טשאַרנין, ווייס אויך וויפיל מאָל ער איז די לעצטע יאָרן געווען געצוואונגען צו פאַרלאָזן זיינע וואוינערטער: בערלין, ריגע, ווילנע.
ניין, די דאָזיקע שטעט האָט ער פאַרלאָזט ניט דערפאַר, וואָס ער האָט זיך ניט געקאָנט דאָרט קיין אָרט געפינען. מען האָט אים ניט געלאָזט רואיק זיצן אפילו דעמאָלט, ווען עס האָט זיך אים שטאַרק ניט געגלוסט צו נעמען דעם וואַנדער־שטעקן אין האַנט...
דער גורל פון אייביקן ייד. ער באַווייזט ניט זיך אָנצוואַרעמען אין איין שטאָט און מען זאָגט אים גלייך: ר' ייד, זייט אייך מטריח, אַ לאַנד ווייטער...
ניין, עס איז פאַר אים ניט קיין גרויסער תענוג דאָס נע ונד־זיין. איר קאָנט עס אַראָפּלייענען פון זיין אומעטיקן פּנים. איר באַמערקט עס פון זיינע אַראָפּגעדריקטע פּלייצעס, וואָס ווערן נאָך יעדן גלות זיינעם מער אַראָפּגעבויגן. איר זעט עס פון זיין הויכן געפאַלדעוועטן שטערן, וועלכער ווערט נאָך יעדן גרוש זיינעם באַרייכערט מיט נייע קנייטשן.
נאָר אַ ברירה האָט ער? וואָס זאָל אַ געיאָגטער און געפּלאָגטער ייד טון? ער בויגט זיך איין, נעמט זיין וואַנדער־שטעקן אין האַנט און וואָגלט ווייטער.
שווער איז זיין נע ונד־גורל. דאָס האָט געווירקט אויף אים פיזיש, אָבער ניט גייסטיק. דאָס ביטערע מזל זיינס, דער געצוואונגענער גלות האָט בלויז זיין רוקן אַ ביסל אַראָפּגעקוועטשט, זיין געזונט שטאַרקער אָנגע־גריפן. זיין גייסט איז אָבער געבליבן פריש און לויטער. אדרבה אין די דאָזיקע, זיינע שווער געפּרואווטע יאָרן פון געצוואונגענעם וואָגלען איז

זיין לאַגישער שכל מער אויסגעלייטערט געוואָרן. זיין מוט איז אין דער צייט געהאַרטעוועט און געקרעפּטיקט געוואָרן. זיין האָריזאָנט ברייטער און ווייטער.

מיט זיין דין־איראָנישן שמייכל שפּרייזט ער איבער די אים אָנגעוואָרפענע וועגן פון דער היינטיקער, משוגענער צייט. ער ווייסט איין זאַך: אָפּצו־היטן געטריי און וואַכזאַם דעם גאָרטן פון דער יידישער ליטעראַטור.

•

פונקט ווי אַ פרומער ייד וועט ניט פאַרגעסן אויף זיין וואַנדערונג דאָס טלית־ און תפלין־זעקל, אַזוי האָט דניאל טשאַרני אויף קיין איין רגע פון זיין זינען ניט אַרויסגעלאָזט דאָס יידישע וואָרט און טראָגט כסדר מיט זיך אויף זיין פּלייצע דאָס פּעקל פון דער יידישער ליטעראַטור.

ער איז דער מתמיד אין דער יידישער ליטעראַרישער משפחה. ווי אַ גע־בוירענער און פּראָפעסיאָנעלער ביבליאָגראַף נישטערט ער צווישן ביכ־לעך, זשורנאַלן און געפינט שוין אויס דאָס ווערטפולע אין זיי. פון יעדן געדרוקטן בוך, צי זשורנאַל, וואָס דערשיינט ערגעץ אין אַ פאַר־וואָרפענעם יידישן ישוב פאַרשטייט ער אַרויסצופישן דאָס אינטע־רעסאַנטע, דאָס ווערטפולע און עס אַרויפצוציען אויף זיין שנירל ווי פּערל. און דאַן טראָגט ער עס אונטער דעם יידישן לעזער־עולם אויסגע־קליבן, אויסגעזופּט, אויסגעלייטערט.

אַ קריטישער אַרטיקל פון דניאל טשאַרני איז אָנגעפּיקעוועט ווי אַ מיל־גראַם מיט אינטערעסאַנטע, גוט־קאָנטראָלירטע, ליטעראַרישע ידיעות און מיט אַ קריטישן וויסן וועגן אַלץ, וואָס עס טוט זיך אין יידישן ליטעראַ־רישן וועלטל.

און בינו לבינו, צווישן איין ליטעראַרישן פעליעטאָן און אַן ערנסטן אַר־טיקל וועגן אַ יידישער קולטור־פּראָגע, זעצט ער זיך אַוועק אין דער שטאָט, וואו דער גורל האָט אים גראָד אַריינגעוואָרפן און שרייבט אָן אַ קאַפּיטל פון זיינע וואונדערבאַרע זכרונות.

ער האָט אַ סך אינטערעסאַנטעס דורכגעמאַכט אין זיין טראַגישן לעבן. פון זיין פּאָעטישער פעדער ווערן געשאַפן בילדער פון דער פאַרגאַנגענהייט ווי געמאָלן מיט אַ פּענדזל פון אַן אַרטיסט פון גרויסן פאַרנעם.

און דאָס אַלץ ווערט געשאַפן מיטן וואונדערשטעקן אין האַנט!...

צו זיין יובל ווינטשן מיר דעם טייערן דניאל טשאַרני, אַז ער זאָל ווײ־טער קאָנען ביי רואיקע באַדינגונגען שאַפן זיינע ווערטפולע אַרבעטן פאַר דער יידישער ליטעראַטור.

ש. קאַלדאַווסקי / הומאָר און נשמהדיקייט

איך האָב ערשט ווידער איבערגעלייענט דניאל טשאַרנים „באַרג אַרויף“. דאָס איז אַ מערקווירדיק בוך, וואָס איך וואָלט רעקאָמענדירט יעדן פריינד מיינעם צו פאַרגינען זיך דעם נחת רוח און עס צו לייענען. עס איז דאָ אַזויפיל שיינקייט אין דעם בוך, אַזאַ פיינער הומאָר און אַזויפיל נשמה־דיקייט, וואָס פאַרשאַפט אַ גרויס פאַרגעניגן עס צו לייענען און ווידער לייענען.

איך האָב געהאַט די זכיה צו האָבן געלייענט אַ צאָל קאַפּיטלעך פון דעם בוך, בעסער געזאָגט פאַרגעלייענט, טאַקע פון דעם מחבר אַליין.

דאָס איז געווען, ווען מיר האָבן ביידע געלעבט אַ געוויסע צייט צוזאַמען אין וויסבאַדן, דייטשלאַנד, נאָך פאַר דעם חורבן־היטלער.

אין „באַרג אַרויף“ שרייבט דניאל טשאַרני זיינע מעמואַרן. דאָס זענען אָבער מעמואַרן געשריבן אויף גאָר אַן אַנדער אופן, ווי מיר זענען עס געוואוינט געוואָרן צו זען ביז איצט. דאָס זענען אַ רייע לעבעדיקע בילדער, געמאָלן אויף אַזאַ קינסטלערישן אופן, מיט אַזויפיל חן און וואַרעמקייט, וואָס הויבט מען עס אָן לייענען קען מען זיך פון דעם ניט אָפּרייסן.

אַ חוץ דעם דערשיינען פאַר אונדז אין דעם בוך אַ רייע באַקאַנטע פּער־זענלעכקייטן, וועלכע האָבן געשפּילט די פירנדיקע ראָלע אין אונדזער נאַ־ציאָנאַלן, קולטורעלן, סאָציאַליסטישן און ליטעראַרישן לעבן אין דעם לעצ־טן פערטל יאָרהונדערט.

•

דניאל טשאַרני איז דער יינגערער ברודער פון שמואל ניגער און ב. וולאַ־דעק און במילא באַקענען מיר זיך אין דעם בוך פיל נאָענטער, אינטימער, מיט די צוויי וויכטיקע פּערזענלעכקייטן, אָבער ניט פיל מער, ווי מיט אַנדערע פון אונדזערע גדולים, שלום עליכם, נאָמבערג, לאַצקי־בערטאָלדי, און אַנדערע.

דעם ערשטן באַנד „באַרג אַרויף“ פאַרענדיקט דניאל טשאַרני ביז דעם אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה.

דניאל טשאַרני האָט אַ סך צו דערציילן פון זיינע דעמאָלטיקע איבערלע־בונגען, וואָס זענען פון גאָר גרויסן, יידיש־קולטורעלן אינטערעס.

ב. קאַצענעלזאָן / „לייכטע פּערזן“

אַ דאַנק, אַ דאַנק! ווידער האָט מיין נשמה זיך באַהעפט מיט דער שיינקייט פון עכטן, ניט־געקינסטלטן טרויער, לידער אָן פּרעטענזיעס, „לייכטע פּערזן“; פלאַטערן זיי, ווי שמעטערלינגען אין אַ זוניקן קרייז, און זענען אָן אָפּרישונג פאַר אַלטע און מידע. אַזויפיל אומעטיק־שיינע דערמאָנונ־גען האָבן די „לייכטע פּערזן“ אויפגערירט אין מיין זכרון. „אַמאָל איז גע־ווען“... געקומען צו דיר אַ חבר פון ווייטן שטעטל. דו האָסט זיך אַזויפיל געביטן, אַז דאָס שטעטל ניט. דיין חבר אויך ניט. דערציילט דיין חבר, און דו הערסט־צו מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ און מיט אַ העלע פייכטקייט אין די אויגן. לאַכסט און פילסט: אַמאָל איז געווען...

ביי דעם שטיין פון דיין מצבה
וייל איך תמיד מיינע יאָרן —

ווער איז געשטאָרבן? — ווייסט ניט. זעסט אָבער דעם שניי אויפן קבר, דעם נאַקעט־געבויגענעם בוים לעבן פּלויט, און דו ווערסט אַ יתום.

עס טרעפט אַ מינוט,
ווען די אייביקייט קוקט דיר אין די אויגן.
עס ווערט אַזוי גוט...

אָ, וויפיל מינוטן אַזעלכע האָסטו געהאַט?
אין אַ ליד „מאָסקווער געסלעך“ זינגט דניאל טשאַרני:

...און כ׳וואָלט איצטער גערן אין ערגעץ אַ קאַמער,
דערציילט זיי אַ מעשה פון סערפּ און פון האַמער,
צי אפשר דערקלערט זיי די לעצטע דעקרעטן —
און כ׳וואָלט בעת מעשה אַ קעצעלע גלעטן.

•

יאָ, מיין פריינד! צייטן בייטן זיך. מלחמות, רעוואָלוציעס, נייע לאָזונ־גען. אָבער גוט איז נאָך אַלץ צו זיצן ערגעץ אין אַ קאַמער און אַ קעצעלע גלעטן. און תמיד וועלן מיר מיט אַ באַזונדערע פריידיקייט אין האַרצן לייענען אַזעלכע לידער ווי דניאל טשאַרניס „לייכטע פּערזן“.

מ. קיטאַי / דער וועלט-בירגער פון יידישלאַנד

דער מוזיניק פון דער טאַלענטירטער משפחה, דער יינגסטער פון די דריי ניגער־וולאַדעק־טשאַרני איז שוין א בן חמשים. הייסט עס, אַז אַ מוזיניק קאָן אויך ווערן אַ פופציקער... ס'ווערט אַביסל קאַלאַמוטנע אויפן האַרצן, ווען מען דערמאָנט זיך, ווי די יאָרן לויפן, ווי דאָס אייזערנע געזעץ פון דער צייט גייט זיך זיין וועג און באַדעקט מיט שניי די קעפּ פון די, וואָס מיר געדענקען זיי אַזוי יונג, וואָס זענען נאָך אייגנטלעך יונג. וואָרעם איר וועט דאָך ניט איינרעדן, אַז דער דאָזיקער דניאל טשאַרני, אָדער ווי מען רופט אים אין די ליטעראַרישע קרייזן, דאָניע, מיטן שטענדיקן שמייכל אויף די ליפּן, איז אַלט אַ פופציקער. גיכער איז ער יונג פופציק. איז ער דאָך נאָך דער געפּיעשטשעטער, באַליבטער, ניט נאָר אין זיין משפחה, נאָר ביי אַלע, וואָס קענען אים, דער עיקר ביי שרייבער, ביי קינסטלער, ביי אינטעלעקטועלע. דער אַלגעמיינער ליבלינג. ביי אַלע, וואָס קענען אים. און ווער קען אים ניט? ווער האָט זיך ניט באַגעגנט מיט טשאַרנין? ווער האָט מיט אים ניט געהאט פאַרבינדונגען? ווער האָט זיך מיט אים ניט אַדורכגעשריבן?

איז דאָך דניאל טשאַרני דער ליטעראַט, דער מכנים־אורח. זיינע טירן זענען תמיד געווען אָפן פאַרן יידישן שרייבער אין מאָסקווע, אין בערלין, אין ריגע, אין ווילנע, אין פאַריז — און וואו ניט? ער, דער מכנים־אורח, איז אַליין אָפט אַן אורח, אַן אָנגעלייגטער גאַסט, אַ וואַנדערער — אַ גורל אַזאַ פון אַ געווויסן טייל יידיש־שרייבער. ער איז אָבער אומעטום היימיש, אומעטום אַן אייגענער. אין ערגעץ ניט קיין פרעמדער. קיין זייטיקער, נאָר תמיד אין מיטן, אינעם צענטער, וואו ער זאָל ניט זיין. טשאַרני שאַפט תמיד אַרום זיך אַ סביבה. זיין גרויסע ליבע צו יידיש, צו דער יידישער ליטעראַטור, צו יידישע שרייבער, זיינע פערזענלעכע מעלות ציען צו אים צו, מאַכן אים נאָענט. באַליבט.

•

ד. טשאַרני איז תמיד געווען אַ פאַרבינדונגס־פונקט. צו אים האָבן זיך געצויגן און ציען זיך די פעדעם פון כמעט דעם גאַנצן יידיש־ליטעראַרישן וועלטל. ער רעדט אַליין אָפט וועגן אַ „יידיש־לאַנד", וואָס איז ברייט און פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, און ער פילט זיך אין דעם היימיש,

ער, דער וועלט־בירגער, דער ערנבירגער פון „יידיש־לאַנד“, וואָס איז זיין שטאָלץ און פרייד.

•

דניאל טשאַרני האָט אָנגעהויבן שרייבן לידער אין דער צייט, ווען ביי אונדז האָבן זיך צעקלונגען די זילבערנע גלעקלעך פון דער ראָמאַנטיק. יהואש און מאָרים ראָזענפעלד אויף יענער זייט ים, איינהאָרן, אימבער, סעגאַלאָוויטש און טייטלוויז אברהם רייזען — אויף דער זייט זענען דעמאָלט געווען די אָפיציעלע טאָן־געבער פון דער יידישער פּאָעזיע. צו זייער כאָר האָט זיך פאַריניקט דניאל טשאַרני, ווי די אַנדערע דיכטער פון יענער צייט. ערשט אין יאָר 1925 האָט טשאַרני ארויסגעלאָזט זיין ערשט ביכל לידער „לייכטע פערזן“. די ערשטע תקופה פון זיין דיכטונג איז געווען אַ לייכטע, אַ שפּילעוודיקע און זינגעוודיקע. די זאָרגלאָזע יוגנט האָט פון אים אַרויסגעזונגען. ערשט אין יאָר 1929 האָט זיך אין בערלין באַוויזן זיין צווייטע זאַמלונג „אונטערוועגס“, וואו מיר באַמערקן טיפערע געפילן, ערנסטערע און שטאַרקערע. טשאַרני איז געוואָרן רייפער, פאַרטראַכטער, קרעפטיקער.
די אַדורכגעלעבטע צייטן האָבן אויף אים געווירקט און באַאיינפלוסט זיין שרייבן.

•

אַ באַזונדערע נטיה האָט טשאַרני פאַר קינדער־מעשהלעך. ער קומט צום קינד ניט ווי אַ לערער, אַנווייזער, אפילו ניט ווי אַן עלטערער ברודער, נאָר ווי אַ חבר, אַ גלייכער, וואָס חלומט אויס צוזאַמען מיטן קינד זיינע פאַנטאַזיעס. מיט צאַרטקייט, אינטימלעכקייט, באַהאַרצטקייט דערציילט ער זיינע מעשהלעך אין פערזן און אין פראָזע, פון וואַנען עס קוקט ארויס דאָס טיפע מענטשלעכע, וואָס וואַרעמט און דערנעענטערט.
אָט דאָס אינטימע, באַהאַרצטע פילט זיך אויך אין זיין גרויס בוך „באַרג אַרויף“ (משפּחה־כראָניק) וואו טשאַרני דערציילט אונדז מיט אַן אומעטיקן שמייכל וועגן זיין שטעטל, עלטערן, ברידער, קרובים; חברים און פירט אונדז פאַמעלעך אַריין אינעם קרייז פון זיינע פּערזענלעכע ליידן און איבערלעבונגען. דערביי וויקלט ער פונאַנדער פאַר אונדז אַ בילד פון חברישע און ליטעראַרישע באַציאונגען, אַזוי אַז דאָס בוך וואַקסט אויס אין אַ דאָקומענט פון אונדזער צייט און באַקומט אַ קולטור־היסטאָרישע חשיבות. ער פירט אונדז אַרויס פון זיין שטעטל אויפן ברייטן שליאַך פון גרויס־שטאָט; פון היימישע מענטשן און פערזענלעכער משפּחה־

סביבה אין די שוואונגפולע און שעפערישע קרייזן פון אונדזער מאָדער־נער קולטור. דער וועג פון אַ יידישן פאָלקסאינטעליגענט ווערט דורך טשאַרנין געצייכנט מיט אַ פיינער פעדער און אַלץ איז באַהויכט און באַשיינט מיטן חן פון דער פערזענלעכער דערהויבנקייט. „באַרג אַרויף" הויבט אויף דעם פאָרהאַנג פון טשאַרנים לעבן און אַנטפּלעקט אַ סך זאַכן, וואָס גיבן אונדז אַ שליסל צום פערזענלעכן מהות פון די ברידער טשאַרני, ווי בכלל צו אַנדערע ליטעראַטור־ און קולטור־טוער פון אונד־זער דור.

•

מיר גייט דאָ ניט אָבער וועגן דעם בוך. ביכער זענען פאַראַן ביי אונדז אַ סך און ס'ווערן יעדן טאָג אַרויסגעגעבן נייע. דער פּאַפּירענער באַרג וואַקסט. און ס'איז אונדז ווייניק די אייגענע, די יידישע, איז פאַראַן אַ גרויסע וועלט־ליטעראַטור, וואָס לאָזט ניט דעם מענטשן זיך לאַנגווײַלן און באַ־זאָרגט אים מיט גייסטיקער שפּייז. מיר זענען פאַרזאָרגט מיט ביכער אויף עטלעכע לעבנס. און כאָטש יעדעס גוט בוך איז אונדז נאָענט און חבריש, אָבער ס'איז דאָך פאַראַן אַזוינס, וואָס מ'קאָן ניט תמיד געפינען אינעם בוך. דער לעבעדיקער מענטש נויטיקט זיך דאָך אָפט אין אַ טרייסט־וואָרט, אין אַ פריינדלעכן בליק, אין אַ וואַרעמער באַציאונג, וואָס דינט אַלס בריק צווישן מענטש און מענטש. ניט קיין פּאַפּירענע בריק, נאָר אַ לעבעדיקע, אַ צאַפּלדיקע. און דאָ איז דער עיקר דער מענטש, און אָט אַזעלכע מענטשן זענען, צום באַדויערן פאַראַן ביי אונדז געציילטע, צווישן וועלכע טשאַרני פאַרנעמט איינעם פון די שענסטע ערטער, אויב ניט אין דעם אויבנאָן. דערפאַר אַליין, פאַרן טאַלענט צו זיין אַ מענטש, וואָס איז אפשר ניט ווייניקער וויכטיק און נוצלעך אין אונדזער סביבה, ווי דער טאַלענט צו שרייבן, איז טשאַרני ווערט געליבט צו ווערן. פופציק יאָר זיין אַ חברישער, האַרציקער מענטש ביי אונדזערע באַדינגונגען איז באמת אַ זאַך, וואָס דאַרף באַצייכנט ווערן. און מיר ווינטשן דעם פופציק־יאָריקן נאָך אַ סך, אַ סך יאָרן, געזונטע, פרוכטפּערדיקע, ווייל אין אַזעל־כע מענטשן נויטיקן מיר זיך.

י. קלינאָוו / אַ בריוו צו דניאל טשאַרנין

ליבער פֿרײַנד,

יוסף העסען, דער באַקאַנטער פּובליציסט, וואָס האָט אַמאָל געמאַכט פּאָליטיק אין פּעטערבורג, האָט אין צוזאַמענהאַנג מיט יובילייען אַן אויסגעצייכנטע געשיכטע וועגן פּראָפֿעסאָר פּאַוולאָוו — דעם באַרימטן, מעדיצינישן קאָפּ אין רוסלאַנד.

„דער פּראָפֿעסאָר פּאַוולאָוו, דערציילט יוסף העסען, האָט ביי אַ געלעגנהייט פֿון אַן אָפּעראַציע מיטגענומען מיט זיך אַ גרופּע סטודענטן, כדי זיי זאָלן צוזען, ווי ער שניידט אַ חולה אויף גאַל־שטיינער. אין דער קליניק איז געלעגן אויפֿן אָפּעראַציע־טיש דער פּאַציענט, און פּאַוולאָוו האָט, איידער ער איז צוגעטראָטן צו דער אַרבעט, געגעבן גענויע דערקלערונגען די סטודענטן, וואו דער שטיין ליגט, אָט ווי מען דאַרף צו אים צוקומען, און ווי מען דאַרף אים אויסשניידן. ווען פּראָפֿעסאָר פּאַוולאָוו האָט אָבער דעם קראַנקען אויפֿגעשניטן — און געוואָלט אַרויסנעמען דעם שטיין פֿון דעם אָרט, וואָס ער האָט פּרעציז אָנגעוויזן — האָט זיך אַרויסגעשטעלט איין קלייניקייט: פֿון קיין שטיין איז ביים חולה בכלל קיין סימן ניטאָ. וואָס טוט פּאַוולאָוו? ער פֿאַלט ביי זיך ניט אַראָפּ, און ווענדט זיך צו די סטודענטן בזה הלשון: און איצט, מיינע הערן, וועל איך אייך געבן די לעצטע אינסטרוקציע — ווען איר גייט צו אַן אָפּעראַציע פֿון גאַל־שטיינער, זאָלט איר קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן מיטנעמען אין דער טאַש אויף יעדן פֿאַל אַ קליין שטיינדעלע — איר וועט זיך דאַן קיינמאָל ניט קאָמפּראָמיטירן"...

יוסף העסען איז דערצו מוסיף:

„זינט פּאַוולאָוון גילט דעריבער אויך פֿאַר געסט, געלאַדענע צו אַ יובילײ, אַלס אַ כלל: זיך ניט פֿאַרלאָזן אויף קיין נסים, און צוגרייטן לכתחילה, אין דער היים שוין, דאָס „שטיינדעלע" פֿאַרן יובילאַר: די עקספּראָמפּטן־דרשה" —

ליבער דאָניע — אייגנטלעך בין איך פֿאַרשווינט פֿון דעם נסיון. איך זיץ אין בערלין, און די שמחה איז אין קאָוונע. די לאַנגע האַנט פֿון באַנקעטמייסטער קאָן מיך ניט דערגרייכן. ער קאָן מיר ניט באַפֿעלן צום רעדן. ער קאָן מיך ניט מכבד זיין מיטן „יעמוד", נאָך וועלכן מען האָט קיין

אַנדער ברירה ניט, און מען מוז אויפשטיין. ער קאָן עס ניט — און איך האָב אַן אַנדערע ברירה. איך וויל אָבער ניט די דאָזיקע אַנדערע ברירה. איך מעלד מיך אַליין צום וואָרט. איך האָב אַ באַדערפעניש דערצו. אַן אינערלעכע באַדערפעניש זיך מצרף צו זיין פון דער ווייטנס צו דעם קרייז פריינד און נאָענטע מענטשן, וואָס פייערן דיך איצט. איך נעם אַרוים דערמיט אויך מיין „שטיינדעלע" — וועלכע יובילייִ־רעדע איז סוף כּל סוף ניט קיין שטיין פאַרן בעל היובל? טאָמער — טוט עס אַביסל אויך וויי? עס מאַכט ניט. איך קאָן דאָך דיך — דו, גוטמוטיקע נשמה — דו וועסט אויף מיר דערפאַר קיין פאַראיבל ניט האָבן.
דו, גוטמוטיקער מענטש.

•

איך ווייס ניט צי איז עס אַ מעלה, צי אַ חסרון. איך וויל נאָר פעסט־שטעלן די עובדה: אין בערלין, אפשר אין דער איינציקער יידישער שטאָט אין דער וועלט, האָט זיך געשאַפן אַ סיטואַציע, אַ מעגלעכקייט, ביי וועל־כער דו און איך — דיינע פריינד און מיינע פריינד — קאָנען זיצן, און זיצן זינט יאָרן ביי איין טיש. אין בערלין — אפשר אין דער איינ־ציקער יידישער שטאָט אין דער וועלט — איז געשאַפן געוואָרן אַן אַט־מאָספערע, ביי וועלכער יידישע מענטשן קומען זיך צונויף, לעבן צוזאַ־מען, דערנענטערן זיך איינער צום צווייטן, לערנען איינערביים צווייטן, זינט יאָרן און יאָרן — און אָן האַס, אָן שנאה, אָן פאַרביטערונג, אָן גיפט — אָן יענע מתנות מיט וועלכע עס זענען אזוי רייך איצט אונד־זערע קלענסטע קבוצים אין אַלע לענדער און מדינות. איז עס דערפאַר, ווייל אַן אויסטערלישער קוריאָז האָט דוקא אהער, צו די ברעגעס פון דער שפּרע, צוזאַמענגעפירט יידישע מענטשן, וואָס דענקען אין איין ריכטונג, וואָס האָ־בן איינע און די זעלבע שטרעבונגען, וואָס געהערן צו איין בית־מדרש? זיכער — ניט. שוין דיין שולחן ערוך און מיין שולחן ערוך — זענען אַנ־דערע. שוין — דיין וועלט־באַנעם און מיין וועלט־באַנעם — סיי די יידישע און סיי די אַלגעמיינע — זענען צומאָל אין גרונט פאַרשידן. פון אַנדערע פריינד אין אונדזער אכסניה — שוין גאָר ניט צו רעדן. אָפט — איז עס ניט דאָס שמאָלע טישל אין דעם „ראָמאַנישן קאַפע" — אָדער אין דעם „קאַפע מרומף" — וואָס טיילט אָפּ אונדזער וועלט־באַנעם איינעם פון דעם צווייטן — נאָר אַ טיפער אידעאָלאָגישער תהום. און דאָך איז אַזוי די ווירקלעכקייט: מיר פאַרשטייען אונדז — און איך וואָג צו זאָגן אפילו: מיר האָבן אכטונג, אַלס קעגנער צו קעגנער — און קאָ־נען אויסקומען און טון צומאָל אפילו געמיינזאַמע אַרבעט. איז ניט

פּאַראַן קיין באַזונדערער רייץ אין די דאָזיקע אומגעוויינלעכע תּנאָים פון אונדזער בערלינער לעבן ?

איך גיב זיך אָפּ אַ חשבון : דעם דאָזיקן „לוקסוס“ קאָן מען זיך ניט אומעטום דערלויבן. דאָרט וואו מען האָט אויפצוטרעטן פאַר מאַסן, זיך דירעקט באַטייליקן אין טאָג־טעגלעכע קאַמפן — איז עס אוודאי שוועדער. מען איז דאָרטן עקספּאָנירט צו פיל כלפּי חוץ. איז עס אַ נעגאַטיווע דערשיינונג, וואָס אַ גרופּע יידישע אינטעליגענץ האָט זיך געקאָנט אַ ביסל ראַטעווען פון דער נויטווענדיקייט, זיך אומבאַדינגט, צי מען וויל, צי מען וויל ניט, אַטאַקירן אויף יעדן שריט און טריט ? אָדער — זענען מיר די, וואָס האָבן זוכה בגורל געווען ? מיר — וואָס זענען אימשטאַנד מינדעסטנס אויסצוהערן אין אַן אינטימער, היימישער סביבה רואיק אַלץ, וואָס אינטערעסירט דעם אַנדערן, מיט וואָס מען אָטעמט, פון וואָס מען איז באַהערשט ? אין דעם טומל פון די פּאָליטישע לײַדנשאַפטן ערגעץ וואו אַנדערש קומט דאָך גאָרניט דערצו, האַרציק זיך אויסרעדן, אָפן רעדן וועגן אייגענע ספקות, אָנווייזן אויפריכטיק דעם צווייטן זיינע פעלערן — דאָס איז ערגעץ וואו אַנדערש איצט כמעט ווי אויסגעשלאָסן. אומעטום איז מען דאָך אויף דער אָפענער בינע, פאַר אַן עולם פון צוקוקער, וועלכע מען „רעפּרעזענטירט“ — אַ זאַך, וואָס איז שוין ממילא מחיב צו זיין ביליק — האַרט און פלאַך — קאָנסעקווענט. איז עס ניט צומאָל דאָך אַ רייץ צו קאָנען זיין ניט אַזוי גראָדליניק טעמפּ־קאָנסעקווענט ? !

אוודאי, וועט די דאָזיקע כלל־אידיליע אויך אין בערלין ניט דויערן אייביק. אַ ריס אין דעם בילד איז טיילווייז שוין פאַראַן. עס האָט אונדז פאַרלאָזן איינער, און אַ צווייטער, און אַ דריטער. די יעניקע, וואָס האָבן געוואָלט זיין דווקא „קאָנסעקווענט“. פאַרוואָס מיר אבלות נאָך זיי ? ווייל איך ווייס, ליבער פריינד, אַז מענטשלעך האָבן מיר ביידע, סיי דו סיי איך, אין אָט דעם פּרט איינע און די זעלבע מיינונג, קאָן איך גראָד מיט דיר, אין דעם טאָג פון דיין יובילייַ, דערפון רעדן און דיר זאָגן, אַז עס איז גוט, וואָס דו געהערסט ניט צו זיי, וואָס דו האָסט אַ פאַרשטענדעניש ניט נאָר פאַר אָפּגרונטן, נאָר אויך פאַר בריקן. עס איז באַזונדערס גוט, ווייל דו ביסט דאָך אַ בעל נסיון. און — ביסט שוין אַזוי נאָענט אַ צייט געשטאַנען צו יענער „הונדערטפּראָצענטיקער“ וועלט. ביסט צו איר נאָענט געשטאַנען, און ביסט פון איר אַוועק, פון דער וועלט פון גאַל און אומפרידן.

דו — פרידלעכער יידישער קעגנער.

•

דו האָסט פינף און צוואַנציק יאָר לאַנג ליטעראַריש געאַרבעט. און דע־

רויף דערוואַרטסטו אוודאי ניט מיין הסכמה. ליטעראַטור־קריטיק איז ניט מיין פאַך. זשורנאַליסטיק? ליבער פריינד, דו האָסט גאָר אַליין ניט קיין באַגריף — וואָס פאַר אַ פּלאַץ דו פילסט אויס אין אונדזער „בראַנזשע". געוויס — דו ביסט ניט דער זשורנאַליסט, וואָס פאַרמעסט זיך אומבאַ־דינגט צו מאַכן פּאָליטיק טאָג־טעגליך מיט זיין אַרבעט. געוויס — זענען פאַראַן געביטן, וואָס אינטערעסירן דיך גאָר ניט אין דעם ציַיטונגס־בלאַט. דו פּרעטענדירסט גאָר ניט אויף אַזאַ מין אוניווערסאַליטעט. איך ווייס עס. אָבער — איז דאָס ניט קיין געוויינלעכער פלוס אין אונדזערע טעג פון דילעטאַנטיזם און „אַלוויסנקייט"? האָבן מיר פיל זשורנאַליסטן, וואָס האָבן זיך אויסגעוויילט און זיך קאָנצענטרירט אויף איין באַשטימטן גע־ביט — צי קאָנצענטרירט ערנסט, געוויסנהאַפט, פולשטענדיק? דו האָסט פאַר זיך אַזאַ מין ווינקל אין דער ציַיטונג־וועלט געשאַפן. דו — איי־נער פון די וויניקע. נעבן אַנדערע אַרבעטן, נאַטירלעך. אָבער אָט דאָס ווינקל באַטראַכטסטו דו אַלס דיינס. די וועלט פון יידישער ליטעראַטור, פון קולטור, פון אונדזער שריפטטום. אין אַלע עקן פון דער יידישער וועלט. ווער איז אימשטאַנד אויפצוציילן, ווי דו, די נעמען פון די נייסטע ווערק אונדזערע? פון די יינגסטע שרייבער אונדזערע? פון די געלונגענע און אומגעלונגענע אַרויסגעקומענע ביכער? ווער האָט דעם איבערקוק אין אָט דעם פּרט וועגן מאָסקווע און קאָוונע? וואָס איך באַדויער צומאָל — וואָס דו בלייבסט אין דעם דאָזיקן פּונקט אין די ראַמען פון נאָר איין שפּראַך אונדזערער. שוין — פון ריין עגאָאיסטישע אינטערעסן אפילו. ווייל — עס איז ניט זעלטן, אַז מען רופט אָן דניאל טשאַרנין, און מען אינפאָרמירט זיך וועגן דעם ליטעראַרישן ענין, וואָס מען מוז גראָד וויסן, און מען באַ־קומט נאַטירלעך אויפן אָרט די נויטיקע אויפקלערונגען, וועגן מענטשן און ביכער, וועגן קרייזן און ריכטונגען, וועגן דיכטונג און פּראָזע — וועגן דעם שיינעם וואָרט אונדזערן אין דער ערשטער ריי.

און — עס איז אויך אַן אָפן געהיימניש — ניט זעלטן קאָן פּאַסירן נאָך אַזאַ מין שמועס, עס זאָל דערשיינען אַן אַרטיקל, וואָס טראָגט די חתימה „ראובן" אָדער „שמעון" — וואָס וואָלט אָבער אין פלוג געדאַרפט זיין געצייכנט: דניאל טשאַרני. דיך אַרט עס אָבער ניט. דו ביסט אין די ראַמען פון דיינע מעגלעכקייטן שטענדיק מוכן ומזומן צו העלפן.

דו — גוטער קאָלעגע.

•

וועמען קענסט דו, און ווער קען דיך?

ווער פון דער שרייבערישער, יידישער משפּחה קען דיך ניט?

צווישן ניו־יאָרק און וואַרשע — איז די אַכסניה ניט בלויז בערלין — נאָר די וואוינונג פון דניאל טשאַרנין אין בערלין אין דער ערשטער ריי. דו ביסט דער פען־ברודער שוין אין ריכטיקן זינען פון וואָרט. אין דעם זינען ניט בלויז פון פריידן, נאָר אויך פון ליידן. און אפשר — מערער פון ליידן. דו נעמסט אָפּ דעם ערשטן גרוס פון דעם ליטעראַרישן קרייז אין רומעניע אָדער בעלגיע. אָבער — אין דיר ווערט אויך „אַריינגעלייגט" מער ווי אין אַלע אַנדערע. דו קריגסט די ערשטע מתנות פון חברים ליטעראַטן. אָבער — דיר שיטן זיי אויס אויך צומערשט זייערע אָנגעווייטיקטע הערצער. יאָ, פיינע פקדונות האָבן זיי ביי דיר אָנגעקליבן פאַר אַלע יאָרן. דו ביסט אַ בעל סוד: דו דערציילסט ווייניק. אָבער — די פקדונות זענען אין אַ גוטער האַנט. איין מאָל — וועלן מיר זיי האָבן — איין מאָל וועלן מיר באַקומען דעם המשך פון דיין „כראָניק". אַ משפחה־כראָניק — אין ברייטן זינען פון וואָרט.

און ביסט אַ בעל סוד באַזונדערס דאָרטן, וואו עס האַלט ביי דער גרענעץ פון ליטעראַטור און פּאָליטיק. ווען עס האַנדלט זיך אין דראַמען פון מענטשן, וואָס אַרבעטן און ליידן פון יענער זייט אייזקונען — ווען עס האַנדלט זיך אין מענטשן, וואָס זוכן ביי דיר אַ מקום מקלט, וואָס פאַרטרויען זיך צו דיר — וואָס עפענען דיר אויף זייערע נשמות — און עפענען פאַר דיר אַ יידישע ליטעראַרישע דראַמע, וואָס וואָלט אפשר אַזוי געבליבן אומבאַקאַנט, אַזוי אומבאַוואוסט, אויף לאַנג, אויף לאַנגע יאָרן. דו ווייסט פיל — דו זאָגסט ווייניק. דאָס איז אויך ניט קיין „מעלה" פאַר אַ זשורנאַליסט. אָבער קיין פאַרוואורף קומט דיר ניט דערפאַר, וואָס דו האַלטסט דיין שרייב־טיש און זיינע אייניקע פעכער נאָך פעסט צוגעשלאָסן. דו באַהערשסט זיך, און דו נוצסט ניט אויס פריצייטיק דאָס, וואָס איז ווירקלעך נאָך פריצייטיק.

דו — פיינער חבר.

•

ווייסט דו, וואָס אונדזער געמיינזאַמער פריינד לעווענטאַן־נאַזימאָוו האָט אין דיין לאַגע געטון? מען האָט געפייערט זיין 60יאָריקן געבוירנס־טאָג און זיין 40יאָריקן ליטעראַרישן יובילײ — דאָס הייסט, 60 יאָר זינט ער איז „לעוועטאַן", און 40 יאָר זינט ער איז „נאַזימאָוו" — און מען האָט אים זעלבסטפאַרשטענדלעך גאָר ניט געשענקט, און „אַריינגעזאָגט". אַז עס איז געקומען צום סוף און ער האָט געהאט צו ענטפערן, האָט ער זיך דערמאָנט אין דעם „אונגער".

„די מעשה מיטן אונגער, האָט לעוועטאַן־נאַזימאָוו דערקלערט, איז פאַל-

גנדיקע: געווען איין מאָל אַ אונגער, וואָס האָט געשיקט רופן אַ מאָלער, און באַשטעלט ביי אים אַ בילד פון זיין פאָטער. דער פאָטער אַליין איז ניט געווען. קיין פאָטאָגראַפיע פון דעם פאָטער האָט ער אויך ניט געהאַט. וואָס דען, דער זון האָט דעם קינסטלער אַזוי „בעל פה", אַן ערך אויסגע־מאָלט, ווי זיין פאָטער האָט אויסגעזען. ווען דער קינסטלער האָט אויפן סמך פון אָט דעם „שטאָף" געבראַכט דאָס פאַרטיקע בילד, האָט דער זון זיך צע־וויינט און אויסגעשריען: אוי, טאַטע, האָסט דו זיך פאַרענדערט!"...

•

ליבער דאַניע — איך קאָן מיר אויסמאָלן, אַז דאָס אָדער אַן אַנדער יובי־ליי־בילד פון דיר קאָן ביי דיר אויסזעען געמאַכט פון אַזאַ מין אונגערישן שטאָף. איך קאָן מיר אויסמאָלן, אַז דו ביסט אימשטאַנד צו קומען אויך אויף דער אַסאָציאַציע פון דעם בארימטן אַוונט, וואָס מען האָט אין זיין צייט געמאַכט פאַר שלום עליכמען אין דער שווייץ, און בעת ער האָט פון הארצן אָפּגעדאַנקט מיט די ווערטער: „איך דאַנק אייך, וואָס איר האָט מיך מכבד געווען — אוי, האָט איר מיך מכבד געווען!" איך קאָן מיר דאָס אַלץ פאָר־שטעלן. וואָס איך ווייס אָבער, אַז אויך אין אַזאַ פאַל — וועסט דו נעמען די זאַך לייכט, אָט אַזוי ווי דו קענסט נעמען די וועלט לייכט אין אַלגעמיין, אָן איבעריקע זאָרגן, צופרידן, העל, אָפּטימיסטיש.
דו — אָפּטימיסטישער מענטש...

מלך ראַוויטש / אַ לעבעדיק און גרויזאַם בילד

אַלע מעמואַרן־שרייבער טוען זייער דאָזיקע אַרבעט מיט טאַלענט. עס איז אָפּט, זייער אָפּט, ניט זייער פּאַרדינסט. דאָס לעבן אַליין — זאָגט דאָך שוין אַן אַלט און באַנאַל ווערטל — איז דער בעסטער דיכטער.

דניאל טשאַרני דערציילט אין זיינע מעמואַרן די געשיכטע פון זיין פּאַמיליע. עס איז די פּאַמיליע, פון וועלכע עס זענען אַרויסגעוואַקסן שמואל ניגער, ברוך וולאַדעק און דער מחבר פון דער כראָניק. נאָר ניט מיט דעם זענען די מעמואַרן אינטערעסאַנט. אַלע דריי שטייען דאָך אינמיטן זייער אַרבעט — יעדער אויף זיין געביט — און עס האַלט נאָך ניט ביי קיין פּינקטלעכער גענעאַלאָגיע... די משפּחה־כראָניק איז געשריבן מיט אַ ברוטאַלן נאַטוראַליזם, וועלכן עס שטייגערט נאָך די שווערע קינדהייטס־חלוֹאת פון דעם מחבר, און אין סך הכל באַקומט זיך אַ לעבעדיק און גרויזאַם בילד פון אַ יידישער משפּחה אין אַ פאַרוואָרפן ליטוויש שטעטל. ווער עס וואַלגערט זיך אַרום אין די שטעטלעך, ווער עס פּילט מיט מיט זיי, ווער עס הערט זיך צו צו זייער בענקשאַפט, וואָס איז אָפּט אַזוי הימלשרייענדיק און אינערלעך, ווי די בענקשאַפט פון בלינדע אויגן, דער איז צופרידן, וואָס עס איז דאָ נאָך איין געשריי פון דעם צער פון יענע שטעטלעך. וואָלט טשאַרנים משפּחה־כראָניק געווען בלויז די כראָניק פון איין פאַמיליע, אפילו פון דער פאַמיליע פון די טשאַרנים, וואָלט זי ניט געווען אינטערעסאַנט. אָבער דאָס זענען לײַדן און פריידן פון מיליאָנען, און אפילו די לײַדן פון דעם קראַנקן מחבר און דאָס היילן אים מיט די נעגל פון אַ טויטן מלמד (בררר) דאָס זענען אויך לײַדן פון צענדליקער טויזנטער יידישע קינדער.

דאָס בוך איז געשריבן מיט אַ גוטער שפּראַך און אָן איבערגעטריבענע פּרעטענזיעס — הגם דער גאַנצער ענין איז אַביסל אַ פּרעטענזיעזער...

דער מחבר זאָגט צו אין די ווייטערדיקע טיילן (דער ערשטער טייל נעמט אַרום די יאָרן 1888 — 1901) צו געבן נאָך פיל אינטערעסאַנטערע שילדערונגען. אָבער דאָס איז אַן ענין אויף שפּעטער.

דער ערשטער טייל האָט זיין אויפגאַבע אַלס מעמואַרן־בוך דערפילט. ער קריצט זיך איין אין מוח און ער געדענקט זיך. עס בלייבט אַ בילד, אַ בילד פון אַ געוויסער צייט, אַ געוויסן אָרט און אַ געוויסער סביבה. און דאָס איז דאָך די אויפגאַבע פון אַ מעמואַרן־בוך.

י. ראָזנבוים / אַ געווינס פאַר דער יידישער ליטעראַטור

ס'איז באמת אַ געלונגענער איינפאַל צו שילדערן אַ „משפּחה־לעבן" אין בעלעטריסטישע טענער, אין אַן עפּישן גייסט, וואָס שאַפט די אילוזיע פון אַ פּיערל, וואָס צאַנקט און גייט אויס אין דעם אייגענעם ברען.

דניאל טשאַרני איז ניט אויסן אין זיין „משפּחה־כראָניק" — „צו שרייבן טרוקענע געשיכטע אָדער פיקסירן געוויסע פאַקטן און דערשיינונגען, נאָר פּראָסט און פּשוט — דערציילן דעם לעבנסגאַנג פון איינעם אַ יידן". און וואָס איז אַ ייד אין שטעטל, אויב ניט אַ גליד פון דער גאַנצער שטעטלשער משפּחה, וואָס פּרייט זיך און טרויערט צוזאַמען.

וואַקסט דעריבער טאַקע אויס ניט בלויז איין בילד, ניט איין ייד, נאָר אַ גאַנצע עדה יידן און יידענעס, וואָס פאַלן אַרונטער אונטער דעם שרייבערס פּענזל און באַקומען דאָס נויטיקע ליכט, דעם געהעריקן שיין און עס שאַפט זיך אַ גאַנצע גאַלעריע טיפּן.

איר טרעפט דאָרט אַ „אשר מלמד", אַ „זלמן די בריל", אַ „מאַשע די משוגענע" און נאָך און נאָך, אַלץ יידן און יידענעס פון שטעטל און אַלץ משפּחה־לייט. דניאל טשאַרני האָט אָבער פאַרשטאַנען צו שאַפן די פאַסיקע קוואַליציע פאַר אָט די אַלע טיפּן און אויף אַזאַ אופן זיי אַריינברענגען אין אַ ריטמישער באַוועגונג, אין אַ דינאַמישער האַנדלונג, פון וואָס די באַשרייבונג פון דער „משפּחה־כראָניק" געווינט זייער אַ סך.

לייענט זיך טאַקע דעריבער די „משפּחה־כראָניק" לייכט און שפּאַנענדיק. מאַנכע שטעלן זענען אין דער „משפּחה־כראָניק" ביז גאָר בילדעריש, אָט אַזוי ווי אַ קינסטלער וואָלט זיי מיטן פּינדזל געמאָלן און דער לייענער דאַרף נאָר קוקן אויף דעם און פאַר זיינע אויגן וואַקסט אויס אַזאַ מין בילד, ווי „די ווייבערישע באָד", בולט, פאַרביק און לעבעדיק.

ווען מיר זאָלן נעמען אין זינען, אַז די „משפּחה־כראָניק" פון דניאל טשאַרני האָט צו טון גראַד מיט אַזאַ פאַמיליע, פון וועלכע אַ טייל מיטגלידער שטייען נאָך עד היום אויף די אוואַן־פּאָסטנס פון דער יידישער ליטעראַטור און יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן — ווערט פאַר אונדז נאָך מער אינטערעסאַנטער און טשיקאַווער צו וויסן די לעבנס־געשיכטע פון אָט די, ביי היינטיקן טאָג, אָנגעזעענע שרייבער און קולטור־טוער.

דניאל טשאַרניס „משפּחה־כראָניק" איז אַ געווינס פאַר דער יידישער ליטעראַטור.

מ. ראָזענבערג / אַ יום טוב אין אונדזער ליטעראַטור

ס'טרעפט אַמאָל און מיר וואַרפן זיך איבער. אין אונדזער געדעכעניש צו די אַמאָליקע קינדער־יאָרן אין קליינעם שטעטעלע. מיר דערמאָנען זיך אין די חברים, אין די חדרים, אין די אבערגלויבנס מיט וועלכע מ'האָט יידישע קינדער געפּראַפּט ווי קורחס עלטער־זיידע די קעלבער צו דער עבודה זרה, אין די שיינע מיידלעך אין וועלכע מ'איז געווען איינגעליבט. וועלכע האָבן ניט איין נאַכט שלאָף ביי אונדז אַוועקגערויבט — און אַלץ זעט דערמאָלט אויס אזוי ווייט, אַזוי פרעמד, פּונקט ווי ניט מיר אַליין וואָלטן דאָס דורכגעלעבט, נאָר געלייענט וועגן דעם אין אַ מעשה־ביכל... און פּלוצעם באַווייזט זיך אַ מכשף מיט זיין כשוף־שטעקעלע אין האַנט, גיט אַ פּאָך רעכטס, גיט אַ פּאָך לינקס און — יעדעס פּינטעלע צעוואַקסט זיך גרויס־גרויס. אָט דערזעסטו דיך אין דיין סביבה, פּילסט דורך די יינגלישע ליידן און לעבסט ווידער דורך יענע קינדער־ און בחורישע יאָרן, ביסט ווידער דאָס אַמאָליקע, נאַאיווע חדר־יינגל, לעבסט ווידער אין אַ וועלט פון חלומות, לאַכסט און וויינסט צוזאַמען אָט אַזוי ווי קינדער טוען עס.

•

ס'איז דעריבער אַ יום־טוב דניאל משאַרנים „באַרג אַרויף". אַ יום־טוב פּאַר יעדן יידישן לייענער, פּאַר אונדזער גאַנצן דור ביי וועמען די יוגנט איז אַזוי שנעל פּאַרשוואונדן, אַז עס געדענקט זיך אפילו ניט צי מיר זע־נען אַמאָל יינגלעך געווען.

דניאל טשאַרני איז אַ דיכטער, אָבער ניט פון יענע, וועלכע קומען מיט בליצן און דונערן צו שרעקן מענטשן, נאָר מיט שטילע, גוטע ווערטער פון אַ צאַרטע מאַמע, וועלכע קומט שטילן די ליידן, אויסזינגען עלעגיש די בענקשאַפטן, היילן אַ וואונד. און פּונקט ווי ביי אַ מאַמע איז צו־טעריק איר קינד, אָן אונטערשיד צי שיין צי מיאוס, צי געראָטן אָדער אַ „פּליאגע", אַזוי קומען אויך אַרויס צאַרט און ליבלעך אַלע איבערלעבונגען פון דיכטער דניאל טשאַרני.

און דער הומאָר פון „באַרג אַרויף" איז בכלל אַ יקר המציאות אין דער יידישער ליטעראַטור זינט שלום עליכמען. די טרויעריקסטע פּאַסירונגען ביי וועלכע דאָס אויג טרערט אָפּט, ווערן דיר אונטערגעטראָגן אין אַזאַ

פּאַרעם, אין אַזעלכע סיטואַציעס, געשאַפֿן פֿון לעבן אַליין, אַז דו מוזט זיך פֿונאַנדערלאַכן אויפֿן קול, לאַכן פֿון טיפֿן האַרצן.

•

איך וועל זיך דאָ ניט אָפּשטעלן אויפֿן אָביעקטיוון אין דעם בוך, וואָס פֿאַרנעמט אַ גאַר היפּשן טייל פֿון „באַרג אַרויף" און וואָס איז אַן אָפּ־האַנדלונג פֿון אַן אינטערעסאַנטע עפּאָכע איבערגעגעבן מיט דער גאַנצער געשפּאַנטקייט פֿון אַ גוטן ראָמאַן, נאָר אויף דער סוביעקטיווער זייט פֿון טשאַרנים „באַרג אַרויף". רעדנדיק וועגן אָט דעם טייל פֿון בוך איז ניט מעגלעך ניט צו דערמאָנען די מערערע ליבע־לידער טשאַרנים, וואָס זענען לייכט, שטיפֿעריש, שפּילעוודיק (ווי, למשל, זיין „מגן דוד"־ליד, זיין „יידישע טאָכטער" א"א).
די דאָזיקע ליבע־לידער רופֿן אַרויס אַזאַ צאַרטע שטימונג, אַזאַ האַרצי־קייט, ווי דאָס צאַרטע גלעטן פֿון געליבטערס האַנט.
פֿאַראַן אויך טרויעריקע לידער (ווי: „ביי דעם שטיין פֿון דיין מצבה").
דאָס בוך איז דאָך אַ שטיק לעבן און דאָס לעבן איז ניט אַלע מאָל שפּי־לעוודיק, אָבער אויך די טרויעריקע לידער זענען באַהויכט מיט צאַרטקייט פּונקט ווי די ליבע־לידער.

•

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אויף עטלעכע שטריכן, אָבער אין פֿאַרגלייך מיטן בוך, האָב איך גאָרניט געזאָגט. „באַרג אַרויף" איז אַ מעמואַרן־בוך, און אין מעמואַרן איז יעדעס בלעטל, יעדע שורה, יעדער זאַץ אַ שטיק לעבן.

•

„באַרג אַרויף" איז איינע פֿון די וויכטיקסטעביישטייערן צו דער יידישער ליטעראַטור אין די לעצטע יאָרן און דאַרף זיין אַ צירונג אין יעדן יידישן הויז.

מעמוארן זענען, אין פלוג, די לייכטסטע ליטעראַרישע פאָרעם: דאָס אָרעמסטע לעבן אפילו איז ניט פון אַ שטיין געבוירן, און די מענטשלעכע באַציאונגען מיט עלטערן, ברידער־שוועסטער, חברים און חברטעס האָבן תמיד אין זיך געגוג אינטים־שיינס און, מענטשלעך־רירנדיקס, אַלגעמיין־מענטשלעכעס, כדי צו פאַראינטערעסירן דעם לייענער ביי דער מינימאַלס־טער ליטעראַריש־דערציילערישער פאָרעם; ווער רעדט, אַז אַ לעבן איז געווען פאַרבונדן אין אַ וואָסער־ניט־איז פאָרעם מיט אַ גרויסער מאַסן־באַוועגונג, מיט גרויסע וועלט־געשעענישן!

אָבער דאָס לייכטסטע איז אָפּטמאָל דאָס שווערסטע און דאָס איז גילטיק אויך פאַר מעמוארן. דווקא דערפאַר, ווייל יעדער מענטש וואָלט, אייגנט־לעך, געקאָנט שרייבן אַ בוך מעמוארן — איז טאַקע אַ בוך ווערטפולע מעמוארן גאָרניט פון די אָפּטע און לייכטע זאַכן. יעדער מענטש האָט מאַ־טעריאַל פאַר גאַנצע מעמוארן־ביכער — דערין באַשטייט די לייכטקייט; אָבער די שווערקייט באַשטייט אין דעם, וואָס מען דאַרף ווִיסן וואָס נ י ט צו געבן, וו אָ ס אָ פּ צ ו א וו אַ ר פ ן. מען דאַרף קאָנען אויסקלייבן דאָס טיפּע און רעפּרעזענטאַטיווע; מען דאַרף קאָנען דאָס איינצלנע פּאַראַל־געמיינערן; מען דאַרף קאָנען געבן אַ קלאָר בילד פון דער אינערלעכער אַנטוויקלונג און אַנצייכענען אין דער ריכטיקער פּערספּעקטיוו די קעגנזיי־טיקע באַציאונגען צווישן דעם יחיד און דעם כלל, דער אַרומיקער וועלט. דאָס הייסט, אַז אַ בוך גוטע מעמוארן דאַרף זיין אַ געשיכטע אין אַ גע־שיכטע: די געשיכטע פון אַ יחיד אין די ראַמען פון דער געשיכטע פון אַ כלל; דאָס הייסט אויך, אַז אַ בוך גוטע מעמוארן דאַרף זיין אַ קונסט־ווערק מיט אַ ברייטן, גייסטיקן האָריזאָנט.

וואָס שייך דער ליטעראַרישער פאָרעם, דער אויסערלעכער ליטעראַרישער פאָלירטקייט און קאָמפּאָזיציאָנעלער אָפּגערונדיקייט, שטייט דניאל טשאַרניס מעמוארן־בוך אויף אַ באַדייטנדיקער הויך, אָבער דניאל טשאַרני פאַרזינקט צופיל אינעם אַנעקדאָטאַרישן, אינעם צופעליק פּריוואַטן, וואָס בלייבט פּריוואַט־מאַטעריאַל אפילו אין דער געדרוקטער פאָרעם, לאָמיר עס אַ ביסל גענויער באַטראַכטן.

דניאל טשאַרניס מעמוארן זענען געשריבן לעבעדיק, מיט אַ סך הומאָר. גליך פון די ערשטע זייטלעך דערפילן מיר די השפעה פון שלום עליכמען,

געגנויער: פון מאָטל פּייסי, דעם חזנס. דניאל טשאַרני דערציילט זיין לעבן מיט מאָטל פּייסים טאָן; ער שילדערט אַלץ, געזען מיט מאָטל פּייסים אויגן. דאָס איז ניט קיין פלאַכע אימיטאַציע, אָבער — אימיטאַציע. פאַראַן קאַפּיטלעך פּרעכטיקע, ווען מען לאַכט האַרציק מיט. אָדער — מיט יאַשטשערקעס, אָבער אָפט דערעסט עס אויך. דער פעליעטאָן־קאַפּיטל מיטן פּראָפעסאָר סאָלי איז אויסגעצייכנט, אָבער צעצויגן אויפן גאַנצן משך פון 291 זייטן דענערווירט עס; בפרט אין יענע טיילן, וואו מאָטל פּייסי דעם חזנס האַרייזאַנט איז צו ענג פאַר אונדז, ווי, למשל, ביים שילדערן די אַרבעטער־באַוועגונג און דעם וואוקס פון דער יידישער ליטעראַטור. אויך די דאָזיקע קאַפּיטלעך זענען ניט קיין שלעכטע פעליעטאָנען.

אָבער פאַר אַ מעמואַרן־בוך, וואו מיר זוכן ניט נאָר דאָס אַנעקדאָטאַרישע, איז עס צו ווייניק.

נאָך אַ ליטעראַרישע מעלה פון דניאל טשאַרנים בוך איז זיין בילדערישקייט. אמת, עס טרעפט, אַז די בילדערישקייט איז אַ צוגעטראַכטע, ווי, למשל, אויף ז' 168, וואו אויסהערנדיק אַ מעשה מיט אַ וואָלף, אַ גלגול, פאַרגוואַלדיקט דניאל טשאַרני זיין בילדלעכקייט און זיין פאַנטאַזיע.

דעם אמת מוז מען זאָגן, אַז אַזאַ אַבסאָלוט־אומפּרוכטבאַרע בילדלעכקייט איז ניט קיין אָפטער גאַסט אין די דאָזיקע בלעטלעך פון אַ לעבן. על־פּי־רוב איז די בילדלעכקייט אויף אַן אמת בילדלעך. דערפאַר אָבער פאַרמאָגט זי אַן אַנדערן פעלער פאַר מעמואַרן: די בילדלעכע איינפאַלן זענען אָפט פעליעטאָניסטיש גאַנץ וויציק, אָבער מיר דוכט זיך, אַז עס איז אַפּאָקריפיש, אַ שפּעטערדיקע צוטראַכטונג, למשל, אויף ז' 32 „די ווייבערישע באָד".

•

אין דניאל טשאַרנים בוך איז כמעט ניטאָ די תקופה, סיידן אין איר קרום־שפּיגלדיקער באַלייכטונג פון מאָטל פּייסי דעם חזנס אָדער אין דעם וואַרפן זיך מיט די „ליטעראַרישע ביילאַגעס". דניאל טשאַרני ווייזט אונדז דאָס אַנעקדאָטאַרישע פון דער תקופה, דאָס הייסט, איר פּסולת, אָבער ניט אירע דערהויבנדיקע מאָמענטן, אירע טיפקייטן. אויך די אַנטוויקלונג פון דניאל טשאַרנין גופא זעט מען ניט פון אינעווייניק, אין איר שטייגנדיקן באַרג אַרויף (אויב ניט רעכענען זיין פעליעטאָניסטישן שטייגן מיט ה. ד. נאָמבערגן אויפן „יונגפרוי־באַרג"). געווים, ער ווערט פון אַ קינד אַ דערוואַקסענער, פון אַ מוזיניק, אַ דיכטער — אָבער זעלטן איז אונדז דניאל טשאַרני משתּף צו זיין אינטימער, אינערלעכער אַנטוויקלונג. על־פּי־רוב ווייזט ער אונדז זיין שטייגן באַרג אַרויף אויפן שטייגער, ווי מאָטל פּייסי דעם חזנס גייט איבער פון פּרנסה צו פּרנסה. די שטערונג איז דאָ ניט

אינעם הומאָריסטישן טאָן, נאָר אין דעם פֿעליעטאָניסטישן צוגאַנג. מאַכט טאַקע דאָס גאַנצע בוך אַ איינדרוק פֿון פֿראַגמענטאַרישע הומאָרעסקעס אויפֿן איינהייטלעכן שניר̄ל פֿון אַ לעבן. פֿאַראַן פֿרעכטיקע און טיף־דירנדיקע פֿעליעטאָנען, ווי די, וועגן פּראָפֿעסאָר סאלי און די אָפּעראַציע, פֿון דער לופּוס־הייל-אַנשטאַלט און ענלעכע. און עס זענען דאָ פֿעליעטאָנען, וואָס האָבן זייער אַ שלעכטן ביי־טעם, ווי די, וועגן סאָניען און נאָך אַנדערע. עס איז באמת ניט טשעקאַווע צו לייענען וועגן דניאל טשאַרנים אַלע ניט־טשעקאַווע פֿעטערס, מומעס און זייערע קינדער, בעת דאָס בלייבט כמעט די ראָזשינקע אינעם טייג. די „משפּחה־כראָניק“, וואָס דערהויבט זיך זעלטן אויף אַ שטאַפּל העכער, איז דער הערשנדיקער עלעמענט אפילו אין די אַנדערע אָפּטיילונגען. אי עס בלייבט ביי דער משפּחה, אי עס בלייבט ביי דער באַגרענעצטער, שמאָל־האָריזאָנטיקער כראָניק. אפילו דאַן, ווען די דאָזיקע שטיקלעך משפּחה־כראָניק דערהויבן זיך צו עכטע געמיטפֿולע לידער אין פּראָזע, קאָן דאָס דעם מעמואַרן־בוך ניט ראַטעווען.

•

דניאל טשאַרני איז אויסגעוועזן אַ וועלט; ער פֿירט אַרויס פֿון דער שווייץ אַ ביבליאָטעק פֿון רוסישע, דייטשע און יידישע דיכטער, און מיר הערן ניט וועגן זיי קיין איין וואָרט. ער שילדערט ניט קיין איין מינוט פֿון אַ אינטימען קאָנטאַקט מיט אַ גרויסן דיכטער, אַ זאַך, וואָס וואָלט געדאַרפֿט פֿאַרנעמען אַ גרויסן אָרט אין דער אויטאָביאָגראַפֿיע פֿון אַ דיכטער. דאָס זעלבע איז מיט די גרויסע שרייבער, מיט וועלכע דניאל טשאַרני האָט זיך באַגעגנט און אפילו געקומען אָפֿט אין קאָנטאַקט. וועגן שלום עליכמען, למשל, דערוויסן מיר זיך בלויז, אַז ער פֿלעגט גוט שפּילן אין אַ „זעקס־און־זעכציק“, זייענדיק קראַנק און שרייבן ליגנדיק. ניט קיין אינטערעסאַנטע שמועסן, ניט קיין אינטערעסאַנטע דורכדרינגענדיקע כאַראַקטעריסטיקעס. צום בעסטן האָט אָפּגעשניטן וו. לאַצקי־בערטאָלדי, וועגן וועלכן עס איז יאָ דאָ עפּעס ענלעכס.

האָט עס דען אַזאַ קליינעם אָרט פֿאַרנומען אין דניאל טשאַרנים אינערלעכער אַנטוויקלונג, אָדער האָט עס דען אַ קלענערן ווערט ווי דאָס אַנעקדאָטאַרישע פֿון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין בערעזין, וואָס ער האָט מיט חשק נאָטירט? אָדער דניאל טשאַרני האָט באַוואוסטזיניק אויסגעמידן אַלץ, וואָס וואָלט געקאָנט שטערן דעם כאַראַקטער פֿון זיין פֿעליעטאָן אויף 291 זייטן?

ד״ר ישראל רובין / דניאל איש חמודות

ווען ס'קומט אין בערלין אַ קאָלעגע פון אויסלאַנד, אַ נייער קאָלעגע, וועלכער קען נאָך ניט אַלע היגע יידישע שריפטשטעלער און דאַרף און וויל מיט זיי ערשט שליסן באַקאַנטשאַפט — האָט ער פון דער היים נאָר איין נאָמען אויף זיינע ליפּן, דעם נאָמען פון — דניאל טשאַרנין.

כ'באַשטים אַ פּרעמיע פאַר אַ יידישן שריפטשטעלער פון וואו איר ווילט, וועלכער זאָל ניט קענען דניאל טשאַרנין, אָדער דניאל טשאַרני זאָל אים ניט קענען, אוממיטלבאַר־פּערזענלעך אָדער, לכל הפּחות, פון און דורך געמיינזאַמע באַקאַנטע.

די באַקאַנטשאַפט מיט יידישע שריפטשטעלער פון „כל תפוצות“ גייט ביי דניאל טשאַרנין שיכטנווייז, לויט דער געאָגראַפישער און כראָנאָלאָגישער ליניע :

די און די קען ער פון אַמאָליקן רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד, הויפּטזאַכלעך פון דער „מינסקער־ווילנער תקופה“ פון 1904 — 1905, די און יענע קען ער שוין פון דער שווייץ, ווין אאז״וו — מיט אַלע זיי האָט ער געהאַט צו טון, צו אַלע זיי האָט ער אין געוויסע צייטן זיך געהאַט צוגעקלעפּט, ער צו זיי און זיי צו אים, אויפריכטיק־האַרציק, און זיי זענען געוואָרן אויף לאַנג און שטענדיק גוטע ברידער מיט געמיינזאַמע גוטע זכרונות פון „אַמאָל איז געווען“...

דניאל טשאַרני איז אין דעם פּרט דער אוניקום אין דעם יידישן שריפטשטעלער־וועלטל : ער איז דער „גוטער ברודער“ אַלעמענס. ער איז געבונדן און געקניפּט מיט יעדן איינציקן. „קנאה־שנאה“ — פון אָט די שלאַג־ווערטער אין די קעגנזייטיקע קינסטלער־באַציאונגען, ווייסט ניט דניאל טשאַרנים לעקסיקאָן, זיין לעקסיקאָן ווייסט נאָר פון „פּאַני־בראַטישקייט“, פון „גוטברודערשאַפט“ אין באַציאונג צו מענטש און וועלט.

ס'דוכט זיך אַמאָל :

אַ שנירל אַזאַ האָט ער ביי זיך, אָט דער גוטברודערישער דניאל טשאַרני, און ער האַלט אין איין אָנציען אויף אים שריפטשטעלער־באַקאַנטשאַפטן, שריפטשטעלער־התקרבותן, קיין איין פּערל — צי איז עס טאַקע אַ וויכטיקער איידל־שטיין־פּערל אָדער, במחילה, אַ געוויינלעכע פּערלגריץ — זאָל אויף דעם שנירל, אויף זיין שנירל, ניט פעלן... קליין און

גרויס — אַלע האָבן זיי זייער פּלאַץ אין דניאל טשאַרנים פּאַני־בראַטישער אויפמערקזאַמקייט.

דניאל טשאַרני האָט בכלל — אין אַ סך פּרטים און ריכטונגען אַ קאָ־לעקציאָנערישע נייגונג. אין זיין באַציאונג צו קאָלעגן איז ער קודם־כל דער קאָלעקציאָנער, וועלכער זעט, אַז אַלע מינים זאָלן זיין פאַרטראָטן אין זיין אויפמערקזאַמקייטס־ און התקרבות־קאָלעקציע.

ס'איז ניט עפּעס מעצענאַטיזם, ס'נעמט זיך ניט דערפון, וואָס ער וויל וועמען ס'איז אַ טובה טון, נאָר ס'איז אַן אויסדרוק פון אייגענער, שיער ניט ביאָ־פּסיכישער נויטיקייט: טשאַרני דאַרף פאַר זיך אַליין זיין געבונדן מיט דער גאָרער קאָלעגן־וועלט...

ווער ס'קומט ניט פון מחוץ־בערלין — וועגן די בערלינער קאָלעגן גופא איז דאָך שוין אָפּגערעדט! — מוז זיך טרעפן מיט דניאל טשאַרנין, מוז זיין ביי אים אין שטוב — ווייל ער איז דער ניט־געזאַלבטער „אַמבאַסאַ־דאָר" פון דער יידישער ליטעראַטור אין בערלין, ווייל דניאל טשאַרנים שטוב איז די פון זיך אַליין געוואָרענע „יאַווקע" פון און פאַר דער יידישער ליטעראַרישער וועלט אין בערלין.

זאָגט מיר אַמאָל דניאל טשאַרני — און אין זיין קול איז דערביי ניט, חלילה, קיין באַרימעריי, נאָר אַן אייגנאַרטיקע אינטאָנאַציע פון פליכט־באַוואוסטזיין:

„דורכן יאָר זענען ביי מיר דורכגעוווען גאַנצע זעכציק קאָלעגן פון אויס־לאַנד".

דאָס איז „דורך אַ יאָר", און אַז מ'זאָל וועלן מאַכן אַ חשבון וועגן דער צאָל דורכגעוווזענע ביי דניאל טשאַרנין קאָלעגן פאַר דער גאַנצער צייט, פאַר די 7 — 8 יאָר, וואָס ער, מלוא־כל־הארץ־דיקער — דער פון רוס־לאַנד און פון ווין און פון דער שווייץ און אַזש ביז פון „עליס־איילאַנד" — איז אַ בערלינער „תושב", וועט צו אַ היפּשער יובילעאום־ציפער זיין ניט ווייט... וואָלטן מיר, גוטער ברודער דניאל, אפשר טאַקע איינגעאָרדנט אַזאַ מין אייגנאַרטיקע יובילעי־פייערונג: דעם יובילעי פון דער פינפטער הונדערט יידישע שריפטשטעלער פון גאָר דער וועלט, וואָס זענען דיין הויז דורכגעגאַנגען? ! —

דניאל טשאַרני איז ניט בלויז דער „בעל־פה"־באַקאַנטער און גוטער ברוי־דער פון אַלע־אַלע יידישע שריפטשטעלער, נאָר אויך זייער „בכתב"־קענער.

מען מורמלט ביי אונדז שוין לאַנג — און, הפּנים, ניט אָן יסוד — אַז יידישע שרייבער לייענען ניט איינע די אַנדערע, צו דניאל טשאַרנין באַ־

ציט זיך עם ניט, אויך אין דעם פּרט איז ער אַן אוניקום: ער לייענט אַלץ און אַלעמען, ער איז דער מתמיד־לעזער.

אַמאָל וואונדערסטו זיך: פון וואַנען נעמט ער עס אַזוי פיל צייט און גע־דולד אַזוי־פיל צו לייענען?

און זיין לייענען איז דאָך ניט קיין בלויזער דורכלויפן מיט די אויגן, נאָר אַ לייענען מיט ערנסט.

נעמסטו פון זיינע הענט אַ ביכל (און ווער ס'וויל אין גלות בערלין זען אַ נייַ יידיש בוך, דער מוז טאַקע ווידער אָנקומען צו דניאל טשאַרנין) געפינסטו אין אים כסדר און אומבאַדינגט סימנים פון אויפמערקזאַמען „האַלטן אין דער אַרבעט" — אונטערשטרייכונגען, באַמערקונגען „על שבילי הגליון", ממש ווי אַמאָל אויף אַ ספר, וואָס איז געווען אין די הענט פון אַ רב, אַ הסכמה־געבער...

דניאל טשאַרני וויסט שטענדיק און געניי וועגן אַלע געשעענישן און אפילו וועגן אַלע הינטערקוליסן־פּרטים פון דער יידישער, ליטעראַרישער ווירק־לעכקייט, ער וועט אייך פון שלאָף־אַזש אָנגעבן דאַטעס וועגן כלערליי און אומעטומיקע יידישע ניי־דערשיינונגען — טשאַרני איז אַליין אַ גאַנצע „ביבליאָגראַפישע צענטראַלע", כ'לעבן.

דניאל טשאַרנים איינשטעלונג צו „מענטש און וועלט" איז די איינשטעלונג פון אַן אייגענעם צו גאָר־נאָענטע קרובים.

קיין אַנדער יידישער שריפטשטעלער האָט נאָך פאַר זיינס אַ ווערק ניט צוגעקליבן אַזאַ געלונגענעם אין העכסט־כאַראַקטעריסטישן, לגבי דעם פּסי־כישן וועזן פון מחבר, נאָמען, ווי דניאל טשאַרני מיט זיין „משפחה־כראָ־ניק": ער פילט און געפינט זיך צו אַלץ און צו אַלעמען אמת־משפחהדיק. געשעענישן און איבערלעבונגען, דוכט זיך, זענען פאַר אים אַלע מאָל מיט אַ שטעמפּל פון כראָניק, פון באַנשמהטער און מיטגעמאַכטער, ניט בלויז באַאָבאַכטער, באַשטעמפּלט. ווען דער זעצער זאָל אין אַזאַ זאַץ, ווי: „דניאל טשאַרני איז מיט דער וועלט, מיט זיין וועלט, אינטים", דאָס לעצ־טע, לעצטע וואָרט האָבן אַביסל אומגעדרייט און וואָלט אונדז דורך אַ אותיות־פאַרבייטונג געגעבן דאָס וואָרט „אינמיט", וואָלט עס געווען ניט קיין גראָבער גרייז. דניאל טשאַרני איז טאַקע מיט און אין זיין וועלט אינטים און אינמיט. ער איז מיטמאַכעריש אָבער ניט קופּץ־בראש, ער איז אומעטום און ביי אַלע געלעגנהייטן אייגן, אָבער ניט אַגרעסיוו, ניט גע־ריסן זיך צו די דוקא פאָדערשטע רייען.

איז עס ב אַ ש יי ד נ ק יי ט ביי טשאַרנין? ניין, ס'איז אַן אויסדרוק פון זיין ווילן, פון זיין באַדערפעניש צו זיין דוקא אינמיט, דוקא ב ת ו ך־

ה מ ה נ ה, געשלאָסן מיטן אַרום און ניט אויסגעטיילט, ניט אָפּגעזונדערט פון אים.

ער איז אויך אין זיין שריפטשטעלערישער אַרבעט דורכוים אַ בתוך־המחנהדיקער, ער פּרעטענדירט ניט אויף קיין א ו י ס ג ע ט י י ל ט ־ ב אַ ז ו נ ד ע ר ן פּלאַץ, ער ווייסט ניט פון „א י ך ז אָ ג“, נאָר „אויך איך זאָג“.

הגם ער פאַרנעמט זיך לעצטנס בעיקר מיט זשורנאַליסטיק, איז ער ניט קיין זשורנאַליסט אין אייגנטלעכן זינען פון וואָרט; נאָר — ישוין אין זיין זשורנאַליזם — העכסטנס אַ פּעליעטאָניסט, ניט ער פאַרמיטלט רעפּאָרטעריש צווישן געשעען און לעזער, נאָר דיכטעט איבער דאָס געשעענע, גיט וועגן אים איבער אין אַן אייגענער, גוטמוטיקער באַלייכטונג, ניט ער ד ע ר צ י י ל ט, נאָר ד ע ר צ י י ל ט א י ב ע ר, מיט אַביסל אייגנס.

און אייגנס פאַר דניאל טשאַרנין איז — לייכטער סקעפּסיס און אַביסל איינגעליבטקייט. לייכטער — ווייל פון עבטן, אַגרעסיוון, פאַרניכטנדיקן סקעפּסיס ווייסט ניט דניאל טשארני — ער איז פאַר דעם צו גוטמוטיק און צו משפּחהדיק איינגעשטעלט, ער באַהויכט זיין סקעפּסיס מיט נאָר אַ לייכטן ווינטל, וועלכער צערטלט, אָבער ניט מיט קיין שטורעמווינט, חלילה, וועלכער רייסט אים וואָרצלען.

לייכטער ה ו מ אָ ר, אָבער ניט קיין טיפע איראָניע און נאָך ווייניקער ניט קיין רייסנדיקער סאַרקאַזם — דאָס איז דניאל טשאַרנים מעטאָד ביים שרייבן לידער אין מעמוארן, ליטעראַרישע אָפּהאַנדלונגען און אפילו קאָרעספּאָנדענצן. פון א ו י פ ט ר י ס ל ו נ ג ע ן ווייסט ניט דניאל טשאַרנים ישאַפן, פון איבערלעבונגען, וועלכע זאָלן אָפּשליסן, פונאַנדערטיילן אינגאַנצן און ענדגילטיק, ווייסט ניט זיין קינסטלעריש געמיט. ביי אים קענען איבערלעבונגען מאַכן נאָר לייכטע ראַצן, און זיי, אָט די איבערלעבונגען, קייטלען זיך צוזאַמען, שליסן זיך איין איינע אין דער אַנדערער ווי רינגעלעך.

כ'מיין, אַז זעלטן ביי וועמען אַנדערש ווי ביי אים זענען ניט קיין צוויי באַזונדערע זאַכן: „באַאָבאַכטונג“ און „איבערלעבונג“. „באַאָבאַכטונג“ איז פאַר אים ניט נאָר אַ זאַך, ביי וועלכער מ'קען שטיין פונוויטן און זיין אַ זייטיקער, אָביעקטיווער צוזעער, נאָר ס'איז אַ שטיק איבערלעבונג, ווייל צו יעדער באַאָבאַכטונג מוז ער זיך באַהעפטן, איינשליסן זיך ווי אַן אייגענער צו אייגנס (מאָמענט פון „משפּחה“) און יעדע איבערלעבונג, פאַרקערט, איז אויך ניט קיין זאַך בלויז, וואָס האָט צו טון נאָר מיט זיך אַליין און צו דער אַרומיקער וועלט האָט זי קיין שייכות ניט. נאָר ס'איז אויך

א שטיק באַאָבאַכטונג, וואָס מ׳קען אַליין אָנקוקן און מ׳קען און מ׳דאַרף לאָזן אַנדערע אָנקוקן פון דער זייט (מאָמענט פון „כראָניק״).

ווען כ׳לייען דניאל טשאַרנים מעמואַרן אָדער ווען כ׳הער אים דערציילן וועגן פאַרשידענע זיינע איבערלעבונגען, דוכט זיך מיר אַמאָל, אַז ער דער־ציילט נ י ט וו ע ג ן ז י ך נאָר וו ע ג ן א נ ד ע ר ע, און, פאַר־קערט, ווען איך הער אים דערציילן וועגן אַנדערע, וועגן בפירוש אַנדערע, דוכט זיך, ער דערציילט וועגן זיך.

אַזוי ווייט איז ביי אים זיין „איך״ פאַרבונדן מיט „אַנדערע״...

דניאל טשאַרני וועט נאָך אַמאָל אָנשרייבן אַ באַנד מעמואַרן („כראָניק״ וועט דער באַנד הייסן) פון דער בערלינער איצטיקער תקופה און דער באַנד וועט זיין ניט ווייניקער רירנדיק, מיט זיין לייכטן סקעפּסיס און פאַר־ליבטקייט, ווי די מעמואַרן פון זיין קינדהייט, ווי דאָס זייער וואוילע בוך „משפּחה־כראָניק״.

מיט אָט די סגולות זיינע, מיט זיין אינטימקייט מיט דער וועלט, מיט זיין לייכטן סקעפּסים און פאַרליבטקייט, איז דניאל טשאַרני באמת געפּאַסט פאַר זיין אַ זייער־גוטער ק י נ ד ע ר ־ ש ר י י ב ע ר, און ס׳איז אַ שאָד, וואָס אויסער אייניקע געלונגענע פּרואוון גיט ער זיך מיט קינ־דער־ליטעראַטור ווייניק אָפּ.

•

ביי די טישלעך פון „ראָמאַנישן קאַפע״ אין בערלין איז דניאל טשאַרני דער מענטש, וואָס שמייכלט... ביי די טישלעך פון „ראָמאַנישן״ — אַזוי באַהויפּטן פּאַבליציסט־מאָלער — איז דאָ אַ שפּע פון כלערליי געזיכט־אויס־דרוקן, אַ דאַנקבאַרער, רייכער אויסוואַל פאַר שאַרזשן:

ווער ס׳האָט אויף זיין פּנים אַ ביטול פאַר אַלץ און פאַר אַלעמען, ווער ס׳לאַכט אוים מיט גאַל און שפּאָט און מאַכט אַמאָל מיט סאַדיסטישן פאַר־געניגן אַלץ צו אַש —

דניאל טשאַרני איז — ד ע ר מ ע נ ט ש, וו א ָ ס ש מ י י כ ל ט.

אַ גוטמוטיקער, ניט קיין איינדרינגנדיקער, ניט קיין צודרינגנדיקער, נאָר אַ פּאַני־בראַטישער שמייכל.

יאָ, ער קען אויך קיבעצן און אויסשטעלן לעבערלעכע זייטן פון קאָלעגן, אָבער ער טוט עס אָן בייזוויליקייט, אָן דעם געשוואוירענעם קיבעץ־„קולט״.

און אַז איר וועט זען אין „ראָמאַנישן״ איינעם, וואָס גייט איבער פון טיש צו טיש, כאַפּט אַ שמועס דאָ און דאָרטן, זאָלט איר וויסן — עס איז דניאל טשאַרני.

פאַר אים איז דאָס „ראָמאַנישע״ מער ווי פאַר אַנדערע אַן אָרט פון „קאָנ־

טאַקט" מיט קאָלעגן — און אַז „קאָנטאַקט" איז דאָך ניט שייך אָפּזיצן די גאַנצע צייט ביי איין טיש.

מיט אַלעמען האָבן צו טון — דאָס איז דער כּלל פון דניאל טשאַרנין. ס'בעט זיך ממש צו אים דער פּסוק „דניאל איש חמודות"...

•

ווען מיר נעמען דניאל טשאַרנין — דעם דיכטער — לייענען מיר:

...דוקאָר, ניו־יאָרק, בערלין, בירע־בידזשאַן
ווי אויך אין אַרגענטינע און בראַזיל,
און אומעטום, וואו ס'איז דאָס יידיש וואָרט פאַראַן
בין איך מיט אים אין ערנסט און אין שפּיל.

„אין ערנסט און אין שפּיל" — וואָס איז עס פאַר אַ „און" אַזאַ? — איז עס בלויז אַ געוויינלעכער פאַרבינדונגס־וואָרט, וואָס באַצייכנט צייט־ווייליקע און צופעליקע שכנהשאַפט צווישן קעגנזאַצן, אַ מין מעכאַנישער צוזאַמענמיש, מיט דער הילף פון אָנשטרענגונג, פון פאַרשידענע עלע־מענטן, אָדער אפשר גאָר אַ אידענטיפיקאַציע־וואָרט, וואָס ווייזט אויף אָרגאַנישער אויפגעפלאַכטנקייט פון אַ צוויי־אייניקייט, בעמישע, שוועד־פונאַנדערטיילבאַרע אויפשמעלצונג, צווייִמאָליקע, פּשוטע איבערהזרונג פון איין און דעמזעלביקן באַגריף? —

אין דניאל טשאַרנים ווערטער־בוך איז דער „און" וואָס צווישן „ערנסט" און „שפּיל" אַ בפירושער אידענטיפיקאַציע־וואָרט, „ערנסט" און „שפּיל" זענען דאָ איינפאַכע סינאָנימען: „ערנסט" — זע „שפּיל" און פאַרקערט. דאָס רוב מענטשן, אינקלוסיוו: שריפטשטעלער און דיכטער, טיילן זייער צייט אויף שבת און אויף וואָך, זייער לעבנס־דעק איז אומפּראָפּאָרציאָ־נעל פונאַנדערגעטיילט אויף ווייניק צענטער־מעטריקע, לופטיקע און פיין־געשפּיצטע אויסערלעכע פּוץ־פּראַנזן און אויף מעטער־לאַנגן מאַטיוו פון גערדיכטן געוועב. וועלכער איז דער עיקר, ביי דניאל טשאַרנין, דעם שריפטשטעלער און דעם מענטש (און אויך דאָ איז דער „און" אַ אידענ־טיפיקאַציע־וואָרט) איז אויך דער מאָטיוו, אויב מען מעג זיך אַזוי אויס־דריקן, אַ פראָנזיקער און אויך זיין „וואָך" איז אַ פאַרשבתטע. „שבת" און „וואָך" בילדן ביי אים און אין אים ניט קיין קעגנזאַצן־שפּיל. קיין איי־נער פון זיי איז קיינמאָל ניט אויסגעשפּראָכן־פאַרשאַרפט און בולט אין זיין אָפּגעזונדערטקייט פון דעם צווייטן, און פונקט אַזוי, ווי זיין „וואָך" איז אַ פאַרשבתטער, אַזוי איז אויך זיין „שבת" אַ פאַרוואָכטער. אין דניאל טשאַרנים מויל וואָלט פּרצעס „מיר שבת־יום־טובדיקע יידן",

כ'לעבן, באַדאַרפֿט פּאַראַפֿראַזירט ווערן אויף „מיר חול־המועדיקע יידן"...
קוקט נאָך, אדרבא, דניאל טשאַרני ליריק — און דניאל טשאַרני איז דאָך פֿון די גוטע ליריקער אין אונדזער ליטעראַטור, אַ ליריקער אַפֿילו אין זיין „פּראָזע", צייט־פּראָגעס, פּובליציסטיק און ליטעראַטור־איבער־קוקן — איר געפֿינט דאָרטן ניט קיין גאָר־שטאַרקע פֿאַרצווייפֿלונג און אויך ניט קיין פּאַטעטישן גלויבן און איבערמאָסיקע באַגייסטערונג. זיין מוזע — ניט זי סודעט זיך אין דער שטיל און ניט זי שרייט — פֿון דער גאַנצער גאַמע טענער האָט זי גענומען די מיטעלע, די סינטעזירטע, „פֿאַרצווייפֿלונגס"־עמאָציעס, אויסגעפֿלאָכטן צוזאַמען מיט „גלויבן" און „באַגייסטערונג". דער כשרער נאָכקום פֿון אָט דעם זיווג איז — לייכטער, מיט גוטמוט און ליבע דורכגעזאַפּטער „סקעפּסיס", אַ סקעפּסיס, וועלכער רייסט ניט און טוט ניט אָן די וועלט אין אבלות, נאָר וועלכער גלעט און טרייסט.

— „ערנסט און שפּיל"!

צוזאַמען־אויסגעפֿלאָכטן און איינער אין דעם אַנדערן אַריינגעטון, אָט פּונקט אַזוי, ווי ביי אַ קינד, וואָס איז ערנסט אין זיין שפּיל און שפּילעוודיק אין זיין ערנסט...

און אין דניאל טשאַרנין — ס'מאַכט ניט אויס, וואָס אים האָט שוין נאָכ־געיאָגט און דעריאָגט אַזאַ מין אָנשיקעניש, ווי אַ יובילײ פֿון גאַנצע 25 יאָר שאַפֿן, פּרוכפּעדיק און פּילזייטיק שאַפֿן — דאַרף מען צוגעבן — אין דניאל טשאַרנין איז פֿאַראַן טאַקע זייער פֿיל קינדישס. ער אַליין ווייס עס און נעמט עס אָן פֿאַר ליב: „אויף אַזעלכע קאָמפּלימענטן בין איך תמיד שטאָלץ" — שרייבט ער אין זיינעם אַן אַרטיקל דאָ־ניט־לאַנג אינעם קאָוו־נער „פֿאָלקסבלאַט".

ווער האָט עס אויסגעטראַכט, אַז „קינד" און „קינדיש" זענען נעגאַטיווע באַצייכענונגען און דינען נאָר אויף מבטל צו זיין און פֿאַרקלענערן דעם כאַראַקטעריזירטנס באַדייט? — די, וואָס טוען עס, טוען עס וועגן קנאה צו די דורך זיי פֿאַרלוירענע מעלות טובות, וואָס אין „קינד" און „קינדיש". געוויס איז אין „קינד" און „קינדיש" פֿאַראַן אויך עפּעס נעגאַטיוועס. די קינדישע צו שטאַרקע תמימות, למשל, אָדער די קינדישע אַגרעסיווקייט וכדומה. ווי איז אָבער דער דין, אַז פֿאַר אונדז זאָל דערשיינען אַ געליי־טערטע „קינדישקייט", דער אומבאַדינג־פּאָזיטיווער קערן אירער, אַ אויס־געשיילטער און אָפּגערייניקטער פֿון נעגאַטיוון שאָלעכץ? — קינדישע אוממיטלבאַרקייט, אַ שטייגער, אָן דער באַגלייטנדיקער אַגרעסיווקייט, קינדישע, פֿולשטענדיקע אמתדיקייט און אויפֿריכטיקייט אָן דער באַ־גלייטנדיקער צו שטאַרקער תמימות?

און דניאל טשאַרני, סיי אַלס שריפטשטעלער און סיי אַלס מענטש, פֿאַר־מאָגט דווקא אָט די צוויי „קינדישע" מעלות: אוממיטלבאַרקייט און אויפֿ־ריכטיקייט: זיין זעלטענע נאַטעקייט צו „קינדישקייט", צו אָט דער „קינ־דישקייט", האָט אים אויך געמאַכט פֿאַר אַ קינדער־שרייבער, פֿאַר איינעם פֿון די בעסטע ביי אונדז אויף דעם געביט. זיינס אַ פּרעכטיקע קינדער־מעשהלע האָט נאָך מיט זעכצן יאָר צוריק באַצירט דעם „מפיצי־השכלה"־קאַטאַלאָג פֿון דער דעמאָלט נאָך אַזוי אָרעמער יידישער קינדער־ליטעראַ־טור. און פֿון יענעם קינדער־מעשהלע ביז „ווי אַזוי איך קום אויף דער לבנה" (דערשינען אין בוכפֿאָרעם, ווילנע 1928, פֿאַרלאַג „נייע יידישע פֿאָלקסשול") האָט דניאל טשאַרני ניט ווייניק בייגעטראָגן צו דער יידישער קינדער־ליטעראַטור. אויסער זיין אַרבעט שבכתב אויף דעם געביט איז נאָך צו דערמאָנען זיין אַרבעט „שבעל־פּה": אין דער זייער אינטערעסאַנטער תקופה פֿון ערשטע יידישע קינדערהיימען און אָנהויב־שולן פֿאַר די פּליטים־קינדער אין דער צייט פֿון דער וועלט־מלחמה, ווען די דערציער און לערער איז אויסגעקומען, אין פּרט פֿון אונטערריכט־ און שפּיל־מאַטעריאַל, צו טון אַן אמתע ראַבינזאָנישע אַרבעט, צו שאַפֿן אַ „יש מאין", זענען דניאל טשאַרנים צענדלינגער לידלעך און מעשהלעך (ער טשאַרני, איז אגב, גע־ווען איינער פֿון די ערשטע קינדערהיים־אַרבעטער אין יענער צייט) אריבער פֿון האַנט צו האַנט, פֿון מויל צו מויל, און ווי ביי אמתער פֿאָלקס־שאַפֿונג האָט מען אויך דאָ אָפֿט ניט געוואוסט דעם נאָמען פֿון מחבר.

•

דניאל טשאַרנים אַ מעשהלע, אַ לידל פֿאַר קינדער האָט שטענדיק אַ דאַנק־באַרן לייענער־עולם, ווייל ער וויים ווי אַזוי צוצוגיין צום קינד אוממיטלבאַר און אויפֿריכטיק, ווייל אין אים גופֿא איז, ווי געזאָגט, פֿאַראַן זייער פֿיל „קינדישקייט" און ער איז צווישן קינדער, ווי צווישן אייגענע.

שוין דער אָפֿט און בולט אויטאָביאָגראַפֿישער כאַראַקטער פֿון דניאל טשאַר־נים ווערק, אפֿילו די, וואָס זענען באַשטימט פֿאַר דערוואַקסענע, איז אַן אויסדרוק פֿון „קינדישקייט", פֿון געלייטערטער, קינדישער עגאָצענטריש־קייט. פֿאַרוואָס „געלייטערטער"? ווייל אומזיסט וועט איר זוכן אין זיין עגאָ־צענטרישקייט אַ שפּור פֿון „גאוה". מיר דוכט זיך, אַז דניאל טשאַרני איז דער דעמאָקראַטישסטער און היימלעכסטער צווישן יידישע שרייבער אין זייער באַציאונג צו קאָלעגן און מענטשן בכלל.

•

אויף אַמאָליקע צדיקים פֿלעגט מען זאָגן, אויסרעכנענדיק אַלע זייערע

איבעריקע מעלות, אַז „זיי זענען גרויסע יידן־פריינד“. אויף דניאל טשאַר־נין מעג מען כ׳לעבן, מיטן אייגענעם נוסח זאָגן, אַז ער איז „אַ גרויסער שרייבער־פריינד“.

•

די אַרטן פון טשאַרנים שרייבן און שאַפן זענען פאַרשידן: ער איז אַ דיכ־טער, אַ נאָוועליסט, אפילו אַ גרויסן ראָמאַן לעצטנס אָנגעשריבן. אַ מעמו־אַרן־שרייבער, אַ קינדער־שרייבער, אַ פּובליציסט, עסייאיסט, אויך גוטער ליטעראַרישער רעפּאָרטאַזש איז פאַראַן אין זיין 25יאָריקן שרייבערישן „דעבעט“. אָבער אין אַט די אַלע פאַרשידענע אַרטן בלייבט ער שטענדיק דער אייגענער. דער, וואָס עס גראַמען זיך ביי אים זייער גוט „ערנסט“ און „שפּיל“, לייכטער הומאָר און פּונקט אַזוי לייכטער סקעפּסיס, און שטענדיק־גוטמוטיקייט און אינערלעכע אמתדיקייט.

ער איז שטענדיק, אַט דער דניאל טשאַרני, ווי געזאָגט אַ „חול־המועדיקער“, ער וויקלט אויף און שליסט צונויף „שבת“ און „וואָך“. כ׳בין זיכער: אפילו איצט, ביי זיין 25יאָריקן שרייבערישן יובילייַ, וואָס ביי אַלע אַנדערע איז עס אַ מין „שבת הגדול“, ביי אים אָבער מוז עס זיין „חצי־שבת־חצי־וואָך“.

ווייל צי איז ער פאַר אַט דעם פערטל יאָרהונדערט כאָטש אַביסל אַנדערש געוואָרן? ס׳איז דאָך מער אַ שפּיל פון דער „מעטריקע“, ווי אַ ווירקלעכע, פּסיכישע איבערוועטונג פאַר אים, דעם שטענדיק־„קינדישן“ און „ערנסט־שפּילעוודיקן“.

„דוקאַר, ניו־יאָרק, בערלין און בירע־בידזשאַן“ — אויב נאָכן דוקארישן חשבון, איז דניאל טשאַרני, דער יובילאַר ביז איצט דורכגעגאַנגען ביי פינף און צוואַנציק הילצערנע וויאָרסט־סלופּעס, אויב נאָכן ניו־יאָרקער אָדער בערלינער חשבון — איז ער דורכגעגאַנגען פינף און צוואַנציק קילאָמע־טערן־זופּנדיקע „סאָבוויי“־כּף־הקלען אָדער מיט ווייטקייטן זיך פאַרכלי־נענדיקע אויטאָ־„ראַקעטן“ — וואָס איז אָבער די נפקא־מינא? — אַז אין תוך איז דער „בערלינער“ צי „ניו־יאָרקער“ דניאל טשאַרני דער אייגע־נער, וואָס אין „דוקאַר“.

און אַזאַ וועט ער פאַרבלייבן אויך ביז צום צווייטן יובילייַ זיינעם, דעם 50יאָריקן!

אברהם רייזען / אַ שעפער פון פיינסטן פאַרנעם

שרייבן וועגן דניאל טשאַרנין פאַר אַ זאַמלבוך, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן צו זיין יובילײ איז אַ אַנגענעם, אַ ניט באַקוועם. עס איז, ווי דער פסוק זאָגט: „צר לי המקום"... מיט אַ קליינעם אַרטיקל, ווי קאָנצענטרירט עס זאָל ניט געשריבן ווערן — וועט מען ניט קענען אַרויסזאָגן דאָס אַלץ, וואָס דניאל טשאַרני איז — ווי אַ שאַפער, אַ חבר, אַ קאָלעגע און אַ ליטעראַטור־טוער. שרייבן ווידער אַ גרעסערע אָפּהאַנדלונג — ווייסן מיר דאָך, אַז עס זענען דאָ גענוג בעלנים, גענוג קאָלעגן, וואָס ווילן זאָגן, דער־ציילן און שאַצן, וואָס מיר אַליין וועט זיין אינטערעסאַנט צו לייענען.

דניאל טשאַרנים אַ יובילײ איז דאָך אין דערזעלביקער צייט, דירעקט, צי אומדירעקט, אויך דער יובילײ פון אַן עפּאָכע, אַ ליטעראַרישע און אַ קולטור־היסטאָרישע.

וועל איך זיך דערווייל באַגנוגענען מיט איין טייל פון דניאל טשאַרנים וויכטיקע אייגנשאַפטן: זיין ליבשאַפט און זיין געטרייקייט צו דער יידי־שער ליטעראַטור. זיין באַהאַוונטקייט אין איר און זיין לומדות.

יאָ, אַ דאַנק די דניאל טשאַרנים איז דאָס קענען, דאָס לערנען, דאָס שטו־דירן די יידישע ליטעראַטור דערהויבן געוואָרן ביז לומדות.

„לערנען אַ קאַפּיטל מענדעלע" האָט, אמת, געראַטן ש. ניגער, דניאלס באַ־רימטער ברודער (שמואל טשאַרני) אָבער ניט דווקא מענדעלען, צי פּרצן... אפילו שלום עליכמען דאַרף מען לערנען, און די ראשונים און די אחרונים, אָנהויבנדיק פון דעם יידישן מינעזינגער זיסקינד, נאָכדעם — אליהו בחור ביז חיים גראַדע...

מען מעג שוין הייסן אַ למדן ניט נאָר, ווען מען קען אַ בלאַט גמרא, נאָר ווען מען קען לערנען אַ בלאַט אליהו בחור, צי אַ בלאַט פון חיים גראַדעס אַ פּאָעמע און דערגרונטעווען זייערע טיפקייטן.

ווידער, ווי אין פסוק שטייט: „והגית בה"!

און דניאל טשאַרני, אַליין אַ שעפער פון פיינסטן פאַרנעם, פון טיפסטן מקור — יידישן און אַלמענטשלעכן — איז אַ למדן און אַ לערנער.

וואָלט דאָס אַליין שוין גענוג געווען. איז ער אָבער אויך, ווי געזאָגט, אַ שעפער, וואָס אויך זיינס דאַרף מען לערנען. און ניט נאָר זיינע פּראַקטיקע לידער, די לירישע און די סאַטירישע, וואָס אויך זיי — די לעצט־דער־מאָנטע — פאַרמאָגן דעם לירישן קלאַנג און אָפּקלאַנג, נאָר אויך זיין

גרויס ווערק, וואָס ער האָלט נאָך אין שאַפן און שאַפט אַלץ העכער און באַרג אַרויפיק ביז עס וועט דערגרייכט ווערן די געווינטשטע הויך.

אונדזער געליבטער יובילאַר, דניאל טשאַרני, האָט דעם צווייטן טייל פון די פּאַסירונגען פון זיין לעבן — און ניט נאָר פון זיינעם — ניט אומזיסט אַ נאָמען געגעבן „באַרג אַרויף".

ער איז געשטיגן העכער און העכער אין שאַפן און אין לעבן.

עס איז גענוג צו קומען אין דער, צי אין יענער שטאָט פון אייראָפּע, וואו דניאל טשאַרני, דער פרייַדיקער וואַנדערער, געפינט זיך אין דער, צי אין יענער צייט — און זען זיך מיט אים, פילן זיינע פאַרליבטע בליקן, וואָס ער לאָזט אויף אייך פאַלן, ווי שטראַלן פון זיינע, טאַקע שטראַליקע, אויגן — און דערקענען דעם מענטש און דעם קאָלעגע דניאל טשארני — דעם פאַרליבטן אין לעבן, ווי אַ פילאָסאָף אָפּטימיסטיש און פאַרליבטן אין דער יידישער ליטעראַטור און אין אירע שעפער.

געקומען אין סוף פון 1928 יאָר אין בערלין, ווען דאָס רוב קאָלעגן האָבן שוין איבערגעוואַנדערט קיין פּאַריז — האָב איך אויסער דעם אויך גענוג גאַסטפריינדלעכן דוד בערגעלסאָן, וואָס האָט צו מיין דעמאָלטיקן פאַרדראָס געמוזט אין דעמזעלביקן טאָג פון מיין קומען, אָפּפאָרן קיין אַמעריקע — זיך געטראָפן מיט דניאל טשאַרנין. צי אין אַ קאַפע, צי ביי אים אין הויז — וואו איך האָב זיך מיט אים באַגעגנט — איז די יידישע ליטעראַטור, דאָס יידיש-וואָרט, ווי דער ליכטיקער זייל פאַר די יידן אין מדבר — אים נאָכגעגאַנגען...

צייטונגען, זשורנאַלן, העפטן, ביכער — ערשט-דערשינענע.

און גריסן, גריסן פון אַלע שרייבער — מעגן זיי זיין ווי ווייט פאַרוואָרפן. דניאל טשאַרני ווייסט, וואָס זיי שאַפן, ווי אַזוי זיי לעבן און ווען זיי וועלן קומען אַהער.

אוודאי האָט מיר אין יענע טעג אין בערלין אויך מקרב געווען דער טייערער מענטש-ייִד און פיינער דיכטער א. נ. שטענצעל, וואָס וועגן אים וועל איך האָבן אַ באַזונדער שיינעם און אינטערעסאַנטן קאַפּיטל צו דערציילן. אוודאי האָט מיך דער איידעלער ש. מענדעלסאָן, דער בונדיסט, וואָס האָט דעמאָלט צו מיר געהאַט אפשר פּאָליטישע טענות, מיט מיר גענוג זיך אָפּגעגעבן, און דער קאָלעגע הערמאַן סוועט איז אויך ניט געשטאַנען פון וויטן, ווען איך האָב זיך משתדל געווען וועגן די וויזעס. ער האָט מיך געפירט צו די אַלערליי קאָנסולן פון דעם באַנייטן פּוילן און זיי דערציילט מיין גרויסן יחוס... אָבער מיט גייסטיקע שפּייז — מיט ליטעראַטור — האָט מיך אין בערלין פאַרזאָרגט דניאל טשאַרני.

מען רופט אים דער „אַמבאַסאַדאָר פון דער יידישער, ליטעראַרישער מלוכה — פון יידישלאַנד". דאָס איז אַ פאַרדינטער טיטל, אָבער צו אָפיציעל.
זיין וואַרעמע באַציאונג, און ניט נאָר צום וואָרט, נאָר טאַקע — צום מענטשן, צום חבר און קאָלעגע איז מער, ווי פון אַן אַמבאַסאַדאָר.
ווער שמועסט נאָך, אַז מען קומט צו אים אַ היים און מען מוז בלייבן דווקא אויף „מיטאָג", צי אויף „וועטשערע". וואָס זיין טייערע חברטע, זיין פרוי, גרייט צו, ווי אַ מאָדערנע אשת חיל — דעמאָלט דערפילט מען זיך, רעדנדיק מיט אים און מיט זיין חברטע — און אויפן טיש, אויסער די געריכטן — די אַלע צייטונגען, זשורנאַלן, העפטן און ביכער — די נייסטע און זיינע מינדלעכע ליטעראַרישע ידיעות, וואָס ער גיט איבער — דעמאָלט פילטסטו, אַז דו ביזט ניט אומזיסט געפאָרן איבערן ים. דו האָסט געפונען אַ ליבן און טייערן מענטשן, וואָס מוטיקט דיך מיט זיין יעדן וואָרט, מיט זיין מענטשן־ליבנדיקן שמייכל און מיט זיין געטריישאַפט און איבערגעגעבנקייט.
די פאָר וואָכן, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין סוף 1928 יאָר אין בערלין וועגן מיין ווייטערדיקן פאָרן קיין פוילן און פון דאָרטן — קיין סאָוויעטן־פאַרבאַנד, וואָס די לעצט־דערמאָנטע רייזע האָט מיר געגעבן אַזויפיל פרייד און לעבנס־זינען, וואָס ניט דאָ און ניט איצט איז דאָס אָרט און די צייט צו דערציילן — זענען מיר געבליבן איינגעקריצט אין מיין האַרץ און אין מיין זכרון.
פון יענע פאָר וואָכן מיט דניאל טשאַרנין אין בערלין וועל איך האָבן קאַפּיטלעך צו דערציילן. זאָל נאָר דער טאַלענטפולער דניאל טשאַרני און דער גרויסער בעל־זכרון מיר ניט אויסכאַפּן פריער, גייענדיק זיין „באַרג אַרויף"...
אָבער צו זאָגן און דערציילן דאָס אמתע — די שיינקייט פון דניאל טשאַרנים לעבן — דאָס קען ער מיר ניט אויסכאַפּן.
וועט שוין פאַר מיר, האָף איך, פאַרבלייבן גענוג צו דערציילן וועגן דניאל טשאַרנין בכלל, אלס שעפער און מענטש און וועגן זיין באַציאונג צו אַ קאָלעגע און גאַסט בפרט. איצט, אין די טעג פון זיין יום־טוב, וואָס דאָס איז אויך אונדזער אַלעמענס יום־טוב — מיין באַגריסונג און מיין דאַנק אי פאַר זיין ביזאַהעריקן שאַפן אי פאַר זיין געטריישאַפט צו דער יידישער ליטעראַטור און צו אירע שעפער, צווישן וועלכע דניאל טשאַרני איז פון די ליכטיקסטע און מערקווירדיקסטע געשטאַלטן.
און דניאל טשאַרני וועט נאָך שאַפן און שאַפן. ער פאַרמאָגט גענוג גייסטיקע כוחות. זאָל ער לאַנג לעבן מיט געזונט. ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר!

זלמן רייזען / דניאל טשאַרני אין ווילנע

מיר האָבן יאָרן לאַנג געקענט דניאל טשאַרנין אַלס „אַמבאַסאַדאָר“ פון יידיש אין בערלין. אויף דעם דאָזיקן פּאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן האָט ער זיך פאַרדינט די דאַנקבאַרקייט און ליבשאַפט פון דער אַלוועלטלעכער משפחה יידישע שרייבער, קולטור־בויער, געזעלשאַפטלעכע טוער. מיט דעם חן פון זיין אייגענער פּערזענלעכקייט, מיט דער ליבשאַפט זיינער צו דעם יידישן וואָרט, מיט זיין געטריישאַפט צו חברים און קאָלעגן פון נאָענט און וויט, איז ער געוואָרן אַ אינסטיטוציע אין אונדזער קולטור־וועלט, אַ פאַרבינדער צווישן מזרח און מערב, אַן אַדרעס פאַר אַלע ענינים פון דער יידישער קולטור און פון יידישן שאַפן.

דער האַקנקרייץ האָט חרוב געמאַכט די „אַמבאַסאַדע“ פון יידיש אין בערלין. און דער „אַמבאַסאַדאָר“ פון יידיש האָט נאָך נע ונד־זיין איבער שטעט און לענדער זיך צוריקגעקערט צו זיין מלוכה — צו דער מלוכה פון יידיש אין ווילנע.

שווערע צייטן לעבט איצט איבער די יידישע ווילנע, דער צענטער פון אונדזער קולטור־באַוועגונג. גרויסע דורכרייסן און שווערע אבידות. און אַזוי נייטיק זענען פאַרשטאַרקונגען, נייע כוחות מיט אחריות און פאַרשטענדעניש און גרייטשאַפט מיטצוטראָגן דעם יאָך.

איז אונדז באַזונדערס אָנגעלייגט, וואָס דווקא אין די דאָזיקע שווערע צייטן, ווען אַזוי פיל טוער דעזערטירן, ווען אַזוי פיל זוכן צו אַנטלויפן און אַזוי פיל האָבן שוין דעם קאַמפּספּלאַץ פאַרלאָזן, איז צו אונדז געקומען דניאל טשאַרני, ניט אָפּגעשראָקן פאַר אונדזער מאַטעריעלן דלות, פאַר אונדזער נויט. ער איז גרייט מיט דער שטילער באַגייסטערונג זיינער מיטהעלפן אונדז אין אונדזער שווערער אַרבעט פאַר דער יידישער קולטור, פאַר דעם יידישן וואָרט אַלס אָרגאַניזיר־קראַפט פון דעם יידישן לעבן.

אין איינעם אַ בריוו שרייבט פּראָפ׳ ש. דובנאָוו צו דניאל טשאַרנין:

„מען דאַרף שאַפן אַ צענטער אין ווילנע.“

דאָס מיינט דער באַרימטער יידישער היסטאָריקער געוויס: פ א ר־ש ט א ר ק ן דעם צענטער. וואָרעם נאָך אַלע ווײ־געשרייען און ירידה־שטימונגען האָבן מיר נאָך אין ווילנע פעסטע יידישע קולטור־פּאָזיציעס, איינציקאַרטיקע לויט זייער פאַרנעם און פּערספּעקטיווע. ס׳איז נאָך פאַר־

ראַן צו וואָס צו קומען קיין ווילנע און פאַר וואָס און פאַר וועמען צו ווירקן.

און אין אַ צייט, ווען עס איז שוין ניט אויסצוהאַלטן ממש פון די מיאוס־מאַכערס און ליקווידאַטאָרס איז דניאל טשאַרני מיט זיין אָפּטימיזם, מיט זיין אַקטיווקייט אַ גרויסער געווינס פאַר אונדז. און באַגריסנדיק אים צו דעם אַריינטרעטן אין אונדזער ווילנער משפּחה, ווילן מיר אויך גלויבן, אַז ער איז די ערשטע שוואַלב נאָך אַ לאַנגן, קאַלטן ווינטער און ס'וועלן אים נאָכקומען נייע כוחות, וואָס וועלן אונדז העלפן דורכמאַכן די איבער־גאַנגס־צייט און ווידער דערהייבן ווילנע איבער אַן אויפגעלעבטער יידי־שער קולטור־באַוועגונג, איבער אַן אויפגעבויטן, שעפערישן און יידישן לעבן.

מיר באַגריסן אָבער דניאל טשאַרנין ניט נאָר אַלס נייעם ווילנער ביר־גער; מיר באַגריסן אויך די דערשיינונג פון זיין נייעם בוך „באַרג אַרויף". די לעזער קענען שוין זיינע איינצלנע „בלעטלעך פון אַ לעבן", וואָס דניאל טשאַרני האָט איצט צונויפגענומען אין זיין ערשטן גרויסן ווערק. זיי קענען די פיינע מאַניר פון זיין שרייבן, זיין סטיל, ליכטיקן הומאָר, די מערקווירדיקע אָפּנהאַרציקייט, וואָס רירט אַזוי און בינדט צו.

עס איז באמת אַ באַרג אַרויף פאַר דעם שריפטשטעלער דניאל טשאַרני, וואָס האָט דאָ דערגרייכט די הייכן פון דער גרויסער קונסט פון אויטאָ־און סביבה־שילדערונג.

עס איז אַן ערשטקלאַסיקער קוועלנבוך פאַר דער געשיכטע פון אונדזער ליטעראַטור און געזעלשאַפטלעכקייט אין איר אינטערעסאַנטער און שטור־מישסטער תקופה פון די לעצטע 30 יאָר.

אַלע יידישע ראַדיקאַלע פּאַרטייען מיט זייערע פירער און טוער, די שע־פער פון דער נייסטער יידישער ליטעראַטור — לעבן אויף אויף די זייטלעך פון דניאל טשאַרנים בוך, וואָס לייענט זיך מיט אַזאַ שפּאַנונג, מיט אַזאַ אינערלעכער פאַרינטערעסירטקייט, מיט אַזאַ הנאה, וואָס מען האָט פון אמתער קונסט.

דער דאָזיקער מעמואַרן־בוך איז אַ שליסל ניט נאָר צו דניאל טשאַרנים פּערזענלעכקייט, נאָר טאַקע צו דער גאַנצער תקופה אונדזערער, אַזאַ רייכער, אַזאַ פילפאַרביקער, מיט אַזוי פיל חלומות, אילוזיעס, אַנטטוישונ־גען, אָבער אויך מיט אַזוי פיל מעשים און אויפטוען.

אָבער מיר ווילן דאָ ניט און קענען דאָ ניט אויסשעפּן אַלץ וועגן דניאל טשאַרנין — דעם מעמואַריסט, דעם דיכטער, דעם זשורנאַליסט, דעם בריוושרייבער. ער בלייבט מיט אונדז. מיר וועלן אים נאָך נאָענטער דער־קענען און מערער נאָך ליב באַקומען.

מאַרק שאַגאַל / פאַרוואָס האָב איך ליב טשאַרנין?

פאַרוואָס האָב איך אים ליב?
ווייל מיר דוכט זיך: איך זע אַ שטיל יינגל גייט איבער די גאַסן אַמאָל אַליין, אַמאָל מיט זיינע ברידער. ער גייט איבער יענע גאַסן, וועלכע זענען אויך מיינע גאַסן פון מיין שטעטל, און וועלכע וועקן מיך אויף ביי נאַכט אין חלום. ווייל איך בין אויך געווען אַמאָל אַזאַ שטיל יינגל און אויך איך פלעג מיט אַזאַ שרעק קוקן אויף קליינע מיידלעך און אויף דער לבנה.
איך האָב ליב טשאַרנין, ווייל שטילערהייט, אַמאָל אַן אומעטיקער, אַמאָל מיט אַ שמייכל, זוכט ער עפּעס שטענדיק אַ שיינעם, ריכטיקן מענטשן.
און דאָס דערמאָנט מיך די לויפנדיקע יידן פון מאַרק אַהיים מיט אַ הערינג און מיט אַ ליכט, ווייל באַלד וועט זיך אָנצינדן דער הייליקער שבת...
איך קלער, אַז טשאַרני איז היינט אויף דער וועלט דער איינציקער, ווייכער, שטילער ייד. האָט רחמנות! זאָל ער בלייבן אַזאַ זיין גאַנץ לעבן.

•

ווער איז טשאַרני?
מיר איז שטענדיק אַלץ איינס, וועגן וואָס טשאַרני שרייבט. אָבער איך וואָלט ווינטשן אַ סך אַנדערע צו באַזיצן זיין חן, ווען זיין איינצלנע האַנט רוקט זיך איבערן פּאַפּיר.
זאָל ער שרייבן נאָך מער טשאַרניש, ווייל ער איז דער אמתער דאָן, ווען זיין קונסט דערמאָנט די „קונסט" פון אונדזערע עלטערן, ווען זיי פלעגן זיך זעצן שרייבן.
איך ווינטש טשאַרנין: ער זאָל זיך פילן אין פּאַריז ווי אין ווילנע. מען דאַרף זאָגן דעם אמת: דאָס איז זייער שווער.
עס פעלן דאָ יענע יידן, וואָס ווען מען זעט זיי — פילט מען זיך באַהאַלטן אין אַן אָרון-קודש ניט ווייט פון ספר-תורהס.
און דאָ — נאָר „קאַפע קרעם", אָבער ביים „קאַפע קרעם" פלעגן זיצן אַמאָל אי ווערלען, אי באָדלער, אי רעמבאָ און ווער ניט?
ס'איז ביטער אָפט. עס ליגט דאָ אין די פּאַריזער גלענצנדיקע כלים פיל סם, צרות, נחת און רום. עס איז פריי דער וועג פאַר אַלעמען — טרינקט.
איך וואָלט ווינטשן דעם פריינד טשאַרני, ער זאָל זיך רואיק און פיין גיין ווייטער זיין וועג מיטן טאַלענט, וואָס ער האָט באַקומען פון זיין מוטער.

מאַרק שאַגאַל און דניאל טשאַרני אין דרוזגעניק 1935



משה שאַליט / אַ שטיק יידיש לעבן פון אַמאָל

דאָס זענען גאָר אַנדערע מעמואַרן. אַזוינע בנעימותדיקע און פּשוטע — און גלייכצייטיק אַזוינע אייגנאַרטיקע און אינטערעסאַנטע.

מעמואַרן, וואָס „דערציילן דעם לעבנסגאַנג פון איינעם, אַ ייד, וועלכער גייט שוין אין משך פון כמעט אַ פערטל יאָרהונדערט געשפּאַנט אין דער יידישער פּאַרטייאישער און אומפּאַרטייאישער געזעלשאַפטלעכקייט, ווי אויך אין דער יידישער ליטעראַטור און זשורנאַליסטיק ביי אַלע זייערע עטאַפּן און שנויים“.

דער דאָזיקער „איינער, אַ ייד“ האָט שוין פאַר די 39 יאָר פון זיין לעבן ביז איצט דורכגעמאַכט „דריי בר־מצוה־תקופות“ : די ערשטע — „משפחה־כראָניק“ — זענען די ערשטע 13 יאָר פון זיין לעבן 1888 — 1901 ; די צווייטע — „פּאַרטיי־כראָניק“ — 1902 — 1914, יאָרן פון „רעוואָלוציאָנערן אויפקום און אומקום, ווי אויך רענעסאַנס־יאָרן אין דער יידישער ליטעראַטור“ ; די דריטע — „וועלט־כראָניק“ — 1914 — 1926, די יאָרן פון „וועלט־מלחמות און וועלט־רעוואָלוציעס“.

דערווייל האָבן מיר פאַר זיך, אין אַ בוך־פאָרעם (די וויטערדיקע קאַפּיטלעך דרוקן זיך אין ניו־יאָרקער „צוקונפט“) נאָר דעם ערשטן טייל פון די מעמואַרן, די תקופה פון דער „משפחה־כראָניק“.

דער הויפּט־צוועק פון די דאָזיקע „מעמואַרן“, ווי דער מחבר רופט זיי אָן, איז „ניט צו שרייבן טרוקענע געשיכטע אָדער פיקסירן געוויסע פאַקטן און דערשיינונגען לויט אַ וועלכן ניט־איז וועלט־באַנעם, נאָר פּשוט און פּשוט — דערציילן דעם לעבנסגאַנג פון אָט דעם „איינעם, אַ ייד“.

אַ שטילער טרויער און עלנט ווייעט פון דעם שווערן, אָרעמען לעבן אין דעם קליינעם, פאַרוואָרפענעם שטעטעלע דוקאָר (מינסקער גובערניע) וואו דער מחבר איז געבוירן געוואָרן און האָט פאַרבראַכט זיין קינדהייט. ווען ער איז נאָך אין וויג געלעגן, איז אים אָפּגעשטאָרבן דער טאַטע, און ביי דער מאַמען זענען פאַרבליבן אַ טאָכטער און פינף זין, ווי „פינף פינגער אויף אַ האַנט, איינער קלענער פאַר דעם אַנדערן“.

ער איז עם געווען דער סאַמע קלענסטער, דאָס יתומל, דאָס מוזיניקל און — אַ באַשאָנקענער מיט כלערליי קרענק און פּורעניותן — דער סאַמע גרעסטער יחסן.

און די מאַמע פּלעגט אים היילן מיט אירע טרערן און ברכות.

אַ גאַנצע ריי בילדער און פאַרשווינען גייען פאַרביי אונדז ווי לעבעדיקע און אַ שטיק אַמאָליק לעבן ערגעץ אין אַ שטעטל אויף רייסן שטעלט זיך פאַר אונדזערע אויגן און קלעמט דאָס האַרץ.

ס'שוועבן פאַרביי די דוקאָרער טיפּן, שטיבער און גאַסן, די מנהגים און זאַבאַבאָנעס: דער שטוביקער רבי ר' משה הירש, וואָס ווערט גאָר נאָכן טויט אַ רופא (אַלס סגולה דראַפּעט מען מיט זיין טויטער האַנט אַ חולה); ר' אָשר דער מלמד, דער אַפּיטרופּס און צווייטער טאַטע איבער די יתומים פון זיין חבר און גלאַט אַ פריילעך יידל; די מומעס; ר' יונה, דער גביר, וואָס פלעגט לייען אַ פינף־רובלדיקע און גלייך אויף מאָרגן, שרייען איבערן גאַנצן מאַרק, אַז מען זאָל ניט מיינען, אַז ער האָט געליען אויף ניט צוריקצוגעבן, און ביי דער אָרעמער מאַמען פלעגן איינפאַלן די דמים פאַר חרפּה; אַלבע, דער צעדרייטער שייגעץ, וואָס פלעגט זומער און ווינטער אַרומלויפן באָרוועס אין איין העמד און האַלטן אין איין פרייען זיך און שרייען בול־בול־בול; דער לערער זלמן, די בריל, וועלכער האָט איינגעפירט אין שטעטל בלאָשטיינס גראַמאַטיק מיט די חידושים אויפן „מיאַכקי זנאַק"; די שכנים קושע, דער בעל־עגלה און לאה מערע, די בייגלבעקערקע; דער פעטער פייטל, דער מלאך; מאַשע די משוגענע און משה אבא, דער הימל פאַלט — און די פיר ערשטע יידישע גאַסן אין דוקאָר מיט זייער באַזונדערן כאַראַקטער, „קלאָסן" און „שיכטן".

עס גייט פאַרביי דער האַנדל־וואַנדל אין שטעטל מיט זיינע שטענדיקע דאגות פּרנסה, מיט זיין דלות און ענגשאַפט; מיט דער קרעמל־קאָנקורענץ, מיט דער „גרויסער גנבה", מיט די אייגענע „הייזער"; תנאים און חתונה; נחת פון קינדער; און מיט די וויטע פּערספּעקטיוון אויפן גרויסן טראַקט דוקאָר־סמילעוויטש־בערעזין מיט דעם כרך גדול מינסק.

אָבער איבער אַלץ און אַלעמען טיילט זיך אויס אין דער דערציילונג איין צענטראַלע פיגור — די ליכטיקע געשטאַלט פון דער מאַמען, דער טרייער, גוטער, וואַרעמער באַשיצערין פון אַלע צרות און אומגליקן, און דער אמתער אשת חיל.

וואָס פאַראַ מסירת־נפש האָט זי ניט אַרויסגעוויזן, וואָס האָט זי ניט אָפּגעטון, כדי צו דערהאַלטן ביים לעבן איר קראַנק קינד — די „געטשקע", די „פליאַגע", דעם „געפונענעם", דעם „געראַטעוועטן" — און זי האָט אויסגעפירט!

רירנדיק זענען די סצענעס, ווען דאָס יינגל וויל העלפן דער מאַמען שלעפן דעם יאָך און קלויבט באַהאַלטענערהייט אַ צענערל נאָך אַ צענערל, צוואַנציק שטיקלעך, אַ גאַנצן רובל — און ווי דער דאָזיקער „אוצר" ווערט פאַרפאַלן — די מאַמע האָט אים נעבעך געדאַרפט האָבן אויס־

צוקערעווען זיך און אים אַרויסגענומען פאַר דער צייט. ניט ווייניקער רי־רנדיק זענען די אַלע געפילן, מיט וועלכער ער איז איבערפולט צו זיין מאַ־מעלען, דער טייערער.

און אַט וואַקסט דאָס יינגל אונטער, ער איז שוין געוואָרן בר־מצווה און האָט זיך אַרומגעזען, אַז ס׳איז ניט קיין תכלית מער צו שטעקן הינטער דער מאַמעס פאַרטעך. אים האָט זיך אויך פאַרוואָלט קיין מינסק, ער וויל ווערן אַ לייט, אָנהויבן פאַרדינען און אַרויסהעלפן דער מאַמען.

די מאַמע ברענגט אים קיין מינסק און לאָזט אים איבער אין רשות פון זיינע עלטערע פיר ברידער.

„...און מיר אַלע פינף האָבן דער מאַמען געקושט און געהאַלדזט און באַרואיקט, פונקט ווי זי וואָלט זיך אָנועקגעלאָזן אין אַ ווייטער אומבאַ־קאַנטער נסיעה, איבערלאָזנדיק אונדז אַלעמען אויף הפקר״.

אָבער הפקר האָט זיך קיינער פון זיי ניט געפילט. „היימיש און זיכער איז געווען די סביבה פון די פיר שטייפע, יונגע און האַרציקע ברידער״ און ער, דאָס מוזיניקל, איז אויפגענומען געוואָרן פון זיי „מיט אָפענע אָרעמס און אָפענע הערצער״.

נישקשה, די מאַמע האָט געקאָנט בלייבן צופרידן.

זיי זענען קיין עין־הרע אויסגעוואַקסן גאָר לייטישע, געראָטענע קינדער: שמואל ניגער, וולאַדעק־לאַסאַל, דניאל טשאַרני...

•

דאָס ביכל איז אָנגעשריבן מיט אַ זעלטענער אָפנקייט. ס׳איז אַ מוטיק ביכל. שטיל און באַשיידן — און ווירקנדיק.

•

די מעמואַרן האָבן אַן אומבאַדינגטן קינסטלערישן ווערט, וועלכער באַ־שטייט אין זייער אינערלעכער אויפריכטיקייט און וועלכער ווייזט זיך אַרויס אין דעם הויפט־שטריך און גרונט־טאָן פון מחבר: אין זיין גוטמוטיקן הומאָר, וואָס פאַרפולט אָט דאָס ביכל פון דער גראָער און דאָך מונ־טערער ווירקלעכקייט.

ב. שלעווין / אויף די שפּורן פון דניאל טשאַרנין

אונדזער ליבן דניאל טשאַרנין וועט זיכער פריייען אויסצוהערן מיין אַנאָ־נימע באַקאַנטשאַפט מיט אים.

נאָך זייענדיק מיט צוועלף־דרייצען יאָר אַ שילער פון אַ יידישער פאָלקס־שול אין פּוילן — איז מיר אַריינגעפאַלן אַ צעשאָטענער יאָרגאַנג פונעם ווילנער קינדער־זשורנאַל „גרינינקע ביימעלעך", וואו דניאל טשאַרני האָט זייער אָפט פּובליקירט זיינע קינדער־לידער און קינדער־מעשיות.

איך געדענק, אַז אונדזער קליינע שול־ביבליאָטעק איז באַשטאַנען פון דינע, אויסגעריבענע בענדלעך. די דאָזיקע בענדלעך האָבן יעדן טאָג דורכשפּאַצירט צענדליגער קינדערישע הענט. ביים טוישן די ביכלעך איז אַלעמאָל געווען אַ גערודער. יעדער איינער האָט פאַרלאַנגט אַ וואָס גרעבערן ביכל.

•

איינמאָל אין אַ ווינטער — איך בין אַהיימגעקומען פון שול אַן אויסגעפרוי־רענער, האָב קוים באַוויזן עפּעס אָפּצועסן און זיך גלייך פאַרקליבן אין אַווינקעלע ביים אויוון און געגומען שלינגען די שיינע לידער, די וואונדער־לעכע באַשרייבונגען אָדער האַרציקע דערציילונגען פונעם ליבן קינדער־זשור־נאַל. וויפל שיינע און אינטערעסאַנטע זאַכן איך האָב זיך אַלץ מיטאַמאָל דערוויסט! די קינדערישע פאַנטאַזיע האָט באַקומען לופטיקע פליגלען. און צווישן די אַלע וואונדערלעכע מעשיות — אויך אַ מעשהלע, וואָס האָט זיך גערופן „די פאַרכישופטע קרעטשמע". פון יענע קינדערישע יאָרן אָן, האָט זיך דער נאָמען דניאל טשאַרני איינגעקריצט אין מיין זכרון.

מיט וויפל פּיעטעט, איבערלעבונג און וויטאָג איך האָב דאָרט געלייענט וועגן דעם טויט פון ש. אַנ־סקי, וועגן שלום עליכמס קינדער־יאָרן, וועגן יצחק לייבוש פּרץ. און אין איין ריי מיט די דאָזיקע נעמען איז אויך דער נאָמען דניאל טשאַרני ביי מיר פאַרבליבן.

ס'זענען אַוועק יאָרן. איצט באַגעגן איך ווידער אַמאָל אין אונדזערע פאַר־שידענע, ליטעראַרישע צייטשריפטן דעם נאָמען דניאל טשאַרני, וואָס ווייזט אַרויס אַ באַזונדערן אינטערעס צו אונדזער ליטעראַרישן נאָכוואוקס. איז ער מיר געוואָרן נאָך היימישער.

מיין ערשטע קינדערישע פאַרשטעלונג וועגן דניאל טשאַרנין, האָט מיך — הייסט עס ניט אָפּגענאַרט. ער איז מיר נאָך נאָענטער געוואָרן.

דניאל טשאַרני, קוילשטיפט־צייכענונג פון בען

דניאל טשאַרני / געקליבענע לידער

אינהאַלט פון דניאל טשאַרנים געקליבענע לידער

אַ ר ײ נ פ י ר - ל י ד :

זײט 204 פופציק יאָר מײַנע

ל ב נ ה ד י ק ס :

208 לבנה־נאַכט
209 קום צו גײן
210 װי גוט איז דיר, הימל
211 אײנזאַמקײט
212 די װאַנט
215 שװאַנען־ליד
216 אַלפּנגליען

צ װ י ש ן ל ע ב ן א ו ן ט ו י ט :

218 דער פינפטער
219 יתום־ליד
220 אַלמן־ליד
221 צום טויט
222 מײַן לעצטער באַרג אַרויף
223 מײַן לויה
224 מײַן האַרץ באַראַמטערט אויף שטורעם
225 דער פאַרפרוירענער
226 ס׳געװײן פון אַ פליג

א ו נ ט ע ר װ ע ג ס :

228 דאָס ערשטע ליד
229 אַ האָגל
230 װאַנדער־ליד
231 אַ בריװ
232 װאַנדער־בעטן
233 צעגאָסענער װײַן
234 ים־שװינדל

זייט 237 | עלים איילאַנד
238 | עס קייקלען זיך רייפן
239 | ביכער
240 | וואונדער איבער וואונדער

ס אַ צ י אַ ל ע מ אָ ט י װ ו ן :

242 | דער צעשאָסענער ציפּערבלאַט
245 | מאָסקווער געסלעך
247 | טויטשטראָף
248 | אויף יעדן ראָג
251 | צופוסנס דעם אייפל־טורעם

ל י י כ ט ע פ ע ר ז ן :

254 | מיין פילם
255 | דיינע אויגן
256 | איך שענק
259 | מגן דודס
260 | פלאַטער־פערזן — די פאַרפירערין / שפּיצן
261 | די יידישע טאָכטער
262 | די שטאָלצע
263 | בריוו — מיין ענטפער / א פּאָסט־קאַרטל
264 | צו איינער
265 | אינדערמיט
266 | די פערטע
267 | א קאַראַהאָד
268 | ווי אזוי איך בין געוואָרן אַ דיכטער
269 | פּסולת
270 | זאָל די וועלט געניסן — צום געניסן / ליבע און לעבן

פּופּציק יאָר מיינע

מיינע ברידער

פּופּציק יאָר מיינע — דאָס זענען פּופּציק נסים
פון מיין אומגעריכטן וואונדער־וואַנדער־לעבן,
ווילט זיך היינט די גאַנצע וועלט באַגריסן:
— „מזל טוב!“ — „מיט מזל זאָלט איר לעבן!“

פּופּציק יאָר מיינע, ווי פּופּציק שווערע לאָגלען
אָנגעפילט מיט ווייַנען פון יאָרצייטן און בריתן —
ס'איז דאָך גוט אַזוי דורך אַלע קרעטשמעס וואָגלען
און פון אַלע ווייַנען אונטערוועגס געניסן.

פּופּציק יאָר מיינע, ווי פּופּציק שוואַרצע שוואַנען
שווימען מיר אַנטקעגן מיט פולע שנאָבלען טרויער,
ס'איז דאָך אויך אין שוואַנען־ליד אַ טרייסט פאַראַנען —
אָדלערס שווימען ניט אין וואַסערן אין בלויע.

פּופּציק יאָר מיינע ווי פּופּציק ווייסע שוועסטער,
יעדערע פון זיי איז ענלעך צו דער מאַמען.
כ'האָב פון זיי גענומען דאָס שענסטע און דאָס בעסטע,
האָב איך זיי פאַראייביקט אין פערזן און אין גראַמען.

פּופּציק יאָר מיינע, ווי פּופּציק הויכע לייטערס
הויבן מיך נאָך העכער פון מיין אייגן לעבן —
וועל איך היינט ניט זאָגן יזכור נאָך די טויטע —
וועל איך בעסער זאָגן — „מיט מזל זאָלט איר לעבן!“

פּאַריז, 1937



„פופציק יאָר מיינע”, פעדער־צייכענונג פון בען

לבנהריקס

לבנה־נאַכט

איך ווייס ניט, פֿאַרוואָס עס ווערט שווער מיר אַזוי
אין די דעמערונגס־שעהן,
אוי, זאָגט מיר, וואָס טוט מיר דאָס האַרץ אַזוי וויי
אין די דעמערונגס־שעהן?

פֿאַרוואָס ווערט פֿאַרנאַכט מיין געזיכט אַזוי בלייך,
פֿיל בלייכער נאָך פֿאַר דער לבנה,
און ס'הויבט מיך אָן ציען אַהין אין דער הויך,
אַהין, צו דער בלאַסער לבנה.

מיר דוכט, אַז פֿון איר קוקט אַראָפּ דאָס געזיכט
ס'געזיכט פֿון מיין ערשטער געליבטער —
צוויי וואָכן פֿון חודש גייט אויף מיר דאָס ליכט
פֿון מיין ניט־דערליבטער געליבטער...

ווין, 1910

קום צו גיין

קום צו גיין, קום צו גיין היינט ביינאַכט,
ווען דאָס אויג פון דער וועלט איז פאַרמאַכט,
ווען אויף אַלץ רוט אַ בלאַסלעכער שיין,
וואָס באַצויבערט און שלעפערט דיך איין.

קום צו גיין היינט ביינאַכט אין דער שטיל
און ניט פרעג, צוליב וואָס פאַר אַ ציל,
ווי עס פרעגט ניט דער פויגל דעם בוים,
צוליב וואָס קלויבט ער אויס דאָ זיין היים.

קום צו גיין און פאַרלעש מיין געדאַנק,
ר'איז פון לעבן פאַרסמט שוין פון לאַנג,
וויג מיך איין אין דיין שויס, ווי אַ קינד,
מיט דיין שיין מאַך מיך בלינד, מאַך מיך בלינד!

ווילנע, 1908

ווי גוט איז דיר, הימל

ווי גוט איז דיר, הימל, בלייבסט קיינמאָל אַליין,
בייטאָג טוט מען אָן דיר אַ גאָלדענע קרוין,
ביינאַכט ווערסט מיט שטערן־בריליאַנטן באַצירט
און מיטן — דיין זילבערנער חלום שפּאַצירט.

ווי גוט איז דיר, ערד, דו בלייבסט קיינמאָל אָן פריינד.
דער זומער מיט שטראַלן דיין פּנים באַשיינט,
דער ווינטער פּוצט אויס דיך אין ווייסן קרישטאָל
און שניי־בלומען בליען אויף באַרג און אויף טאָל.

נאָר איך איינער בלאָנזשע אַרום אויף דער וועלט
פאַראיינזאַמט, פאַרבענקט נאָך אַ וואַרעם געצעלט,
ס'האָט קיינער ביז איצטער נאָך מיר ניט געבענקט,
און קיינער האָט מיר ניט קיין שטראַלן געשענקט.

ווילנע, 1908

איינזאַמקייט

ווען די זון איז ניטאָ —
איז די וועלט אַן אַ האַרץ,
איז דער הימל טויט־שוואַרץ,
און דאָס בלימל פאַרקלעמט
שטייט געטוליעט צום בוים,
און דער פויגל פאַרפרעמדט
בלאָנזשעט אום אָן אַ היים.

ווען די לבֿנה ז'ניטאָ —
איז די נאַכט אָן אַן אויג,
איז די ערד אָן אַ סוד,
און דער טייך איינזאַם טראַכט,
ווי ר'וואָלט בלאָנזשען פון וועג,
און דער וואַלד, ווי די נאַכט,
ציט זיך לאַנג אָן אַ ברעג.

ווען קיין פריינד איז ניטאָ —
איז דאָס לעבן צו שטיל,
איז דאָס האַרץ אָן אַ ציל
און דיין וואָרט אָן אַ קלאַנג,
ווי אַ חלום פאַרבלייבט,
און דאָס האַרץ טוט דיר באַנג,
און דאָס בלוט קילט אין לייב.

ווילנע, 1909

די וואַנט

אַ וואַנט שטייט צווישן, אַ הילצערנער וואַנט,
דאָך ביזטו מיר, שוועסטער, גאַנץ גוט שוין באַקאַנט.
עס גיבן אַרויס דיינע איינזאַמע טריט
דיין מיידל־באַגער און דיין מיידל־געמיט.

כ׳ווייס, פּונקט ווי איך — הערסט זיך צו צו דער טיר,
דו טראַכסט נאָר פון מיר און דו ציסט זיך צו מיר.
איך שפּיר דורך דער וואַנט דיין צעפּלאַמטן פאַרלאַנג
און ס׳טוט אַזוי וויי און ס׳טוט אַזוי באַנג.

און פאַל איך ווען נייגיריק צו צו דער וואַנט —
דערפּיל איך, ווי מיר זענען איינזאַם ביינאַנד.
ווי הערצער צוויי גליען באַזונדער אין גלוט,
נאָר איינזאַמע לייט האָבן קיינמאָל קיין מוט.

ווין, 1910



„וואו נעמט מען אָדלער־פליגלען", פעדער-צייכענונג פון בען

שוואַנען-ליד

צוויי שוואַרצע שוואַנען שווימען
אין זעע אַזוי געלאַסן.
די העלדזער שלאַנק געשלענגעלט
צום הימל־הויך דעם בלאַסן.
עס איז די זון פאַרגאַנגען,
עס קומט די שעה פון בענקען.
צוויי העלדזער, ווי צוויי שלאַנגען
מער ווילן זיך ניט שווענקען,
ווייל ס׳הויבט זיך אָן דער הימל
אין וואַסער־בלוי צו שפּיגלען
אוןביידע שוואַנען טרוימען
פון שטאַרקע אָדלער־פליגלען.
זיי וואָלטן איצט געפלויגן
צום הימל־זעע צום צווייטן
זיך שנאָבלען מיט די שטערן,
מיט מילכוועגס ווייסע קווייטן.
שווימען שטיל די שוואַנען
פאַרשנאָבלט הויך און בענקען:
וואו נעמט מען אָדלער־פליגלען
אין הימל זיך צו שווענקען?

זשענעווע, 1913

אַלפּנגליִען

תמוז־זון און אַלפּנשניי
שמעלצן זיך צוזאַמען —
שטייען ווילדע ריזנבערג,
ציטערן אין פלאַמען.

ווערט אין טאָל אַ פאַרבנשפּיל,
צינדט זיך אָן דער הימל,
פלאַטערט אויף אַן אָדלער שטאָלץ,
פלאַקערט אויף אַ בלימל.

שטייסטו, מענטש אין דעמערונג,
ס'הויבט וואו אָן צו ציִען —
תמוז־זון און אַלפּנשניי
קושן זיך און גליִען.

בערן, 1911

צווישן לעבן און טויט

דער פינפטער

ב ר ו כ ן

קיינער ווייס ניט דעם אייגענעם סוף,
ווי ער ווייס ניט דעם אָנהויב פון זיך.
איינער שטאַרבט בנשיקה אין שלאָף
און דער צווייטער — אין קראגן און שיך
אונטער בונטער בונטארישער פאָן,
אָדער גאָר אונטער ראָד פון פאַבריק,
און אַ דריטער אַליין טוט זיך אָן
אויפן האַלדז אַ צוויי־גראָשענע שטריק,
און אַ פערטער פאַרטאָג ווערט געקעפּט
מיט די אויגן געווענדטע צו זיך,
און דער פינפטער, וואָס לעבט נאָך און לעבט —
אוי, דער פינפטער, אַ פּנים, בין איך!
יאָ, דער פינפטער, וואָס טראָגט אָט די שטראָף
פון די טויטן די אַלע — בין איך,
און כ'ווייס ניט מיין אייגענעם סוף,
ווי איך ווייס ניט דעם אָנהויב פון זיך.

בערלין, 1927

יתום-ליד

ביי דעם שטיין פון דיין מצבה
צייל איך תמיד מיינע יאָרן —
אין די ווייען פון דיין גסיסה
האָט די מאַמע מיך געבאָרן.

און מיין קינד־האַרץ האָט געירשנט
יענע אַלטע טיפע סודות,
וועלכע האָבן שוין געצייטיקט
אין די הערצער פון די זיידעס.

יאָ, איך בין אַ יונגער זקן,
מיין געדאַנק איז גרוי געוואָרן,
ווען ביים ווידוי פון דיין שטאַרבן —
האָט די מאַמע מיך געבאָרן.

דוקאָר, 1914

אלמן-ליד

עס האָט דער ערשטער שניי באַוויזט דיין פרישן קבר
און ס'איז דיין בערגל זאַמד שוין מער ניט געל.
דער גאַנצענער בית-עלמין איז יענוועלטיק-העל
און ס'ווייסע לעבן איז דעם שוואַרצן טויט דאָ גובר.

נאָר איך אַליין בין, ווי אַ שוואַרצער פלעק דאָ,
אַ שוואַרצער ראָב, וואָס זוכט וואָס אונטער שניי.
און ס'ווערט מיר, האַרציקסטע, יענוועלטיק-גוט אַזוי,
ווען איך דיין זאַמד-בערגל אויפסניי אַנטדעק דאָ.

ווען איך דערזע אויפסניי דיין צו־יונג פרישן קבר,
וואו ס'רוט דיין דורכזיכטיק און ליכטיק לייב.
וואו ס'ליגט מיין מאַמע, שוועסטער, ווייב
און יעטווידער פון מיר געקושטער אבר.

מאָסקווע, 1918

צום טויט

אַך, ליבער טויט,
איך גיי דיר שטאָלץ אַנטקעגן,
איך בין שוין גרייט,
נאָר זאָלסט ניט פרעגן,
ווי אַלט איך בין.
מיין זין
איז גאָר ניט אַזוי אַלט,
מיין האַרץ איז אָבער קאַלט
און איז שוין טויט פון יאָרנלאַנג.
איך בין שוין גרייט
און מיין פאַרלאַנג
איז נאָר צו דיר.
אַך, ליבער טויט,
— פראַל אויף דיין טיר
איך בין שוין גרייט!

בערן, 1913

מיין לעצטער באַרג אַרויף

איך בין שוין מיד פון אַלע מיינע קרענק,
פון מיינע וואַנדערונגען — אויך.
איך ליג מיט פּערציק גראַד און כ'בענק
אַהין־אַהין — צום הימל־הויך.

איך בין שוין זאַט מיט יאָרן און מיט טעג
און מיט מינוטן גוטע — אויך.
איז מיר פאַרבליבן נאָר דער לעצטער וועג:
אַהין־אַהין — צום הימל־הויך.

כ'פאַרמאָג אויך דאָרט אַ שלל מיט פריינד
און חברטעס געטרייע — אויך.
כ'בין גרייט אַוועקצוגיין נאָך היינט
אַהין־אַהין — צום הימל־הויך.

שוין צייט זיך שיידן מיט מיין גוף
און מיט די קליידער — אויך.
ווי גרינג ס'וועט זיין מיין באַרג אַרויף
אַהין־אַהין — צום הימל־הויך.

פּאַריז, 1938

מיין לויה

אין מיין לויה האָבן זיך באַטייליקט פיל באַקאַנטע מענטשן,
אַפילו אויך אַזעלכע, וואָס האָבן מיך פערזענלעך ניט געקענט.
דער הספּד־מאַכער האָט מיין אָנדענק זייער פרום געטון־טון בענטשן
און ניט איין פרוי האָט אויפריכטיק געבראָכן זיך די הענט.

עס האָבן מערערע געזעלשאַפטן, יחידים און פאַריינען
מיט קרענץ און פרישע בלומען באַדעקט מיין טויטן גוף.
די פּרעסע האָט מיט טינט־טרערן געגומען מיך באַוויינען,
ציטירנדיק בחינם קאַפּיטלען „באַרג אַרויף".

די ווייטערדיקע רעדנער האָבן ניט צו פיל געמאַטערט,
אַפילו איך אַליין בין ניט געוואָרן מיד.
אָנשטאָט צו זאָגן קדיש — האָט אַ יונגער רעציטאַטאָר
מיט אויגן פייכטע פאָרגעלייענט אָט דאָס דאָזיקע ליד.

נאָר איינע האָט צו מיין לויה ניט געקאָנט זיך מעלדן
און ניט באַוויינט האָט זי מיין לאַנג־געגאַרטן טויט.
צי זאָל איך אייך פאַרטרויען דאָ דעם נאָמען פון מיין העלדין?
אָ, ניין! — זאָל יעדער טרעפן, ווער נאָר מיין וואונק פאַרשטייט.

און גראָד אָט די, וואָס האָט צו מיין לויה ניט געקאָנט דערשיינען
וועט אומעטום און שטענדיק דערציילן פון מיין זיין.
זי וועט נאָך לאַנג, נאָך לאַנג באַחנען און באַשיינען
אַ יעדן וואָרט מיינעם געוועבט פון פרייד און פיין.

פאַריז, 1938

מיין האַרץ באַראָמעטערט אויף שטורעם

מיין האַרץ באַראָמעטערט אויף שטורעם —
עס מוז שוין, וואָס ווידער געשען!
ביז טאָג וועלן נאָכלויפן שפּורן
נאָך מיין ניט־פאַראַנקערטער פּען.

ביז טאָג וועלן טינט־טראָפּנס, שוואַרצע
באַרעגענען רגעס פון צער
און מאָרגן שוין וועט זיך דאָס האַרץ מיינס
פאַרשניידן אין וועלט־קאַלענדאַר.

און מאָרגן שוין וועט מען אין ווייסן
באַהאַלטן מיך הינטער אַ פּלויט...
...ז'צו וואָס זאָל איך היינט שוין צערייסן
דאָס שפּיל, וואָס אויף לעבן און טויט?

ז'צו וואָס זאָלן היינט מיינע שפּורן
באַרעגענען רגעס פון צער?
ווען ס'האַרץ באַראָמעטערט אויף שטורעם
און בלעטערט דעם וועלט־קאַלענדאַר!

ווייסער הירש (דרעזדען) 1928

דער פֿאַרפֿרוירענער

ס'איז איינער פֿאַרפֿרוירן געוואָרן ביינאַכט,
היינט ביינאַכט
אויף אַן איינזאַמען שליאַך.
עס האָט איינער מיט לעצטן געדאַנק
נאָך געטראַכט —
פֿון פֿיר ווענט און אַ דאַך.

ס'האָט איינער געלאָזט זיך געוויס
זוכן ברויט
פֿאַר זיין ווייב, פֿאַר זיין קינד
נאָר ס'האָט אים פֿאַרפֿירט און פֿאַרדרייט
אַ געווירבל פֿון שניי און פֿון ווינט

און ס'האָט אים, דער פֿראָסט
הענט און פֿיס אויסגעקושט,
(ווי אַ ווייב, ווי אַ קינד
הענט און פֿיס אויסגעקושט)
און אויף הפקר געלאָזט
ערגעץ וואו ביי אַ קוסט
אויף אַן איינזאַמען שליאַך.

איז איינער פֿאַרפֿרוירן געוואָרן ביינאַכט,
היינט ביינאַכט
אונטער קאָלדרעס פֿון שניי און פֿון ווינט,
ר'האָט מיט לעצטן געדאַנק נאָך געטראַכט
פֿון פֿיר ווענט און אַ דאַך,
פֿון אַ ווייב און אַ קינד —
אויף אַן איינזאַמען שליאַך...

מאָסקווע, 1922

ס׳געוויין פון אַ פליג

ה. לייוויק

פאַרשידענע מינים געוויינען האָב איך שוין פאַרנומען:
ס׳געוויין פון אַ קינד
אין דעם טאָג פון זיין ברית.
ס׳געוויין פון אַ יונגער אַלמנה
ביים אָפענעם קבר פון מאַן.
ס׳געוויין פון אַ זעלנער,
וואָס האָט זיך געכאַפּט אין שפּיטאַל, אַז אים פעלן די פיס.
ס׳געוויין פון אַ קו,
וואָס דערשמעקט האָט ביים שטאַל דאָס פאַרגאָסענע בלוט פון איר קינד.
ס׳געוויין פון אַ היימלאָזן הינט,
וואָס גיסט אויס זיין געביל צו דער פולער לבנה.
נאָר ס׳געוויין פון אַ פליג,
וועלכע רייסט זיך אומזיסט פון דעם קלעפּיקן פליגן־פּאַפּיר
איז, דוכט זיך מיר, שטאַרקער פון אַלע געוויינען.
אַ פליג אָט אַזאַ וועט דאָך קיינער ניט קומען צו הילף
און קיינער ניט וועט זי באַוויינען.
איז שווער מיר אַזוי צו פאַרטראָגן
ס׳געוויין פון אַ פליג,
וועלכע רייסט זיך אומזיסט שעהן־לאַנג
פון דעם קלעפּיקן פליגן־פּאַפּיר.

פּאַריז, 1938

אונטערוועגס

דאָס ערשטע ליד

עס האָבן די פֿויגלען אַ נעסט אין די בוימער,
די טרעלן — אַן אָפּקלאַנג אין הימלשן רוים.
עס האָבן די פֿעלדער, די ריזיקסטע וועלדער
וואו ערגעץ אַ גרענעץ, אַ שליאַך, ווי אַ זוים.

עס האָבן די שיפֿן, די זיכערסטע אַנקערס,
די קייטן דערגרייכן דעם תּהום פֿונעם ים.
עס האָבן די כוואַליעס, די האַסטיקסטע טייכן
וואו ערגעץ אַ ברעג, צי אַ שטיינערנעם צאַם.

עס האָט נאָר מיין וואָגלען קיין אָנהויב, קיין ענדע,
אומזיסט זוך איך ערגעץ אַ רואיקן ברעג,
וועט נעמען אַ סוף צו מיין שטענדיקן בלאָנדזשען,
וועל איך ווען געפֿינען מיין ריכטיקן וועג?

ווילנע, 1907

אַ האָגל

ס׳קלאַפּט אַ האָגל אויף די שינדלען,
ווי אויף סטרונעס דאַרע פינגער.
עפּעס פּילט זיך — ס׳ווערט דעם היכל
לייכטער, גרינגער.

עפּעס פּילט זיך — ס׳איז אַ וואָלקן
נאָך פון ווינטער וואו פאַרבליבן —
האָט אַהער אַ ווינט פון צפון
אים פאַרטריבן.

קלאַפּט דער האָגל אויף די שינדלען —
פּלאַצן שויבן פאַר געלעכטער:
נאַריש וואָלקן, ס׳איז די זון איצט
אונדזער וועכטער.

וואַנדער־וואָלקן, צפון־זינגער,
קאָנסט דיין ליד נאָך שטאַרקער האָגלען.
אפשר וועט דיר ווערן גרינגער
אין דיין וואָגלען?!

ווילנע, 1909

וואַנדער־ליד

די זיסקייט פון אַ היים
איז פון מיר פאַרבאָרגן
און איך ווייס ניט היינט
אַ וואו איך וועל זיין מאָרגן.

דאָס אויסזען פון מיין ליבסטער
האָב איך לאַנג פאַרגעסן —
קאָן מיך יעדע פרוי
צום האַרצן איצטער פרעסן.

דער מאַמעס שטילער גלעט
איז שוין אויך פאַרשוואונדן.
ווער זשע, זאָגט מיר, וועט
מיר שטילן מיינע וואונדן?

נאָר כ'ווייס — דאָס איז דער טויט —
ער צופּט שוין יעדן אבר.
נאָר וואו זשע, זאָגט מיר, וואו
וועט בערגלען זיך מיין קבר?

בערן, 1912

אַ בריוו

א ב ר ה ם   ר י י ז ע נ ע ן

יאָ, איך ווייס, אַז גראָד איצט,
ווען איך בלאָנקע אַרום
אין אַ ווילדפרעמדן לאַנד
און זוך פריינד, און זוך גליק,
אַז גראָד איצט ערגעץ זיצט
שטיל אַ קינד, ווי אַ בלום
מיט אַ פעדער אין האַנט,
מיט אַ פייכטלעכן בליק.

און עס שרייבט מיר אַ בריוו,
(עס מישט טרערן מיט טינט)
און עס פרעגט, וואו איך בין,
און עס פרעגט, וואָס איך טראַכט?
און איך טראַכט — ס'האָט אַ שיף
זיך געלאָזט מיטן ווינט,
וויגט זיך אום הער־און־הין
סיי דורך טאָג, סיי דורך נאַכט.

און עס דונערט און בליצט,
און דער טויט רינגלט אום,
און דער ברעג אומבאַקאַנט,
און דער ים אַזוי טיף.
נאָר איך ווייס, ערגעץ זיצט
שטיל אַ קינד, ווי אַ בלום,
מיט אַ פעדער אין האַנט
און עס שרייבט מיר אַ בריוו!

בערן, 1912

וואַנדער־בעטן

איך ליב אַזוי צו שלאָפֿן אין די וואַנדער־בעטן
פֿון כלערליי וואַגאָנעס, שיפֿן און האָטעלן.
מיט שווינדל־קאָפּ און אַקסל פֿרעמדע קישנס קנעטן
און שפּירן, ווי מאַטראַצן פֿון מיין לייכטקייט קוועלן.

ווער וויים דען, ווער ס'איז נעכטן אָט אָ דאָ געלעגן?
ווער וויים דען, ווער ס'וועט מאָרגן פּונקט ווי איך דאָ שלאָפֿן?
ס'האָט אפשר ווער געאיילט אַ היים מיט זיין פֿאַרמעגן,
צי אפשר איז גאָר איינער פֿון זיין היים אַנטלאָפֿן?

איך ליב אַזוי די בעטן, די נע ונדנע בעטן —
סע שמעקט פֿון זיי מיט ליבע, צאָנוויטאָג און זאָרגן,
איז זאָל זיך אויך מיין האַרץ, מיין וואַנדער־האַרץ פֿאַרקנעטן
מיט אָט די אַלע וועזנס פֿון נעכטן און פֿון מאָרגן!

וויסבאַדן, 1926

צעגאַסענער ווײַן

איך האָב מײַן ווײַן צעגאָסן
אין ניט־פֿאַרשטאָפּטע פֿלאַשן —
האָט יעדערער גענאָסן,
ווער ס'האָט געוואָלט נאָר נאַשן.

אַזוי האָב איך פֿאַרלאָרן
מײַן גאַנצענעם פֿאַרמעגן,
בין איך אַצינד געוואָרן
אַ בעטלער אויף די וועגן.

איך גיי פֿון שטאָט צו שטעטל
אין אומעט־פּײַן פֿאַרזונקען.
מײַן ווײַן איז אויסגעטרונקען
און איך אַליין — איך בעטל!

בערן, 1913

ים-שווינדל

ס'וויגט זיך ווי אַ מולטערל מיין שיף פון פופציק טויזנט טאָן
צווישן בערג און טאָלן פון צעווילדעוועטן אָקעאַן —
כ'וויים אַליין ניט, וואָס זאָל איך איצט אָנהויבן צו טאָן,
ווען ס'גאַנצע לאַנגע לעבן מיינס ווערט קלענער פון אַ שפּאַן.

צי זאָל איך זיך פאַרשטעקן אין דעם חלל פונעם רעטונגס-גורט,
צי זאָל איך לאָזן זיך אויף הפקר מיט מיין קעמפנדיקער שיף,
און פּונקט, ווי זי, אַרויס אַנטקעגן ים מיט לענדן אָנגעגורט
און זיך עקשנותדיק פאַרמעסטן אויף זיין ברייט און אויף זיין טיף.

איך האָב אויף דער יבשה דאָך נאָך קיינמאָל ניט געזען
אַזאַ פאַרווילדערטע רציחה, ווי ס'פאַרמאָגט דער ים —
ווען ס'וואָלט דערפון אַ צענטהלק פאַרמאָגט מיין פען —
וואָלט אויך מיין ליד געשטורעמט איבער פערז און גראַם.

נאָר ס'ברעכט מיין פען מיט טינט, ווי איך — מיט גרינער גאַל
און כ'וויים אַליין ניט, וואָס זאָל איך איצט אָנהויבן צו טאָן,
ווען ס'קען אַ יעדע רגע אונטערגיין אין כף הקל,
מיין ליד, און איך, און אַלע פופציק טויזנט טאָן.

אַטלאַנטישער אָקעאַן, 1925



„ס'וויגט זיך ווי אַ מולטערל מיין שיף“, פעדער־צייכענונג פון בען

עלים אײלאַנד

אברהם הערמאַנען

זאָל איך שװײגן — װער װעט דען מײן שטומען צער דערשפּירן ?
זאָל איך שרײען — װער װעט דען מײן װײ־געשרײ דערהערן ?
װאָס זשע קלאַפּ איך זיך תּחנונימדיק אין פרעמדע טירן,
װאָס זשע פּלאָנטער איך זיך אום אין פרעמדע ספערן ?

כ'זע דאָך, װי עס רױטלען זיך שױן בלוט־פּלעקן אױף אַלע טירן
און עס איז גאָטס בכור אַלײן פאַרמשפּט אױף ניט װערן —
זאָל איך שװײגן — װער װעט דען מײן שטומען צער דערשפּירן ?
זאָל איך שרײען — װער װעט דען מײן װײ־געשרײ דערהערן ?

עלים אײלאַנד, 1925

עס קייקלען זיך רייפן

יעפים ישורינען

עס קייקלען זיך רייפן, א רייף נאך א רייף:
די נעכטנס, די היינטס און די מארגנס —
צו ווילנע, צום ייווא, צום שטיינערנעם סייף,
וואו ס׳ווערט אונדזער פאלקסגוטס פארבארגן.

עס קייקלען זיך רייפן, א רייף נאך א רייף
פון מזרח, פון צפון, פון דרום —
זיי קומען זיך אלע אין ייווא צונויף,
צום אוצר פון ביכער און ספרים.

אזוי אט פארמערט זיך דא אונדזער פארמעג
פון צייטונגען, בריוו און כתב־ידן —
ווי וואונדערלעך־שפאנענדיק ס׳ווערט דא דער וועג
פון מאטקע חב״ד ביז שאבאדן!

ווי וואונדערלעך שפאנענדיק ס׳ווערט דא דער גאנג
פון שרה בת טובים ביז קארן —
אפילו מיין אייגענער שטילער געזאנג
וועט קיינמאל ניט גיין דא פארלארן.

ווילנע, 1935

ביכער

ל. מ. שטיינען

געבענטשט זאָלן זיין אַלע ביכער
געשריבן אין פּראָזע און גראַמען.
איך פּיל זיך מיט זיי אַזוי זיכער
און יום טובדיק, ווי ביי דער מאַמען.

זיי ברענגען מיר גוטע גערוסן,
פון ברידער, פון פריינד און קאָלעגן —
איך פריי זיך אַזוי צו געניסן
פון אונדזער געדרוקטן פאַרמעגן.

איך וואַנדער מיט זיי אַזוי זיכער
דורך אַלע יבשות און ימען —
געבענטשט זאָלן זיין אַלע ביכער
געשריבן אין פּראָזע און גראַמען.

פּאַריז, 1938

וואונדער איבער וואונדער

ש. גילינסקין

יעדער טאָג גייט אויף פאַר מיר, ווי גאָר אַ נייער וואונדער —
מאַך איך מיר „שהחינו" אויף יעדן טאָג באַזונדער.

צייל איך טעג אזעלכע איבער אכצן טויזנט —
יעדערער פון זיי — אַ מעשהלע מינכהויזנס.

בין איך אויך געוואָרן אַ מעשהלע־דערציילער
פאַר די קליינע קינדער — פאַר גרויסע שוין במילא.

פיל איך ניט קיין עלטער, פיל איך ניט קיין יאָרן.
כ'ווער נאָך יעדער מעשה, ווי אויפסניי געבוירן.

פעלן מיר אוים קינדער פאַר וועמען צו דערציילן —
פאָר איך דאַן אַוועק קיין ליטע, צי קיין פוילן.

דאָרטן האָב איך קינדער נאָך מער, ווי אכצן טויזנט —
יעדעם קינד — אַ מעשהלע נאָך שענער פון מינכהויזנס.

מאַך איך מיר „שהחינו" אויף יעדן קינד באַזונדער —
ווערט מיין לעבן ווידער פול מיט נייעם וואונדער.

פאַריז, 1938

סאָציאַלע מאָטיוון

דער צעשאָסענער ציפערבלאַט

ב. לאַפּינען

צעשאָסן איז דער ציפערבלאַט פֿון קלויסטערזייגער
צוויי ווייזערס פּענדלען נאָך אויף נאַקעטע געדערעם.
און אונטן אויפֿן ברוקשטיין ליגט אַ פערדס אַ פּגר —
ס'פּרעסן אים שוין הונגעריקע הינט און ווערעם.

עס האָט די מוטער־צייט אַליין פֿאַר שרעק געמפּלט
און ס'מאַכן איר צוויי ווייזערס משוגענע העוויות,
עס האָט שוין ווידער אַ האַרמאַט וואו אויפגעצאַפּלט
און הוסטנדיק אַליין צוגעציילט די מאָרגיקע לויות.

און אונטן אויפֿן ברוקשטיין ליגט אַ פערדס אַ פּגר,
עס פּרעסן אים שוין הונגעריקע הינט און ווערעם. —
דאָס האָט פאַרבענקט זיך נאָך אַ נייעם לעבנסשטייגער
אַ הונגעריקער פויער פֿון כאַרקאָוו צי פֿון פּערם.

איצט פויזן עובר בטל צוויי לאַנגע, שוואַרצע ווייזערס
אויף קיילעכדיקן חלל, ווי שטעקלעך פֿון אַ בלינדן
און ס'פּויזעט אום אַ שרעק אויף גאַסן און אויף הייזער
און קיינער האָט קיין מוט אַ נאַכט־לאָמפּ אָנצוצינדן.

ווער ווייס דען, צי ס'איז טאָג, ווער ווייס דען, צי ס'איז אָוונט,
עס זענען אַלע וועגן צו מפּיל־צייט געשלאָסן,
און אויפֿן רויטן מאַרקפּלאַץ שטייט אַ פּערמער יון —
ער פרייט זיך, וואָס ער האָט דעם וועלטזייגער צעשאָסן.

זיין זיגעריש געזיכט שטראַלט, ווי אַ טורעם־זייגער
און וואָנצעס, ווי צוויי ווייזערס מאַכן דיר העוויות —
דאָס הויבט זיך אָן פֿון היינט אַ נייער לעבנסשטייגער
און דו, אָ דו — ניט וויין אויף מאָרגיקע לויות...

מאָסקווע, 1917



„דער צעשאָסענער ציפערבלאַט“, פעדער-צייכענונג פון בען

מאָסקווער געסלעך

כ'קען געסלעך אין מאָסקווע,
באַוואַקסן מיט גראָז,
דאָרט זיצן נאָך מענטשן
שטודירן שפּינאָזען,
צי אפשר גאָר מאַרקסן,
פון בייכיקע בענדער,
און ס'בלעטערן מוידן
אַלבאָמען פון לענדער
טשיקאַווע און ווילדע,
צי אפשר ראָמאַנען
פון זשאַן און מאַטילדע.

ווייל ס'איז זייער געסל
מיט גראָזן באַוואָקסן
און ס'הירזשען דאָרט קיינמאָל
באַפּאַנצערטע אָקסן
מיט גאַז אין די בייכער,
בענזין אין די לונגען
און ס'ווערן דאָרט קיינמאָל
קיין לידער געזונגען
פון ארבעט און אָפּרו,
פון קאַמף און נצחון . . .
. . . מער ניט ווי די טויבן
פון קלויסטערשפּיץ פּאָכן . . .

איך ליב אַט די געסלעך,
פון צענטער דערווייטערט.
ס'האַט זיי נאָך שטאָטהאַרץ
מיט בלוט ניט געלייטערט,
און כ'וואָלט איצטער גערן
אין ערגעץ אַ קאַמער
דערציילט זיי אַ מעשה
פון סערפּ און פון האַמער,
צי אפשר דערקלערט זיי
די לעצטע דעקרעטן —
און כ'וואָלט בשעת מעשה
אַ קעצעלע גלעטן...

מאָסקווע, 1919

טויטשטראָף

יעדע נייע טויטשטראָף אין מאָסקווע צי אין ניו־יאָרק,
יעדע נייע טויטשטראָף אין וואַרשע צי אין רעוועל —
ליגט זיך אויס אויף מיין געוויסן מיט אַ פרישן אבל־טרויער,
ווי איך וואָלט שוין ווידער אומגעבראַכט מיין ברודער הבל.

יעדע צייטונג ברענגט מיר יעדן טאָג אַ פרישן קרבן,
יעדע צייטונג רויטלט זיך מיט פרישינקע בלוטסטראָפּנס,
הלואי וואָלט איך שוין בעסער אין מיין וויג געשטאָרבן,
איידער יונג־געקעפּטע ברידער זאָלן באָמבלען זיך צוקאָפּנס.

איז צו וואָס האָב איך זיך אויסגעלערנט לייענען און שרייבן,
און צו וואָס האָב איך פאַרקנסט זיך מיט די „אויבערשטע צענטויזנט“ —
איז ניט בעסער טשערעדעס אויף גראָזלאָנקעס צו טרייבן —
צווישן שטילע חיות זאָל אויך מיין לעבן פויזן.

גאָט, מיין גאָט, איך קאָן שוין ניט דיין צלם מער פאַרטראָגן,
גאָט, מיין גאָט, זע מעק מיך אויס פון דיין פאַר׳קינ׳טן געזינדל.
איך קען שוין מער ניט הענגען אַ געקרייציקטער אויף אַלע ראָגן —
ב׳קאָן שוין מער ניט טראָגן אָט דעם עפּנטלעכן זינד־עול.

פּאַריז, 1925.

אויף יעדן ראָג

איך האָב מיין וואָרט פאַרשמאָלצן מיט די לאָזונגען פון טאָג.
איך האָב מיין ליד צעשטויבט אין שטורעם פון דער צייט —
איז פול מיט מיר אַצינד אויף יעדן ראָג
און ס'צאַפּלט איצט מיין האַרץ אין אַלערווייטסטער ווייט.

דוקאַר, ניו־יאָרק, בערלין, בירע־בידזשאַן,
ווי אויך אין אַרגענטינע און בראַזיל,
און אומעטום, וואו ס'איז דאָס יידיש וואָרט פאַראַן,
בין איך מיט אים אין ערנסט און אין שפּיל.

ס'איז גוט אַזוי צו רייטן אויפן רוקן פון דער צייט
און אונטערוועגס פאַרשענקען אַלץ, וואָס איך פאַרמאָג —
עס זאָל מיין האַרץ זיך צאַפּלען אין אַלערווייטסטער ווייט
און פול זאָל זיין מיט מיר אויף יעדן ראָג.

בערלין, 1928



„צופוסנס דעם אייפל־טורעם", פעדער־צייכענונג פון בען

צופוסנס דעם אייפל-טורעם

י. עפרויקינען

צי ווייסט איר, וואָס דאָס איז
זיין איינזאַם אין פּאַריז ?

דער אייפל־טורעם שטייט,
ווי אַ מצבה גרייט
צוקאָפּנס פון פּאַריז —
אַ שטאָלענער קאַפּריז
פון אַ בונטאַרן־שטאָט —
אַן אויסגעשריי צו גאָט !
ביינאַכט נאָר פלאַמען־אויף
אויפן אייפל־טורעמס גוף
די אותיות : „סיטראָיען“ —
ס'זאָל אויך דער הימל זען
דעם אומזין פון דעם זין :
שאַמפּאַניער מיט בענזין.
שאַמפּאַניער מיט בענזין ! —
ס'איז יעדער אות אַ שפּין
אויף שטאָל־געוועבטן גוף,
ס'איז יעדער אות אַ רוף
צום אויפברויז און צום בונט,
נאָר ס'איז דער מענטש אַ הונט
און קיינער פרעגט פאַרוואָס,
אויף טרעפּן פון מעטראָס .
צעלייגן זיך, פון שאָף
(ווי שוואַרצע, בלודנע שאָף)
די היימלאָזע צום שלאָף
און קיינער פרעגט פאַרוואָס
עס וואַלגערט זיך אין גראָז
אַ גאַנצענעם מעת־לעת
אַ קראַנקער, צי אַ מת ?

צי ווייסט איר, וואָס דאָס איז
זיין איינזאַם אין פּאַריז ?

איך הער, אויף מאָנפּאַרנאַס
איז היינט אינמיטן גאַס
געפאַלן פּלוצעם טויט
(פאַר בענקשאַפט, צי פאַר נויט?)
אַ דייטשער עמיגראַנט
(זיין נאָמען אומבאַקאַנט)
נאָר אין קאַפע „קופּאָל“
איז גרויס געגנוג די צאָל
פון די, וואָס זענען גרייט
זיך קושן מיטן טויט!
און ס'טורעמט אויף אַ צער
ביים דיכטער און ביים נאַר
(אפילו אויך ביי מיר
צום צווייטן־דריטן ביר)
ווען ס'בליצן אויף אויפסניי,
ווי לאַזונגען אין מאַי
די אותיות: „סיטראָיען“ —
ס'זאָל אויך דער הימל זען
דעם אומזין פון דעם זין —
שאַמפּאַניער מיט בענזין!

צי ווייסט איר, וואָס דאָס איז
זיין איינזאַם אין פּאַריז?

פּאַריז, 1934

לייכטע פּערזן

מיין פילם

אַלע מיינע לידער
זענען ביאָגראַפיש.
ס'ווערט אין זיי פאַרצייכנט
קינאָמאַטאָגראַפיש
אַלץ, וואָס כ'האָב געטראָפן
אין מיין וואַנדער־לעבן —
מיין יאוש און מיין האָפן,
מיין צווייפל און מיין שטרעבן.
איצט קאָנען אַלע קומען,
צו מיר אין גרויסע מענגעס
אָנקוקן די בונטקייט
פון מיינע פילם־שטענגעס.

בערן, 1913

דיינע אויגן

מוזיק פון ס. גאָלוב, ניו־יאָרק

דיינע אויגן שיטן שטראַלן,
ווי דער מזרח אין פרימאָרגן.
אַך, מיר דוכט, איך בין פאַרפאַלן —
כ'וועל ניט שלאָפן שוין ביז מאָרגן.

ס'וועט מיר ענג ווערן מיין צימער —
וועל איך ס'פענצטער האַלטן אָפן.
און אַ גאַנצע נאַכט ביים שימער
פון די שטערן וועל איך האָפן.

און וועל וואַרטן אויף דיין קומען,
ביז דער טאָג וועט זיך צעשטראַלן.
כ'וועל באַשיטן דיך מיט בלומען
און דו מיך — מיט דיינע שטראַלן.

ווילנע, 1909

איך שענק

פֿאַר איין בליק פֿון דיינע אויגן —
שענק איך דיר דעם פֿרילינגס גלאַנצן
און דעם הימל־בלוי, דעם גאַנצן —
פֿאַר איין בליק פֿון דיינע אויגן.

פֿאַר איין קוש מיט דיינע ליפּלעך —
שענק איך דיר, אַ, מיידל פֿיינע,
אַלע שענסטע לידער מיינע —
פֿאַר איין קוש מיט דיינע ליפּלעך.

פֿאַר איין שעה אין דיינע אָרעמס.
שענק איך דיר מיין ליב און לעבן.
בעסערס קאָן איך דיר ניט געבן
פֿאַר איין שעה אין דיינע אָרעמס.

בערן, 1913



„כ'קוש דיר אוים אַ מגן דוד", פּעדער־צייכענונג פון בען

מגן דודס

כ׳קוש דיר אויס אַ מגן דוד —
דו זאָלסט מיר געהייליקט ווערן:
דיינע אויגלעך און דאָס מיילכל,
ביידע בעקלעך און דעם שטערן.

דו נעמסט אָן דאָס שפּיל פון ליבע
ווי אַ געטלעכע רפואה,
בעטסט, וואָס מערער מגן דודס
ווי עס פּאַסט זיך פאַר אַ צנועה.

נאָר איך לאָז זיך לאַנג ניט בעטן
כ׳מגן דוד דיר גאַנץ גערן
דיינע אויגלעך און דאָס מיילכל
ביידע בעקלעך און דעם שטערן.

ניושאטעל, 1912

פלאַטער-פּערזן

די פּאַרפּירעריןִ

דיין קערפּער איז אַ יונג-בעריאָזקע,
דיין קעפּל איז אַ כריזאַנטעמע —
דו וואָלסט אפילו פאַר דאַ ווינטשי
געווים געווען די שענסטע טעמע.

נאָר ניין, דו ביזט אַ בינטל נערוון,
גוט פאַרמאַסקירט אין רויזן-בלעטער.
מיט דיין קאַפּריז נערוועזן וועזן —
וואָלסטו פאַרפּירט אפילו געטער.

ווילנע, 1915

שפּיצן

עס איז באַזוימט מיט שפּיצן
דיין גאַנצער טואַלעט,
די בלוזן און די העמדער,
די דעקע אויף דיין בעט.

און פול איז אויך דיין וועזן
מיט שפּיצן כלערליי,
זיי פלאַטערן כּסדר
און כ'פלאַטער מיט מיט זיי.

באַזעל, 1912

די יידישע טאָכטער

ביזט שוואַרץ פּונקט, ווי אַ נעגערין —
און שלאַנק, ווי אַ פראַנצויזין,
און ווי ביי אַ בערלינערין —
איז צאַרט דיין לייב ווי רויזן.

און פּונקט, ווי אַ ציגיינערין
פאַרמאָגסטו הייסע בלוטן,
נאָר מיידסט אויס, ווי אַ יידישע
די זודיקסטע מינוטן.

איך פיל פון הייסער ליידנשאַפט
פאַרגייט דיר יעדער אבר,
נאָר ס'יידישע, דאָס ניכטערע
איז שטענדיק ביי דיר גובר...

גענף, 1914

די שטאָלצע

מיר דוכט, אַז פון שטאָל איז דיין שטאָלצע געשטאַלט
אויסגעפורעמט געוואָרן,
און כ׳גלויב, אַז דו ביסט פון אַן אַלטן מוזיי
גאָר פאַרשוואונדן געוואָרן.

ביסט הונדערטער יאָרן געשטאַנען אַליין
אין אַ ווינקל, אַ שטילן.
און פלוצעם האָט עמעץ באַשענקט דיך געוויס
מיט הייסע געפילן.

דו האָסט זיך נאָך לעבן און מענטשן פאַרבענקט
און אַוועק אין די גאַסן.
דו גייסט, ווי אַ סטאַטוע דאָרטן ארום
אַזוי שטאָלץ און געלאַסן.

און איך — גיי דיר נאָך יעדן טראָט, יעדן טראָט
מיט אַ קלעם און אַ ציטער —
מיר דוכט, ביסט אַ מלכה, פאַרטריבן פון טראָן,
און איך בין דיין ריטער...

ווין, 1910

מיין ענטפער

דו שרייבסט מיר, קינד — ס'וועט זיין צו שפּעט
און קלינגען פרעמד וועט מיין געבעט,
ווען איך וועל קומען ווען צו דיר
פון ווייטן לאַנד פאַרשטויבט און מיד
און ליבלעך קלאַפּן אין דיין טיר —
עס וועט אַרוים אַ פרעמדער ייד.
דו שרייבסט מיר נאָך — בלייבסט מיר געטריי —
וועסט מיך געדענקען סיי ווי סיי,
וועסט מיך דערמאָנען אינדערשטיל.
אַך, נאַריש קינד, ביזט ריין פאַר מיר,
ניט דו ביזט דאָך געווען מיין ציל,
מיך ט'נאַר געריצט דער וועג צו דיר!

בערן, 1912

אַ פּאָסט-קאַרטל

האָסט לאַנגע-לאַנגע יאָרן
מיר לאַנגע בריוו געשריבן,
נאָר ס'איז מיר לאַנג געוואָרן
דיך לאַנגווייליק צו ליבן.
עס ווערט דער קלענסטער טעות
דורך בריוו קיינמאָל ניט קלערער!
אַ שאָד די פּאָסט-הוצאות
און עפּעס-וואָס נאָך מערער.

זשענעווע, 1914

צו איינער

כ'ווייס, איך וועל עס באַלד דערהערן —
ווערסט אַן אַנדערן געהערן
און אַן אַנדערער וועט קושן
דיין באַלאַקטן ווייסן שטערן
און סט'זיך לאָזן פון אַ צווייטן
אָנטון דעם טבעת קדושין.

און דער צווייטער וועט פאַרשפּרייטן
איבער דיר זיין שטאַרקן אָרעם —
ר'וועט דיך צערטלען און ניט פילן,
אַז דיין האַרץ איז פול מיט קברים,
אַז ניט ער דיין האַרץ קאָן שטילן.

איך אַליין נאָר, איך וועל ווייסן,
אַז ביינאַכט ווערט נאַס דיין קישן,
און דיין האַרץ פאַרגייט אין טרערן,
ווען דער פרעמדער קושט דיין שטערן.

איך אַליין נאָר, וועל עס ווייסן —
און דיך לאָזן שטיל גריסן.

בערן, 1912

אינדערמיט

איינע איז בלאָנד, די אַנדערע — שוואַרץ,
לוסטיקע חברטעס צוויי,
האָב איך אַ ליבנדיק־אומרואיק האַרץ —
צוליב מיך צו זיי.

אַ סאָפּקע — אַ ווייבע, אַ צימער — אַ קליינס,
איך זעץ מיך אַוועק אינדערמיט.
דער שפּיגל אַנטקעגן — ער שמייכלט פאַריינס:
„איר זייט זאַלבעדריט"!

נאָר גוט איז צו זיין זאַלבעדריט, ווי ביינאַנד
און ליבן אַזוי אומגעשטערט,
און צערטלען אין טונקל אַ וואַרעמע האַנט,
ניט ווויסנדיק, וועם זי געהערט.

נאָר שפּעטער, אַך, שפּעטער, זיי בלייבן אַליין,
זיי קוקן זיך אָן, ווי פאַרשעמט
און יעדערע טראַכט, אַך, ווער איז דען זיין מיין?
און עס ציט און עס קלעמט.

נאָר איך ווייס ניט אַליין, ווער פון זיי ציט מיין האַרץ
און באַשטראַלט מיין געמיט?
יאָ, איינע איז בלאָנד און די אַנדערע — שוואַרץ
און איך — אינדערמיט!

בערן, 1912

די פערטע

דער בריווטרעגער האָט מיר דריי בריוועלעך געבראַכט
פון דריי גאַנץ פאַרשידענע קאַנטן,
דאָס האָבן דריי מיידלעך איינציייטיק פאַרטראַכט
דריי בריוועלעך צו זייער באַקאַנטן.

און יעדערע שרייבט, אַז זי בענקט שטאַרק נאָך מיר,
אַז לאַנגווייליק איז איר דאָס לעבן,
איך זאָל ווידער קומען אין שטעטל צו איר
און נעמען איר ליבע און געבן.

און יעדע איז זיכער, אַז זי נאָר אַליין
באַגרייפט מיין ציגיינערשן וועזן,
נאָר זי קאָן מיין וואַנדלען און שטרעבן פאַרשטיין
און מאַכן מיין האַרצוויי גענעזן.

און כ'האָב גלייך די מיידלעך דריי ענטפערס געשיקט
אין דריי גאַנץ פאַרשידענע ערטער,
אַז ס'האָט ניט קיין איינע פון זיי מיך באַגליקט,
אַז כ'בענק שוין אַצינד נאָך דער פערטער.

בערן, 1913

אַ קאַראַהאָד

מוזיק פון פּראָפ׳ יאַמפּאָלסקי, מאָסקווע

אַ קאַראַהאָד, אַ קאַראַהאָד —
און איך וועל זיין אינמיטן!
מיידלעך וועלן דרייען זיך
און איך וועל זיין אינמיטן.

אַ קאַראַהאָד, אַ קאַראַהאָד —
און אויגלעך וועלן בליצן.
פּאָכן וועלן ברוסט־טיכלעך
מיט פיין־געוועבטע שפּיצן.

פּאָכן וועלן הערצעלעך
און גליען, ווי די קוילן.
פלאַפּלען וועלן ליפּעלעך
און בעטן וואָס דערציילן:

אַ מעשהלע, אַ לידעלע,
אַ רמז אינדערמיטן —
מיידלעך וועלן דרייען זיך
און איך וועל זיין אינמיטן!

ווילנע, 1909

ווי אַזוי איך בין געוואָרן אַ דיכטער

איך דערקלער זיך דיר אין ליבע
אויף פאַרשידענע מאַניערן,
ווייל דערקלערונגען אין ליבע
האָסטו, ווייס איך, ליב צו הערן.

נאָר ניט אַלע קאָנען, לײדער,
אין זכרון דיר פאַרבלייבן,
נוץ איך אויס נאָך טינט און פעדער,
דיר מיין ליבע צו באַשרייבן.

אָט אַזוי בין איך אַ דיכטער
אומגעריכטערהייט געוואָרן,
נאָר איך ציטער, אַז אין דיכטן
קאָן די ליבע גיין פאַרלאָרן.

שטאָט דיין האַרץ זוך איך דעם טינטער,
טרינקען טינט מאַכט זייער ניכטער,
און אַזוי האָט מיך דיין ליבע
גאָר פאַרוואַנדלט אין אַ דיכטער.

באָברויסק, 1914

פסולת

איך האָב דיך, ליבע שוועסטער, ניט איין מאָל שוין באַזונגען,
ניט איין מאָל שוין געקושט אין שכרות דיינע גלידער
און ווידער איבערלעבט דאָס, באַשרייבנדיק אין לידער —
האָב איך דיך, ליבע שוועסטער, ניט איין מאָל שוין באַזונגען.

איך האָב שוין ניט איין העפטל וועגן דיר פאַרשריבן
און הונדערט נעכט אודאי אין בענקען ניט דערשלאָפן.
ס'פאַרבלייבט פאַר דיר מיין האַרץ אויף אייביק אָפן —
און כ'האָב שוין ניט איין העפטל וועגן דיר פאַרשריבן.

איצט זענען פון דיין ליבע די לידער נאָר פאַרבליבן,
זיי ליגן פונקט, ווי שמות פון הייליק־אַלטע ספרים.
און ס'ליגן אויך אין האַרצן זכרונות, ווי די קברים,
און ס'איז מיר פון דיין ליבע די פסולת נאָר פאַרבליבן.

פעטראָגראַד, 1916

זאָל די וועלט געניסן

צום געניסן

דאָס, וואָס קלעמט ביי מיר אין האַרצן —
וועל איך קיינעם זאָגן,
שטילן, טיפן טרויער
דאַרף מען פאַר זיך טראָגן.

דאָס, וואָס בליט ביי מיר אין האַרצן —
קאָנען אַלע וויסן,
טראָג איך פרייד און ליבע —
זאָל די וועלט געניסן!

בערן, 1911

ליבע און לעבן

כ'האָב די ליבעס און די ליבסטע
איינגעצוימט אין פערז און גראַמען,
יאָ, די ליבע לאָזט זיך צוימען,
ווען ס'פאַרגייען אירע פלאַמען.

נאָר מיין לעבן, מיין יונג לעבן
קאָן איך אין קיין ריטם צוימען —
קאָן מען דען אַ ים באַגרענצן,
ווען די ווילדע כוואַליעס שוימען?

בערן, 1913

ביבליאָגראַפיע

ליטעראַרישע אַרבעטן פון דניאל טשאַרנין

אין בוך-פאָרעם:

„לייכטע פערזן" — לידער-העפט (1908 — 1918) פאַרלאַג „קולטור", ריגע, 1926.

„משפחה-כראַניק" (קינדער-יאָרן) פאַרלאַג ב. קלעצקין, ווילנע, 1927.

„אונטערוועגס" — לידער-אַלבאָם (1919 — 1929) בערלין, 1929.

„באַרג אַרויף" (מעמואַרן, 1888 — 1914) פאַרלאַג „ליטעראַרישע בלע-טער", וואַרשע, 1935.

דערציילונגען:

„אויפן אויבערשטן שטאָק" — „די צייט", ווילנע, 1909.

„רייזל" (מלחמה-דערציילונג) — „די וואָך", ווילנע, 1915.

„די שול ברענט" — „פעטראָגראַדער טאָגבלאַט", 1917.

„צוליב דער האַנט" — „פעטראָגראַדער טאָגבלאַט", 1917.

„אַ וידוי פון אַ דאָקטאָר" — „פעטראָגראַדער טאָגבלאַט", 1917.

„דער פאַלשער קריגסאינוואַליד"—אַלמאַנאַך „קריגסאינוואַליד", ריגע, 1930.

„דער כוח פון אַ שרייבמאַשין" — „פאָלקסבלאַט", קאָוונע, 1930.

„ווען ניט דער שניפּס, דער נייער" — „אויפקום", ניו-יאָרק.

„די שוואַרצע מאַסקע" — „די פּרעסע", בוענאָס איירעס.

„די זינגעוודיקע מצבה" — „פאָרווערטס", ניו-יאָרק.

„מינגאָ" (אַ מעשה מיט אַ הינטל) — „פאָלקסבלאַט", קאָוונע.

„די וועלט איז קיילעכדיק" (ראָמאַן, 1טער טייל) „פאָלקסבלאַט", קאָוונע, 1930.

„דער דייטש מיט זיינע יאָרצייטן" — „פאָלקסבלאַט", קאָוונע, 1932.

פאַר קינדער:

„דער געשמיסענער מלך" — זשורנאַל „גרינינקע ביימעלעך", ווילנע, 1915.

קינדער-לידער, מוזיק פון יואל ענגעל — „50 קינדער-לידער פאַר שול און היים", פאַרלאַג „אָזע", מאָסקווע, 1918.

„דער גאָלד-דורשטיקער קיסר" — פאַרלאַג „חבר", מאָסקווע, 1918.

„די פאַרכשופטע קרעטשמע" — פאַרלאַג „גרינינקע ביימעלעך", ווילנע, 1919 און פאַרלאַג „בלימעלעך", אָדעס, 1919.

„ווי אזוי איך קום אויף דער לבנה“ — פאַרלאַג „גרינינקע בוימעלעך“, ווילנע, 1926.
„די הילצערנע קוקאַווקע“ — זשורנאַל „קינדער־זשורנאַל“, פאַרלאַג „מתנות“, ניו־יאָרק.
„אין דוקאַר“ (אויטאָביאָגראַפיע) — פאַרלאַג „קינדער־פריינט“, וואַרשע, 1937.

איבערזעצונגען פון די ברידער גרים און אַנדערע:

„אַ גבורה פון אַ שניידערל“ — פאַרלאַג ב. קלעצקין, ווילנע, 1915.
„אַ מעשה מיט דריי ברידער“ — פאַרלאַג ב. קלעצקין, ווילנע, 1915.
„די פאַרכשופטע בת-מלכה“ — פאַרלאַג ב. קלעצקין, ווילנע, 1915.
„שנייפעדערל“ — פאַרלאַג ב. קלעצקין, ווילנע, 1915.
„דער פוילער פוקס און די קלוגע הון“ — פאַרלאַג ב. קלעצקין, ווילנע, 1915.
„דער קאָטער אין שטיוול“, לויט זשוקאָווסקין.
„דאָס מיידעלע, וואָס האָט געראַטעוועט אַ צוג“ פון ד'אמיטשיס.
„דזשייקעלע שטיוולפוצער“ — זשורנאַל „אַרבעטער־פריינד“, ניו־יאָרק, 1924.
לידער פון לערמאָנטאָוו, פושקין, היינע, ניטשע, ווערלען און אנאַקרעאָן — אַנטאָלאָגיע „פּרעמדם“, פאַרלאַג „חבר“, מאָסקווע, 1918, זשורנאַלען: „אידישע וועלט“, ווילנע, 1915, „דאָס נייע לעבן“, ניו־יאָרק.

דניאל טשארני וועגן אַנדערע שרייבערס

י. אָפּאַטאָשו	— וועגן דער היסטאָריקער איז קינסטלער, „ליטעראַרישע בלעטער“, וואַרשע, 7טער פעברואַר 1930.
	— אָפּאַטאָשו אונטערוועגס — „ליטעראַרישע בלעטער“, וואַרשע, 8טער מערץ 1935.
בעל מחשבות	— אויפן קבר פון בעל־מחשבות, „פאָלקסבלאַט“, קאָוונע, 13טער יאַנואַר 1933.
דוד בערגעלסאָן	— מיין וואָרט צו דיר, דוד בערגעלסאָן „ליטעראַרישע בלעטער“, וואַרשע, 13טער סעפּטעמבער 1929.
משה בראָדערזאָן	— דעם יובילאַר, משה בראָדערזאָן, „נייער פאָלקסבלאַט“, לאָדזש, 15טער דעצעמבער 1933.
א. י. גראָדזענסקי	— דער ליטעראַרישער האַרעפּאַשניק — „אָוונט־קוריער“, ווילנע, נומער 150, 1934.
מ. ל. האַלפּערן	— א בריוו וועגן מ. ל. האַלפּערן — „אויפקום“, ניו־יאָרק, סעפּטעמבער — אָקטאָבער 1932.
פּרץ הירשביין	— דער וועלט-בירגער מיטן יידישן וועלט-שמערץ — „פאָלקסבלאַט“, קאָוונע, נ' 645, 1930.
א. וויטער	— דער גרויסער שווייגער — „קולטור און בילדונג“, מאָסקווע, יוני 1919.
	— לאָמיר טייער האַלטן זיין אָנדענק, „ליטעראַרישע בלעטער“, וואַרשע, 10טער אַפּריל 1929.
ז. וויינפער	— דער גאָלדענער האָן אין בערלין — „ליטעראַרישע בלעטער“, וואַרשע, 13טער סעפּטעמבער 1929.
	— ז. וויינפער — אונדזער גאַסט, „אויפקום“, ניו־יאָרק, אָקטאָבער 1929.

ב. וולאַדעק — מיין ערשטע באַגעגעניש מיט וולאַדעקן, „ב. וולאַדעק-בוך", ניו־יאָרק, 1935.

ד"ר חיים זשיטלאָווסקי — דער וואַנדערנדיקער פּראָפעסאָר, „פאָלקס־בלאַט", קאָוונע, אַפּריל 1935.

מאַני לייב — דער דיכטער פון פשטות, „פאָלקסבלאַט", קאָוונע, 24סטער אַפּריל 1931.

לייב מלאך — מיין הספד, „טשערנאָוויצער בלעטער", טשערנאָוויץ, 20סטער יוני 1937.

מענדעלע מוכר ספרים — צו מענדעלעס יאָרצייט, „קולטור און ביל־דונג", מאָסקווע, 10טער דעצעמבער 1918.

לייב ניידוס — לייב ניידוס, „קולטור און בילדונג", מאָסק־ווע, 1919.

לוי פרידמאַן — אַזוי האָט גערעדט לוי פרידמאַן, „די פּרע־סע", בוענאָס איירעס, 29סטער מאי 1930.

י. ב. ריבאַק — מיין ערשטער הספד, „פאָלקסבלאַט", קאָוו־נע, 3טער יאַנואַר 1936.

— מיט פאַרעקשנטע אָקסלען, „ריבאַק־בוך", פּאַריז, 1937.

אברהם רייזען — ער איז תמיד מיט אונדז, „ליטעראַרישע בלעטער", וואַרשע, נומער 111, 1926.

— אַ טאָסט לכבוד אברהם רייזען אויף אַ באַנ־קעט אין בערלין, „די פּרעסע", בוענאָס איי־רעס, דעצעמבער 1928.

— דער פייערטאָג, „ליטעראַרישע בלעטער", נ' 624, 1936.

ד"ר צמח שאבאד — דער מוזיניק, וואָס איז געוואָרן אַ בכור, „ווילנער טאָג", ווילנע, 21סטער פעברואַר 1934.

מאַרק שאַגאַל — מיט מאַרק שאַגאַלן אין ירושלים-דוויטעבסק, „די צייט", ווילנע, 15טער נאָוועמבער 1935.

— „יום הששי ויכלו השמים והארץ וכל צבאם", „פּאַריזער היינט", פּאַריז, 9טער יולי 1937.

— ראַפינירטע פאָלקסקונסט, „אויפקום", ניו־יאָרק, יאַנואַר 1938.

שלום עליכם — אויף די שפּורן פון שלום עליכמען און טשע־כאָוון אין באַדנווײַלער, „ליטעראַרישע בלע־טער", וואַרשע, נומערן 132 און 133, 1926.
— מײַן באַקאַנטשאַפט מיט שלום עליכמען, „ליטעראַרישע בלעטער", וואַרשע, נומער 140, 30סטער אַפּריל 1926.

וועגן יידישע שרײַבער אין „באַרג אַרויף" ב' I

דוד אײַנהאָרן — זייטן 129, 141, 151, 235, 237, 271.
ז. י. אנכי — זייטן 128, 140, 235.
בן־עמי (ראַבינאָוויטש) — זייט 266.
בעל־מחשבות — זייט 229.
דוד בערגעלסאָן — זייט 146.
ש. גאָרעליק — זייט 141.
ש. א. האָראָדעצקי — זייטן 219, 225.
פאַלק האַלפּערין — זייט 140.
ש. הורוויטש (ליטווין) — זייטן 226, 229.
פּרץ הירשביין — זייט 128.
א. ווייטער — זייטן 140, 142.
י. מ. ווייסענבערג — זייט 143.
ב. וולאַדעק — זייט 44, 76, 120, 127, 146, 176, 194, 283.
משה זילבורג — זייט 144.
מ. זילבערפאַרב — זייט 192.
זרובבל — זייט 130.
ד"ר חיים זשיטלאָווסקי — זייטן 221, 236.
י. טשערניכאָוו (דאַניעלי) — זייטן 126, 184, 196.
א. כאַשין — זייט 93.
ב. לאַפּין — זייטן 129, 151.
וו. לאַצקי־בערטאָלדי — זייטן 126, 181, 184, 188, 192, 195, 198, 123.
א. ליטוואַק — זייט 141.
מ. ליטוואַקאָוו — זייט 126.
ליפּמאַן־לעווין — זייטן 148, 174.
א. ליעסין — זייטן 5, 272.
זלמן מייזנער — זייטן 126, 174.

מנחם (באריישא) — זייט 151.
ה. ד. נאָמבערג — זייטן 128, 236, 237, 238, 257.
ש. ניגער — זייטן 44, 61, 70, 72, 120, 123, 127, 142, 144, 214, 220, 268, 289.
משה סטאַווסקי — זייטן 174, 175, 176.
א. סינגאַלאָווסקי — זייט 177.
נחמן סירקין — זייט 126.
ז. סעגאַלאָוויטש — זייט 140.
י. עפּרויקין — זייט 192.
י. ל. פּרץ — זייטן 174, 175, 176.
ז. קאַלמאַנאָוויטש — זייט 140.
מ. ב. ראַטנער — זייט 187.
אברהם רייזען — זייטן 135, 241.
ד"ר מ. שאַדאַנין — זייטן 183, 184, 200.
שלום עליכם — זייטן 236, 238, 239, 240, 165.

הירש אַבראַמאָוויטש — אַ קולטור-היסטאָרישער מעמואַרן־ראָמאַן, „דאָס נייע וואָרט“, וואַרשע, 28סטער יוני 1935.

אמיקוס — באַרג אַרויף, „אונדזער שטימע“, וואַרשע, 30סטער אויגוסט 1935.

זישע באַגיש — בלעטלעך פון אַ לעבען, „מאָמענט“, 22סטער פעברואַר 1935.

יעקב באַטאַשאַנסקי — משפּחה־כראָניק, „די פּרעסע“, בוענאָס-איירעס, 27סטער דעצעמבער 1937.

— אונטערוועגס, „די פּרעסע“, בוענאָס-איירעס, 6טער פעברואַר 1929.

— אַ שמועס מיט דניאל טשאַרנין, „די פּרעסע“, בוענאָס איירעס, 3טער מאי 1931.

— פּאָרטרעט פון דניאל טשאַרנין, פאַרלאַג „ליטעראַרישע בלעטער“, וואַרשע, 1933.

— ד. טשאַרני גייט באַרג אַרויף, „די פּרעסע“, בוענאָס איירעס, 6טער מערץ 1935.

— צום 50סטן געבוירנסטאָג, „די פּרעסע“, בוענאָס איירעס, 2טער נאָוועמבער 1937.

— אַ ראַדיאָ־רעדע וועגן דניאל טשאַרנין, „די פּרעסע“, בוענאָס איירעס, 6טער פעברואַר 1938.

מ. באַסין — אַנטאָלאָגיע: 500 יאָר יידישע פּאָעזיע, ניו-יאָרק, 1917.

נתן בוקסבוים — צווישן אייגענע ליידן און געזועלשאַפטלעכן געראַנגל, „לאָדזשער אַרבעטער-צייטונג“, לאָדזש, 5טער יוני 1936.

ד"ר שלמה ביקל — אַ צווייטע יעקב דינעזאָן-געשטאַלט, „די וואָך“, בוקאַרעשט, 28סטער פעברואַר 1935.

משה בלעכער — די געשיכטע פון אַ וואַנדער-לעבן, „דער רעפלעקטאָר“, קראָקע, יולי — אויגוסט 1935.

אהרן בעקערמאַן — דניאל טשאַרני אין פּאַריז, „די פּרעסע“, בוענאָס איירעס, 6טער פעברואַר 1935.

יעקב גאָטליב	— אונטערוועגס, „מיר אַליין", זאַמלהעפט, קאָוונע, 1930.
	— דניאל טשאַרני, „פאָלקסבלאַט", קאָוונע, 30סטער מאַי 1930.
	— אַ באַגריסונג צו דניאל טשאַרנים אָנקום קיין קאָוונע, „פאָלקסבלאַט", קאָוונע, 1טער אַפּריל 1931.
	— מיטן פּנים צו דער וועלט, „פאָלקסבלאַט", 6טער יאַנואַר 1933.
נ. י. גאָטליב	— אַן אָוונט מיט דניאל טשאַרנין אין בערלין, „קע־נעדער אָדלער", 8טער אויגוסט 1930.
	— מיטן אימפּעט פון זיין בלוט, קענעדער אדלער", מאָנטרעאַל, 2טער אַפּריל 1935.
ב. צ. גאָלדבערג	— דער אוקראַיניזירטער · ליטוואַק, „דער טאָג", ניו-יאָרק, 29סטער מאַי 1938.
ש. גאַליצער	— דער וועג באַרג אַרויף, „אויפגאַנג", סיגעט, דע־צעמבער 1934.
יוסף גאַר	— דער טאָפּעלער יובילאַר, „פאָלקסבלאַט", קאָוונע, 29סטער אָקטאָבער 1937.
יעקב גלאַנץ	— דער באַרג-אַרויף פון דער יידישער אינטעליגענץ, „בייטראַג", מעקסיקע, יאַנואַר 1936.
א. י. גראָדזענסקי	— צוריק אַ היים, „אָוונט-קוריער", ווילנע, 1טער פעברואַר 1935.
נתן גרינבלאַט	— דניאל טשאַרני אין קאָוונע, „אידישע שטימע", קאָוונע, 19טער אַפּריל 1929.
	— דער דיכטער און פּראָזאַיקער, „אידישע שטימע", קאָוונע, 29סטער דעצעמבער 1932.
ס. דובנאָוו-ערליך	— דער קאַמעראַלער דיכטער, „נייע פאָלקס-צייטונג", וואַרשע, 12טער נאָוועמבער 1937.
שמעון האָראָנטשיק	— אַ גרוס פון דניאל טשאַרנין אין בערלין, „פאָלקס-צייטונג", וואַרשע, 13טער יוני 1930.
וואַוו	— איר מעגט דאָס וויסן (וועגן „באַרג אַרויף"), „די וואָך", ווילנע, 3טער דעצעמבער 1935.
נ. וויינינג	— אַ באַנד ליריק אין פּראָזע, „דניאל טשאַרני-בוך", פּאַריז, 1939.

ז. ווינפער — משפחה־כראָניק, „אויפקום“, ניו-יאָרק, פעברואַר 1928.

— א פּאָרטרעט פון דניאל טשארנין, „פרייע ארבע־טער שטימע“, ניו-יאָרק, 4טער יולי 1930.

— צום 50סטן געבוירנסטאָג, „אויפקום“, ניו-יאָרק, סעפּטעמבער — אָקטאָבער 1937.

ב. וולאדעק — דאַניע, „צוקונפט“, ניו-יאָרק, אָקטאָבער 1937.

פּרץ ווערניק — משפּחה־כראָניק, „מאָרגנזשורנאל“, ניו־יאָרק, 19טער פעברואַר 1928.

ש. ד. זינגער — א בריוו וועגן „בארג ארויף“, „פרייע ארבעטער-שטימע“, ניו-יאָרק, 13טער דעצעמבער 1935.

ש. ז. — אונטערוועגס, „ליטערארישע בלעטער“, ווארשע, נומער 1, 1929.

א. טאבאטשניק — אונטערוועגס, „צוקונפט“, ניו-יאָרק, מערץ 1929.

משהל יאוואָרקאָווסקי — א שול־ארבעט, „דניאל טשארני־בוך“, פּאריז, 1939.

ב. לאפּין — אונטערוועגס, „אויפקום“, ניו-יאָרק, מערץ 1929.

וו. לאצקי-בערטאָלדי — א יונגער בעל זכרונות, „פרימאָרגן“, ריגע, 6טער יאַנואַר 1928.

— דניאל טשארנים מוזע, „פרימאָרגן“, ריגע, 5טער פעברואַר 1933.

מ. ליטוואקאָוו — וועגן „משפּחה-כראָניק“, „עמעס“, מאָסקווע, 20סטער יוני 1926.

לייבוש לעהרער — א ביאָגראפיע פון א דור, „צוקונפט“, ניו-יאָרק יולי 1935.

הערמאַן לעווי — דער אמבאסאדאָר פון יידישלאנד, „ליטערארישע בלעטער“, ווארשע, 1טער יאַנואַר 1933.

חיים לעווין — בארג ארויף, „די צייט“, ווילנע, 3טער מערץ 1935.

יעקב לעשצינסקי — מיין באגריסונג, „פּאָלקסבלאט“, קאָוונע, 27סטער דעצעמבער 1932.

ש. מאראָוויטש — אונטערוועגס, „די צייט“, טשענסטאָכאָוו, 25סטער יאַנואַר 1929.

— א בוך פון א גרויסן קינסטלער, „די צייט“, טשענסטאָכאָוו, 15טער אפּריל 1935.

אהרן מארק — סינטעז פון געשיכטע און דיכטונג, „ליטעראַרישע בלעטער", וואַרשע, 18טער יולי 1935.

יודל מארק — ער וויסט דעם סוד, „פאָלקסבלאַט", קאָוונע, 27סטער דעצעמבער 1932.

פרץ מאַרקיש — וועגן משפחה־כראַניק, „ליטעראַרישע בלעטער", וואַרשע, נומער 106, 1926.

ד"ר א. מוקדוני — אַ קלאַסיש מעמואַרן־בוך, „מאָרגענזשורנאַל", ניו־יאָרק, 6טער מערץ 1935.

— דער מוזיניקל, „מאָרגענזשורנאַל", ניו־יאָרק, 20סטער אָקטאָבער 1937.

נחמן מייזיל — בלעטלעך פון אונדזער לעבן, „ליטעראַרישע בלעטער", וואַרשע, 25סטער יאַנואַר 1935.

— בלעטלעך פונעם לעבן פון אַ דור, „היינט", וואַרשע, 20סטער סעפּטעמבער 1935.

ל. מ. מנחם — טשאַרני, דער בעל יובל, „אידישער קוריער", שיקאַגע, 14טער נאָוועמבער 1937.

וו. מער — אַ באַרעכטיקטער וואונטש, „קוריער ווילענסקי", (פויליש), 18טער אָקטאָבער 1925.

ש. ניגער — לייכטע פערזן, „דער טאָג", ניו־יאָרק, 18טער אָקטאָבער 1925.

— באַרג אַרויף, „דער טאָג", ניו־יאָרק, 15טער מאַי 1935.

לייב ניידוס — פינף סאָנעטן וועגן דניאל טשאַרנין, ליריק, ערשטער באַנד, פאַרלאַג ה. בזשאָזאַ, וואַרשע, 1927.

ד"ר מ. סודאַרסקי — דניאל טשאַרני אין קאָוונע, „פאָלקסבלאַט", קאָוונע, 29סטער נאָוועמבער 1932.

— דניאל טשאַרני — דער מענטש און געזעלשאַפטלעכער טוער, „פאָלקסבלאַט" קאָוונע, 23סטער דעצעמבער 1932.

— דניאל טשאַרני אין ריגע, „פאָלקסבלאַט", קאָוונע, 6טער נאָוועמבער 1933.

— באַרג אַרויף, „פאָלקסבלאַט", קאָוונע, 22סטער מערץ 1935.

— צום טאָפּעלען יובילײ פון דניאל טשאַרנין, „פאָלקסבלאַט", קאָוונע, 26סטער סעפּטעמבער 1937.

י. סיגעל — נאָך מער ווי אַן אויטאָביאָגראַפיע, „אינדריטצם יום טוב־שריפטן“, שיקאַגע, שבועות, מאי 1936.

צעציליע סלאָפּאַק — באַרג אַרויף, „נאַשע אָפּיניאַ“ (פּויליש), 10טער נאָוועמבער 1935.

— דער שמייכלענדיקער וואַנדערער, „פּיאָנטאַ ראַנאָ“ (פּויליש), 28סטער אָקטאָבער 1937.

ראָבערט ס. מאַן — משפּחה־קראַניק, „אונדזער האָפנונג“, וואַרשע, 15טער אָקטאָבער 1926.

א. ס — ץ — משפּחה־קראַניק, „שטערן“, כאַרקאָוו, 16טער יוני 1926.

גרשון פּאָמעראַנץ — אַ ספר צום לייענען און לערנען, „דניאל טשאַרני־בוך“, פּאַריז, 1939.

א. מ. פוקס — אַ מעשה בגימל אחים, „דניאל טשאַרני־בוך“, פּאַריז, 1939.

לאָטע פידלער־מלאָך — דניאל טשאַרני ביים שרייבטיש, „דער אידישער זשורנאַל“, טאָראָנטע, 12טער נאָוועמבער 1937.

לעאָ פינקלשטיין — פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט, „נאַש פּשעגלאָנד“ (פּויליש), 18טער אויגוסט 1935.

איציק פעפער — דניאל טשאַרני אין בערלין, „אָקטיאַבער“, מינסק, 6טער יולי 1927.

נ. פראַנק — דער משולח, „פּאַריזער היינט“, פּאַריז, 8טער אָקטאָבער 1937.

יהודה פריד — אַ גרוס פון טאַטן, „פאָלקסבלאַט“, קאָוונע, 6טער יאַנואַר 1938.

פּרץ צונזער — אַ בוך פון טיפסטן נחת רוח, „פרייע שריפטן“, וואַרשע — לאָנדאָן, אָקטאָבער 1935.

ד״ר י. ב. צפּור — אַ היימיש בוך, „בעלגישע בלעטער“, בריסל, אַפּריל 1936.

א. ב. צעראַטאַ — דער דוקאָרער אין פּאַריז, „דניאל טשאַרני־בוך“, פּאַריז, 1939.

ר. צרפת — אונדזער אַלעמענס דוקאָר, „לעצטע נייעס“, קאָוונע, 29סטער דעצעמבער 1932.

ש. קאַלדאָוסקי — אַ מערקווירדיק בוך, „די צייט“, לאָנדאָן, 29סטער אַפּריל 1935.

לאַזאַר קאַהאַן — מיטן וואַנדערשטעקן אין האַנט, „אונזער עקספּרעס“, וואַרשע, 7טער יאַנואַר 1938.

ב. קאַצענעלזאָן — לייכטע פּערזן, „די פּעדער", ניו־יאָרק, יאַנואַר 1926.

מ. קיטאַי — דער וועלט-בירגער פון יידיש לאַנד, „ליטעראַרישע בלעטער", וואַרשע, 10טער דעצעמבער 1937.

— באַרג אַרויף, „באַפרייאונג", וואַרשע, 8טער מערץ 1935.

— פּאָרטרעט פון דניאל טשאַרנין, „אונדזערע שרייבער און קינסטלער", פאַרלאַג „ליטעראַרישע בלעטער", וואַרשע, 1938.

י. ק — ן — משפּחה-כראָניק, „פרייע אַרבעטער־שטימע", 16טער דעצעמבער 1927.

י. קלינאָוו — א בריוו צו דניאל טשאַרנין, „אידישע שטימע," קאָוונע, 27סטער דעצעמבער 1932.

א. קרעמער — א שמועס מיט דניאל טשאַרנין, „פּאַריזער הײנט", פּאַריז, 24סטער דעצעמבער 1936.

מלך ראַוויטש — א לעבעדיק און גרויזאַם בילד, „פאָלקסצייטונג", וואַרשע, 11טער נאָוועמבער 1927.

י. ראָזנבוים — א געווינס פאַר דער יידישער ליטעראַטור, „די וואָך", ריגע, 2טער דעצעמבער 1927.

מ. ראָזענבערג — אַן אינטערעסאַנטע עפּאָכע, „דער וועג", מעקסיקע, 28סטער מאַי 1935.

י. ראַפּאָפּאָרט — פונקען פון א פלאַם, „פרייע אַרבעטער-שטימע", ניו-יאָרק, 1טער יאַנואַר 1937.

ד"ר י. רובין — משפּחה-כראָניק „ליטעראַרישע בלעטער", וואַרשע 6טער יאַנואַר 1928.

— דניאל טשאַרני אין „ראָמאַנישן קאַפע", „ליטעראַרישע בלעטער", וואַרשע, 14טער פעברואַר 1930.

— אין ערנסט און אין שפּיל, „טשערנאָוויצער בלעטער", טשערנאָוויץ, יאַנואַר 193.

— דניאל טשאַרני, „אויפקום", ניו־יאָרק, יאַנואַר — פעברואַר 1933.

אברהם רייזען — א שעפער פון פיינסטן פּאַרנעס, „דניאל טשאַרני־בוך", פּאַריז, 1939.

זלמן רייזען — א גרוס פון דניאל טשאַרנין אין בערלין, „ווילנער טאָג", ווילנע, 17טער יאַנואַר 1932.

זלמן רייזען — דניאל טשארני אין ווילנע, „ווילנער טאָג“, ווילנע, 1טער פעברואר 1936.
— לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור, באַנד 1, ווילנע, 1926.

מארק שאַגאַל — פּאַרוואָס האָב איך אים ליב, „פּאַריזער היינט“, פּאַריז, 10טער אָקטאָבער 1937.

משה שאַליט — א שטיק יידיש לעבן פון אמאָל, „ביכער־וועלט“, ווארשע, אָקטאָבער 1928.
— דניאל טשארנים לעבנס־וועג, „דניאל טשארני־בוך“, פּאַריז, 1939.
— פּנקס פון געגנט־קאָמיטעט „יעקאפּא“, ווילנע, 1930.

ד"ר י. שאַצקי — „משפחה־כראָניק“, „פרייע ארבעטער־שטימע“, ניו־יאָרק, 18טער יוני 1926.

שיפרעס — וועגן איינעם א יידן, „אָקטיאבער“, מינסק, 15טער פעברואר 1928.

ב. שלעווין — אויף די שפּורן פון דניאל טשארנין, „דניאל טשארני־בוך“, פּאַריז, 1939.

ש. ל. שניידערמאַן — א שעה מיט דניאל טשארנין, „אילוסטרירטע יידישע פּרעסע“, פּאַריז, 17טער דעצעמבער 1934.

באַריכט פון דניאל טשאַרנים יובילײ-אָוונט אין פּאַריז

פרײטיק, דעם 8טן אָקטאָבער 1937 האָבן זיך אין זאַל „מאָנטע-קאַרלאָ" (פּאַריז, שאַנז עליזיי) פאַרזאַמלט אַ פּאָר הונדערט פרײַנד און קאָלעגן פונעם דיכטער דניאל טשאַרני — צווישן זײ — אַ סך שרײַבער, קינסטלער און קולטור-טוער, כדי צו פײַערן דעם פופציקסטן געבוירנסטאָג און די דרײַסיק־יאָריקע ליטעראַריש-געזעלשאַפטלעכע טעטיקײט פון דעם יובילאַר.

פאָרזיצער פון באַנקעט איז געווען דער היסטאָריקער א. טשעריקאָווער. אין פּרעזידיום זענען פאַרבעטן געוואָרן די פרײַנד י. אַפּאַטאָשו, ד"ר י. ברוצקוס, דער טונקעלער (יוסף טונקעל), ד"ר א. סינגאַלאָווסקי, ד"ר מ. סודאַרסקי, ישראל עפרויקין, פּראָפּ' מ. קראָל און מאַרק שאַגאַל.

א. טשעריקאָווער עפנט דעם באַנקעט מיט אַ קורצער כאַראַקטעריסטיק פון דעם יובילאַר — אַלס מענטש, דיכטער און כלל-טוער. ער ווײַזט אָן אויף דער אומפאַרגלײַכלעכער איבערגעגעבנקײט פון דניאל טשאַרני צו דער יידישער ליטעראַטור און צו דער יידישער קולטור-אַרבעט בכלל.

דער באַרימטער שריפטשטעלער יוסף אַפּאַטאָשו, וועלכער איז גראָד דערנסטמאָל געווען אין פּאַריז האָט געגעבן אַ גלענצנדיקע אָפּשאַצונג וועגן דניאל טשאַרנין אַלס אויטאָביאָגראַף. ער ווײַזט אָן, אַז אין דער יידישער געשיכטע איז ניט געווען קײן פאַרשטענדעניש פאַר העלדן, ממילא אויך ניט פאַר ביאָגראַפיעס און אויטאָביאָגראַפיעס. אַן ענדערונג טרעט אַרײַן אין 18טן יאָרהונדערט. דניאל טשאַרני ציט ווײַטער דעם פאָדעם. זײַן מעמואַרן-בוך „באַרג אַרויף" איז אַ ווערק פון אַ זײער גרויסן ליטעראַ־רישן ווערט.

אין אַ הומאָריסטישער פאָרעם באַגריסט דער באַקאַנטער שרײַבער יוסף טונקעל (דער טונקעלער) דעם בעל יובל. וויציק, געמיטלעך, און שאַרפ־זיניק שילדערט דער „טונקעלער" דניאל טשאַרנין דעם ליטעראַט, דיכטער און געזעלשאַפטלעכן טוער.

ד"ר י. ברוצקוס טײלט זיך מיט זײַנע זכרונות וועגן דעם יובילאַר און זײַן פרוי. ער דערמאָנט אינטערעסאַנטע עפּיזאָדן פון יידישן לעבן אין רוסלאַנד און דניאל טשאַרנים טעטיקײט אין יענע יאָרן. ער ווינטשט דעם בעל יובל נאָך לאַנגע יאָרן פון שעפערישער אַרבעט.

ד"ר א. סינגאַלאָווסקי ווײַזט אָן אויף דעם באַזונדערן טאַלענט פון דניאל טשאַרנין זיך צו דערווערבן פרײַנד. ער גיט אויך אַ גלענצנדיקע

כאַראַקטעריסטיק פון טשאַרנים לידער און „משפחה־כראָניק" און פירט אויס, אַז די „משפחה־כראָניק" ווירקט טיף מיט איר עכטקייט, אויפֿריכטיקייט און פיינעם הומאָר מיט וועלכן דער דיכטער איז באַגאַבט.
ד"ר מ. סודאַרסקי (קאָוונע) רעדט וועגן יובילאַר, דעם אומדערמידלעכן כלל-טוער, וואָס כאַפּט אויף אַלע פרייד און לייד פון דער יידישער מאַסן-קולטור.
די באַגריסונג פון דעם גרויסן קינסטלער מאַרק שאַגאַל „פאַרוואָס איך האָב ליב טשאַרנין" ווערט אויפגענומען מיט גרויס באַגייסטערונג.
דער פאָרזיצער א. טשעריקאָווער לייענט פאַר מערערע באַגריסונגען פון געזעלשאַפטן און יחידים און גיט איבער דאָס לעצטע וואָרט דעם בעל־יובל.
אין טיף־רירנדיקע ווערטער דאַנקט דניאל טשאַרני די פיל פריינד און פאַרערער פון אַלע שיכטן פון יידישן פאַריז, וועלכע באַטייליקן זיך אין זיין שמחה. דער דיכטער לייענט פאַר אַ ליד „פופציק יאָר מיינע", וואָס ער האָט אָנגעשריבן וועגן זיך אַליין. דאָס שיינע לירישע ליד, וואָס כאַראַקטעריזירט די אַלע 50 יאָר פון דיכטערס לעבן, לאָזט איבער אַ טיפן איינדרוק אויף אַלע אָנוועזנדיקע.
אין אַ געהויבענער שטימונג שליסט זיך דער שיינער באַנקעט און די פיל אָנוועזנדיקע שרייבער, געזעלשאַפטלעכע טוער, קינסטלער און פאַרערער ווינטשן דעם יובילאַר געזונט, אריכת־ימים און פּראָדוקטיווע אַרבעט אויף אַלע געביטן אין וועלכע ער איז טעטיק. דניאל טשאַרני און זיין פרוי דריקן אַלעמען אויס זייער טיפסטן דאַנק און דער עולם צעגייט זיך צופרידן פון פיינעם יום טוב.

(„פאַריזער היינט", 10טער אָקטאָבער 1937).

באַגריסונגען

צום 50־יאָריקן יובל פון דניאל טשאַרנין זענען אָנגעקומען באַגריסונגען פון די פאָלגנדיקע אָרגאַניזאַציעס, געזעלשאַפטן און יחידים:

אויסטראַליע:

ש. בריליאַנט, ש. ווין, א. פּאַטקין, א. ש. ראָז און י. שער.

אַמעריקע:

„אַרט"־פעדעראַציע, „היאַס", „קינדער־זשורנאַל". דוד איגנאַטאָוו, מ. אינדריטץ, מ. באָגדאַנסקי, מ. באָריישאַ, ס. באָרענשטיין, פּיליפּ בלאָק, בן־שלום, יעקב בראָדסקי, ב. צ. גאָלדבערג, ברוך גאָלדהאַרט, ל. גאָרעליק, אברהם הערמאַן, ב. וולאַדעק, זאַלקע און מענדל טשאַרני, יעפּים ישורין, ב. לאַפּין, שאול מאַליץ, קלמן מרמר, ש. ניגער, אַרטור עסעלין, מ. צעשינסקי, אברהם רייזען און ל. מ. שטיין.

טשעכאָסלאָוואַקיי:

ד"ר מיכאל וואָורמבראַנד און פרוי.

ליטע:

ד"ר מ. סודאַרסקי און פרוי, י. ראָזאָווסקי, רעד' ר. רובינשטיין און טוביה שערעשעווסקי.

לעטלאַנד:

פּראָפ' ש. דובנאָוו, י. ראָזענבוים, א. ראַבינאָוויטש,

ענגלאַנד:

אסתר קרייטמאַן, ד"ר י .נ. שטיינבערג און משפּחה.

עסטלאַנד:

י. האַלברייך און פרוי.

פאלעסטינע:

רעדאקציע „ניי־וועלט", תל־אביב. וו. לאצקי־בערטאלדי, הערמען סוועט, ד"ר י. רובין,

פוילן:

רעדאקציע „ווילנער טאג", ווילנע, „געזעלשאפט פאר ספעציעלער דער־ציאונג", ווילנע, „יונג־ווילנע", „יונג־טעאטער", יידישער וויסנשאפטלע־כער אינסטיטוט, „יידישער ליטעראטן־ און זשורנאליסטן־פאריין" אין ווילנע, „פריינד פון דער יידישער רעאל־גימנאזיע", ווילנע, „צענטראלער בילדונגס־קאמיטעט" (צ' ב' ק'), פארלאג „קינדער־פריינד", ווארשע. משה בראדערזאן, לאדזש, דיר' י. גיטערמאן, א. י. גראדזענסקי, חיים גראדע, ע. הערמאן, א. וואגלער, ד"ר מ. וויינרייך, ד"ר מ. ווייכערט, דיר' טור־באוויטש, מ. טייכמאן, ד. לובאצקי, לייזער וואלף, משה לעווין, יעקב לעשצינסקי, איציק מאנגער, פרץ מיראנסקי, א. סוצקעווער, ש. קאגאן, ז. קאלמאנאוויטש, ד. קאפלאן־קאפלאנסקי, זלמן רייזען, משה שאליט, ירמיהו שאפירא, נ. שמערקע.

פראנקרייך:

„אמעריקען דזשאינט דיסטריביושן־קאמיטע", „אזע", „ארט"־פארבאנד, רעדאקציע „פאריזער היינט", פאריז. ר. אבראמאוויטש, דוד איינהארן, לעא גלעזער, א. דיזשור, ד. לוואוויטש, י. מאזע, יוסף מילנער, י. עפרויקין, פארטוגייז, ישראל קאראלניק, פראנץ קורסקי, ד. קלעמענטינאווסקי, ב. רעדער, מארק שאגאל, דזש. שאפירא, ז. שניאור.

Montreal JEWISH PEOPLE'S LIBRARY